STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05612

DOS HARTS FUN FOLK

Z. Abrams

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Leonard & Mary Lou Morgenstern
in honor of
Isaac & Fannie Morgenstern

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר. ז. אייבראַמס

דאָס האַרץ פון פאָלק

(פון דער סעריע „אידן אין אַמעריקע״)

ניו יאָרק — 1928

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „אידן״
54 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

Copyright — 1928
by
DR. Z. ABRAMS
New York, N. Y.

אריאָם פּרעס, 54 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

איינלייטונג

דאס בוך איז דאס ערשטע פון א סעריע ביכער אונטערן נאמען „אידן אין אמעריקע", מיט פאלגנדיקע טעמעס:

א) דאס הארץ פון פאלק. ב) אונזערע נאציאנאלע וואוילטעטיקע אנשטאלטן. ג) אונזערע לאקאלע וואוילטעטיקע אנשטאלטן. ד) אונזערע געזעלשאפטלאכע ארגאניזאציעס. ה) אונזערע רעליגיעזע אנשטאלטן. ו) אונזערע דערציהונגס אנשטאלטן. ז) אונזערע פאראיינען און לאנדסמאנשאפטן.

דער שטודיום פאר דער ארבעט איז פון מיר געמאכט געווארן דורך ספעציעלע באזוכן פאר דעם צוועק אין פארשיידענע אידישע ישובים אין די פאראייניקטע שטאטן. אלס אן ערפארענער געזעלשאפטלאכער טוער האב איך אין א משך פון עטלאכע יאר ענערגישע ארבעט באזוכט די אידן אין אמעריקע — אין זייערע היימען, בא זייערע באשעפטיקונגען, אין די שולן און „צענטערס, אין זייערע פאראיינען, בא זייערע מיטינגען און אונטערנעמונגען, אין די דערציאונגס־אנשטאלטן א. א. וו.

אויף א גאנץ אביעקטיוון אופן האב איך זיך צוגעקוקט צו אלעם וואס עס טוט זיך אין יעדע ווינקעלע פון אונזער געזעלשאפטלאכקייט, דא אין לאנד און אינם זעלבן אופן איז דער מאטעריאל געזאמלט און געדרוקט געווארן. מיין ארבעט איז דא באשטאנען נאר ארויסצונעמען א ערלאכע קאפיע פון לעבעדיקע פאקטן.

דער איצטיקער מאטעריאל ווערט געדרוקט צום ערשטן, ווייל איך האלט אז „צדקה אין אמעריקע" איז דער ערשטער און וויכטיקסטער זייל, פון וועמען עס איז אפהענגיק די איבעריקע טעטיקייטן דא אין לאנד.

כדי צו האבן די מעגלאכקייט זיך באגעגענען פנים אל פנים מיט אונזערע צדקה־געבער און ניט־געבער, האב איך זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט „האיאס" (היברו שעלטערינג ענד אימיגראנט עיד סאסייעטי) און אין א משך פון צוויי יאר האב איך, א דאנק די דאזיקע פארבינדונגען, געמאכט מיין טור ניט בלויז פון שטאט צו שטאט, נאר טאקע בפועל ממש פון הויז צו הויז. די ארבעט האב איך געטאן אונטער א פסעוודאנים, כדי די פערזאנען צו וועמען איך בין געקומען מאנען געלט פאר דעם אנשטאלט, זאלן זיך ניט רעכענען מיט מיר פערזענלאך און זיין פריי צו האנדלען ווי זיי געפעלט. איך האב געוואלט דורכמאכן אלע עטאפן פון א פראפעסיאנעלן קאלעקטאר אדער משולח, כדי צו פארזוכן אלע זייערע איבערלעבונגען. און אזוי ארום איז מיר געלונגען דורכצופירן מיין אויפגאבע ווי איך האב געוואלט.

איך האב אויסגעקליבן „האיאס", ווייל ערשטנס איז זי א וועלטלאכע ארגאניזאציע און איר טעטיקייט איז מער צוגעפאסט צו מיין געזעלשאפטלא־

בער אומפּאַרטייאישער אַנשויאונג; און צווייטנס — ווייל די באַציהונג פון די אידן אין אַמעריקע צו אַזאַ אַנערקענטע וועלט־פּאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע (אגב, דורך וועלכע זיי אַליין אָדער זייערע פריינט, באַקאַנטע און לאַנדסלייט זיינען באַדינט געוואָרן) איז, נאָך מיין מיינונג, מער סימפּאַטאַטיש פאַר זייער מאָראַלן צושטאַנד און גיט בעסערע מעגלאַכקייטן אַריינצודרינגען טיפער אין דעם גאַנצן ענין צדקה צווישן אונזערע אידן דאָ אין לאַנד. (מהאי טעמא גיב איך שוין דאָ די מאַטעריאַלן וועגן „האיאס“, כאָטש לויט דער אָרדנונג דאַרפן זיי אַריין אין מיין צווייטן בוך, וואו עס ווערן באַהאַנדלט אַנדערע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן.)

אויף מיין טור איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן גאָר אַ שווערן וועג, ווי מען זאָגט, דורך בלומען און דורך דערנער, ביז איך בין געקומען צו דער איבערצייגנדיקער מיינונג, וועלכע ווערט אויספירלאַך באַהאַנדלט אין די איצטיקע געדרוקטע מאַטעריאַלן. איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז די אידישע עפנטלאַכע מיינונג, באַקענענדיק זיך מיט אַזעלכע פאַקטן פון לעבן, וועט געוויס נעמען אַ שטעלונג צו אַזאַ אַנגעווייטאַקטער פראַגע.

אַלס אַן אומאייגננוציקער געזעלשאַפטלאַכער טוער, נעם איך זיך די רעכט, אגב, צו באַמערקן, אַז אַזוי ווי אין אַלע מיינע גרעסטע געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייטן, ווען דורך מיין אויפזיכט זיינען דורכגעגאַנגען מיליאָנען געלטער פאַר גרעסערע אידישע אַרבעט און איך האָב קיינמאָל פון זיי ניט נהנה געווען אַפילו אַ פּרוטה, אַזוי אויך איצטער, בא דער דאָזיקער אַרבעט, דורכמאַכנדיק די שווערסטע ניט־אַנגענעמע איבערלעבונגען, האָב איך ניט נהנה געווען מערער ווי די שפּאַרזאַמסטע וועג־מיטלען האָבן געפאָדערט. איך מוז עס זאָגן דערפאַר, ווייל איך וויל ניט, אַז בא וועמען עס איז זאָל דורכלויפן דער קלענסטער געדאַנק, אַז די מאַטעריאַלן ווערן געדרוקט צוליב מאַטעריעלע אויסרעכענונגען.

איך דערמאָן דאָ נעמען פון פּערזאָנען, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז גוטע מעשים מוזן דערגרייכן די עפנטלאַכקייט און אָפּשאַצונג. איך האָב געזען, אַז ניט־גוטע פּאַרשוינען טוען זייערע שלעכטע מעשים אַזוי חוצפּה'דיק און ניט באַהאַלטענערהייט, בשעת אונזערע בעסערע מענטשן ווילן דוקא זיין באַשיידן אין זייער וואוילטעטיקייט. איך בין לחלוטין ניט מסכים מיט אַזאַ באַשיידנקייט. איך האַלט, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען ווי מיר זעען דעם לעבן אין דער געגענוואַרט, מוז מען גוטע מעשים טאָן בפרהסיא. מיר מוזן אַלס ביישפּיל באַווייזן אין דער עפנטלאַכקייט ווער עס זיינען בא אונז פון די בעסערע, כדי דורכדעם העלפן פאַרגרעסערן זייער צאָל. נאָר דערפאַר דערמאָן איך דאָ נעמען פון פּערזאָנען, אָבער בשום אופן ניט צוליב כיבודים טיילן אָדער אַנדערע מאַטעריעלע טעמים.

אידישע צדקה

(ערשטע אפטיילונג)

אינהאַלט:

א. פרייוויליקע צדקה איז אונזער איינציקע פאָלקס קאַסע — — — — — 7

ב. די יסודות פון צדקה אין איר אַנטשטייאונג — — — — — — — — — 9

ג. צדקה אין צייט פון חכמי התלמוד — — — — — — — — — — — — 11

ד. ווי אַזוי דאַרף אַ איד געבן צדקה — — — — — — — — — — — — 14

ה. צדקה אַלס סאָציאַלע פאַרזיכערונג — — — — — — — — — — — 17

ו. דער מאָטיוו פאַר צדקה אין דער אַלטער היים — — — — — — — — 19

ז. ווי די צדקה האָט אויסגעזען אין דער אַלטער היים — — — — — 21

ח. דער מאָטיוו פון צדקה ביי די ערשטע אימיגראַנטן — — — — — — — 29

ט. עס פעלן די יסודות פאַר טראַדיציאָנעלע אידישע צדקה — — — — — 32

י. די באַציאונג פון אונזער יוגנט אין אַמעריקע צו אידישע צדקה — — 35

יא. אידישע פרויען אין אַמעריקע און אידישע צדקה — — — — — — — 37

יב. די פליכטן פון לאָקאַלע פאַראיינען צו נאַציאָנאַלע אנשטאַלטן — — 40

יג. די צאָל פון נעמער ווערט גרעסער, פון געבער קלענער — — — — — 42

יד. עס פעלט אַ קאָנטראָל איבער צדקה מאָנער — — — — — — — — — 45

טו. אַ תירוץ פאַר ניט געבן — — — — — — — — — — — — — — 47

טז. קאָנצענטראַציע פון אידישע צדקה — — — — — — — — — — — 49

א.

פרייוויליקע צדקה איז אונזער איינציקע פאָלקס־קאַסע

באַ אונז אידן איז עס ממש אַ לעבנס־פראַגע. צדקה איז דאָך אונזער איינציקע פאָלקס־קאַסע, פון וואַנען מיר ציען די גאַנצע יניקה פאַר אַלע אונזערע געזעלשאַפטליך־נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן. דאָס אידישע פאָלק האָט דאָך ניט קיין אייגענע רעגירונג־קאַסע פון וואַנען צו באַקומען די נויטיקע סכומים פאַר די געזעלשאַפטלאַכע איינריכטונגען. באַ אונז מוזן מיר דאָך אויסהאַלטן אַלע אונזערע נויטיקסטע אַנשטאַלטן נאָר פון די פרייוויליקע סכומים, וועלכע מיר נעמען באַ פרייוויליקע געבער. אַזעלכע סכומים טרעפן אָן אין די מיליאָנען דאָלאַר אַ יאָר. גאַנצע אוצרות מיט צדקה גיבן די אַמעריקאַנער אידן אויסצוהאַלטן אידיש־געזעלשאַפטלאַכע אַנשטאַלטן. אַמע־ריקאַנער אידישע צדקה האָט פאַר די לעצטע צען יאָר דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע, אַז עס איז ממש צו באַוואונדערן. מען דאַרף באַזוכן די אידישע ישובים איבערן גאַנצן שטח פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אום צו האָבן אַ וועלכן ס׳ניט איז באַגריף וויפיל צדקה דער איד, אָן אונטער־שייד פון קלאַס, גיט פאַר די אַלע וועלכע שטרעקן אויס אַ האַנט נאָך הילף. דאָ דאַרף אויך באַמערקט ווערן, אַז דער איד גיט צדקה ניט בלויז פאַר ספּעציעל־אידישע באַדערפעניש. דער איד פאַרנעמט דאָ אויך אַ חשוב׳ן אָרט צווישן די געבער פאַר ניט־אידישע אַנשטאַלטן אָדער איינצלנע בעט־טער. און אויב באַ ניט־אידן גיבן „טשאַריטי“ נאָר די גרויסע מיליאָנערן און דער פאַרמעגלאַכער פּראָצענט פון מיטל־קלאַס, ווערט דאָך באַ אידן צדקה געגעבן פון אַלעמען, אפילו פון די וואָס האַרעווען גאַנץ שווער אויף זייער פרנסה. באַזוכט די אידישע ישובים, קוקט איבער די רשימה פון די צדקה־געבער, וועט איר דאָך דאָרטן טרעפן דעם גרעסטן פּראָצענט אַרבעט־טער, בעלי־מלאכות און קליין־הענדלער. דאָס פאָלק אין די מאַסן גיבן באַ אונז צדקה, ווערענד באַ די ניט־אידן גיבן צדקה נאָר יחידים־גבירים און מיליאָנערן.

הייסט דאָך עס, אַז מיר האָבן אויפן צדקה־געביט אַנצואווייזן אַ גרויסן שריט פאָראויס, צו וועלכן אַנדערע פעלקער דאַרפן, האָפנטלאַך, ערשט צוקומען. איך זאָג עס טאַקע. און בפירוש ניט פונם נאַציאָנאַלן, נאָר פונם אַלמענשלאַכן הומאַנישן שטאַנדפונקט שטרייך איך אונטער אָט דעם דערפרייענדיקן פאַקט, אַז בײַ אונז אידן אַז צדקה אַ גייסטיקע פאָלקס־אייגנשאַפט, אַ הומאַנישער מאַסן־אינסטינקט, און ניט נאָר אַ גוטער ווילן, שטימונג אָדער אויסרעכענונג פון איינצלנע פערזאָנען אָדער גרופן.

אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס בײַ אונז אידן קומט די צדקה ניט פון איינציקע געציילטע גרויסע צנורות־ההשפעה, נאָר פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער קלייניקע רינוועלאַך, טאַקע דערפאַר וואָס מיר אידן האָבן דערגרייכט אַזאַ גרויסע שטופע אויפן צדקה־געביט, אַז אונזער צדקה־ביודזשעט ווערט געדעקט פון די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ליידיקע קעשענעס פון די פאָלקס־מאַסן און ניט בלויז פון איינצלנע גאָר רייכע נבירישע טשעקס ; אָט טאַקע דערפאַר, זאָג איך, מוזן מיר איצטער פון דאָס ניי איבערקוקן און איבערשאַצן די ווערטן פון אונזערע דערגרייכונגען אַלס פאָלק אויפן געביט פון צדקה געבן. מיר מוזן עס טאָן הויפּטזאַכלאַך דאָ אין אַמעריקע, וואו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פאַר אונז אידן זיינען אָן אַ ערד אַנדערש פון די באַדינגונגען, אין וועלכע אונזערע אבות אבותינו האָבן געלעבט בשעת זיי האָבן אַוועקגעלייגט אָט דעם גרויסן יסוד פון דער שיינער קאָלעקטיווער צדקה־אייגנשאַפט.

באַגרינדנדיק מיין מיינונג, אין דער אַנגעלעגנהייט, אויף טויזנטער לעבעדיקע ווירקנדיקע פאַקטן, וואָס איך האָב דאָ אין אַמעריקע געזען און שטודירט, קום איך צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז אויב עס וועלן באַצייטנס ניט אַנגענומען ווערן די געהעריקע מיטלען אריינצוברענגען אויפקלערונגס־ליכט און באַוואוסטזיין אין דעם גרויסן וואונדער־שיינעם טורם — „אידישע צדקה", וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט מיט אַזויפיל מסירות נפש אויפגעשטעלט און פאַרפיינערט און פאַרפעסטיקט אין אַ משך פון טויזנטער יאָרן — וועט גאָר קיין ספק צייט ניט נעמען, ווען דער גאַנצער „צדקה־פראָגרעס", וואָס מיר אידן האָבן דערגרייכט אין אַ פאַרלויף פון דורות, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עקסטרימסטן רעגרעס ; די גאַנצע ברכה פון אונזער פאָלקסטימלאַכער צדקה־אייגנשאַפט וועט אין איין מאָמענט ווערן אַ קללה פאַר אונזערע געזעלשאַפטלאַכע אַנשטאַלטן.

ב.

די יסודות פון צדקה אין איר אנטשטייאונג

ווי אזוי איז דאס געקומען, וואס באם אידישן פאלק האט די צדקה דערגרייכט צו אזא וואונדער־שיינעם מאסן־קולט? די ספעציעלע באדינגונגען פונם אידישן פאלקס־לעבן האבן געבראכט דערצו. פון איין זייט זיינען זיי געוועזן עקאנאמיש ניט באפעסטיקט. דער פאלקס־לעבן אונטערן יאך פון פרעמדע הערשער איז געווען אזעלכער, אז קיינער, אפילו פון די פארמעגלאכערע, איז ניט געווען זיכער אין זיין עקאנאמישן קיום. דער איד האט ניט געוואוסט וואס דער מארגן וועט אים ברייגען. היינט האט ער פרנסה און מארגן קען זיך בא אים „די רעדל א דריי טאן", וועט ער בלייבן אן לעבנסמיטל און דארפן אנקומען צו א צווייטנס גאב. דערפאר האט בא זיי די צדקה באקומען א כאראקטער פון א מין סאציאלע פארזיכערונגס־קאסע. „היינט האסטו וואס צו עסן, דארפסטו שטיצן דעם וואס האט ניט; דערפאר מארגן, אויב דו וועסט חלילה ניט האבן, וועט דיר א צווייטער העלפן". אינטערעסאנט איז דא צו באמערקן, אז אין דער צייט פון חכמי התלמוד, ווען דאס פאלק האט שוין געהאלטן אין דער תקופת פון ירידה, זעען מיר א גרונטלאכע ענדערונג אינם אינהאלט פון צדקה־געבן, גאנץ אנדערש ווי עס איז געווען אין דער תקופת העליה, ווען דאס אידישע פאלק האט געוואקסן אינם נאציאנאלן זין.

אין דער תורה, ווען עס רעדט זיך וועגן שטיצע פאר א צווייטן, זעען מיר דארט אזא אינהאלט: *) „אז ס'וועט זיין א איד אן ארימאן אינם לאנד וואס גאט גיט צו דיר, זאלסטו ניט פארשליסן דיין הארץ און צומאכן דיין האנט צו העלפן אים. עפענען זאלסטו עפענען דיין האנט און געבן זאלסטו אים אלץ וואס עס פעלט אים. היט זיך פאר שלעכטע געדאנקען צו טראכטן: „אט קומט דאס שמיטה־יאר, א יאר אן ארבעט, אן פרנסה", וועסטו ווערן קארג און ניט וועלן געבן דעם ארימען אידן, דיין ברודער, וועט ער רופן צו גאט און עס וועט דיר פארעכנט ווערן פאר א זינד. גיב אים און זאל דיר ניט באנג טאן בשעת דו גיסט אים, ווארים צוליב דעם (בגלל הדבר הזה) וועט דיר גאט בענשן וואו דו וועסט זיך קערן און ווענדן". דא, ווען די אידן האבן געפירט א נאציאנאלן שטאט־לעבן, איז דער ענין פון צדקה גע־

*) דברים טו.

ווען אַ זיטלאַך־מאָראַלישע אַנגעלעגנהייט. ניט־געבן קיין צדקה איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ זינד, קיין שום שטראָף ווערט דאָ ניט דערמאָנט. דער געזעץ־געבער סטראַשעט דאָ ניט דעם אידן מיט אַ וועלכע ס׳איז ניט שטראָף. ער זאָגט אים נאָר אַז ניט־געבן קיין צדקה איז אַ זינד, אוממאָראַליש.

גאַנץ אַנדערש זעען מיר אָבער דעם ענין צדקה באַ די אידן, ווען זיי האָבן שוין געלעבט ניט קיין אייגענעם שטאַט־לעבן און זיי זיינען געווען אָנגעוויזן אויפן גוטן־שלעכטן ווילן פון זייער פרעמדן הערשער. אינטערע־סאַנט איז דאָ אַ לעבנס־פּאַסירונג וואָס די גמרא דערציילט *): „רבי חיא האָט געזאָגט צו זיין פרוי: אַז עס קומט צו דיר אַן אָרימאַן, לאָז אים ניט וואַרטן און גיב אים וואָס גיכער צום עסן, ווען דערפאַר אַנדערע זיך אַזוי נוהג זיין אויך מיט דיינע קינדער. די פרוי איז געבליבן אַ פאַרציטערטע:

— סטייטש, דו שעלטסט גאָר אונזערע קינדער? !

ענטפערט איר רבי חיא: „די תורה זאָגט „בגלל הדבר הזה" — האָט מען אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה אַזוי געטייטשט — אַ ראָד איז די וועלט און זי האַלט זיך אין איין דרייען (ווער ס׳איז היינט רייך, קען מאָרגן ווערן אָרים).

ווי מיר זעען דאָ דעם אויסטייטש פון דער גמרא אויפן פסוק „בגלל הדבר הזה", האָבן די חכמי התלמוד געזוכט זיך סומך צו זיין כאָטש אויף אַ פּאָר אותיות (גלל פון גלגל) אין דער תורה, אַבי צו באַרעכטיקן זייער נייעם סאָציאַלן אינהאַלט וואָס זיי האָבן געוואָלט אריינגעבן אינם ענין פון צדקה. רעכענענדיק זיך מיט די אומשטענדן פון זייער צייט האָבן זיי גע־זוכט צו דערקלערן די נויטיקייט פון געבן צדקה אויך מיט עקאָנאָמישע מאָטיוון. „גיב, כדי דו זאָלסט האָבן אַ רעכט צו נעמען" — דאָס איז גע־ווען זייער הויפּט מאָטיוו אויסער, פאַרשטייט זיך, די רעליגיעזע מאָטיוון 2), וועלכע האָבן באַגלייט די אידישע פאָלקס־מאַסן אויף טריט און שריט.

אַזוי אָרום האָט זיך, צוליב אַזעלכע צוויי שטאַרקסטע פאַקטאָרן, עקאָ־נאָמישע און רעליגיעזע, אינם אידישן פאָלקס־לעבן אויסגעקולטיווירט און אַנטוויקלט אַ באַזונדער 3) מאָראַל פון אידישע צדקה, אַ דאַנק וועלכן עס האָבן זיך אין פאַרלויף פון דער צייט אויסגעאַרבעט באַשטימטע רעגעלן, ווי אַזוי און וויפיל אַ איד דאַרף געבן צדקה. עס איז געווען אומבאַדינגט נויטיק איינצוהיטן אינם באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן דעם גרונט־

1) שבת קנא.

2) תמורה טז; ילקוט שמעוני; כתובות סח.

3) בבא בתרא י.

גערֹאנק, אז צדקה איז ניט אַ פּראָדוקט פון רחמנות געפיל. רחמנות איז אַ געפיל פון הארץ, און צדקה איז אַ סאָציאַלער פּאַרזיכערונגס־מעטאָד צו באַלאַנסירן אין אַ געוויסער מאָס דעם עקאָנאָמישן מצב פון אונזערע מיט־ברידער. „מיט דעם וואָס איך גיב צדקה אַ צווייטן, טו איך אים לחלוטין ניט קיין רחמנות־טובה. איך טו קיינעם דערמיט קיין טובה ניט 2)׳ איך טו נאָר מיין פליכט און גיט מער 3). היינט האָב איך, גיב איך דעם וואָס האָט ניט; מאָרגן אַז איך וועל ניט האָבן, וועט מיר אַ צווייטער געבן. צדקה, דאָס איז דער חלק אינם שותפות׳דיקן טאָפּ, וואָס יעדער איך לייגט אַהין אַריין, אַז דער וואָס האָט ניט זאָל פון דאָרט באַקומען. היינט ער, מאָרגן אַן אַנדערער. ווען מיין „אַטשערעד צו נעמען״ וועט זיין, ווייס איך ניט. וועט ער זיין, דער אַטשערעד, וועל איך נעמען אָן שום נשמה־ליידע־נישן, ווייל איך בין דאָך דאָרטן אַ שותף; איך האָב דאָך איינגעצאָלט אַהין, כדי איך זאָל פון דאָרטן קענען נעמען ווען איך וועל דאַרפן. און אויב מיין אַטשערעד וועט קיינמאָל ניט קומען און איך וועל קיינמאָל ניט דאַרפן נעמען פון דעם אַ געזעשאַפטלאַכן שותפות׳דיקן טאָפּ — איז דאָך געוויס גוט. האָב איך, הייסט עס, מיין צדקה געגעבן אַלס אויסלייז־געלט 4).

און געבן דאַרף יעדער. אפילו דער וואָס דאַרף אָנקומען צו צדקה, דאַרף אויך געבן 5).

אין אַן אַנדער אָרט זאָגט די גמרא אַזוי: „זע למען השם ניט האַלטן פאַר־שלאָסן די טיר פון דיין הויז, בשעת דו זעצסט זיך עסן״ 6).

ג.

צדקה אין צייט פון חכמי התלמוד

אין איינקלאַנג מיט די הויפּט־מאָטיוון פון דער אידישער צדקה, האָבן די גרויסע פירער פון דעם אידישן פאָלק אין דער תלמוד־עפּאָכע געהאָט פאַרשיידענע גרעניצן אין צדקה־געבן. דער גרונד־פּרינציפּ פון צדקה איז:

2) ויקרא רבא לד.
3) במדבר רבא ה.
4) סוכה מט, בבא בתרא ט.
5) גיטין ז.
6) דרך ארץ זוטא יט.

אַ צענטל פון די פאַרדינסטן. דער וואָס איז גאָר אַ גרויסער פּזרן, טאָר ער פון דעסט וועגן ניט געבן מער ווי אַ פינפטל פון זיינע פאַרדינסטן 1). וועגן הלל הנשיא ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאָלפן אַן אָרימאַן לויט זיין, דעם אָרימאַנ׳ס, געוואוינהייט. פלעגט צו אים קומען אַ איד אַ יורד, וואָס אין זיינע גוטע צייטן פלעגט ער זיין געוואוינט צו כאַפּן אַ שפּאַציר רייטנדיק אויף אַ פערד און אַ קנעכט זאָל לויפן אין פאָראויס (וואָס איז שייך — אַזאַ רגילות האָט דער דאָזיקער יורד געהאַט), נו, אַז ער איז גע־קומען צום אַלטיטשקן הלל פלעגט ער אודאי אים צושטעלן אַ פערדל און אַ קנעכט, און זאָל ער זיך לאָזן וואוילגיין. עפּעס איינמאָל איז דער זעלביקער יורד געקומען צו הלל׳ן, האָט שוין דער אַלטיטשקער גוטער הלל געוואוסט, אַז ער דאַרף אים צושטעלן אַ פערדל מיט אַ קנעכט. האָט זיך אָבער געמאַכט אַמאָל, אַז אַ קנעכט האָט דער אַלטיטשקער הלל ניט געקענט געפינען פאַר כל המאַיאַנטקעס אין דער וועלט. אַ פערדל האָט ער געקראָגן, אָבער אַ קנעכט בשום אופן ניט. וואָס טוט מען? — ערגערט זיך דער גרויסער אידישער נשיא הלל. אַזאַ עני חשוב געקומען, און קען פון זיינעט וועגן קיין קנעכט ניט קריגן.

איז ער דאָך אָבער פאָרט הלל, פאַלט ער אויף אַן עצה: „אַז ער קען ניט קריגן קיין קנעכט, וועט ער אַליין זיין דער קנעכט". האָט זיך דער חשוב׳ער אָרימאַן אָפּגעגעסן בא הלל׳ן אַ געשמאַקע סעודה און נאָכן עסן האָט ער זיך גאַנץ ברייטלאַך אַרויפגעזעצט אויפן פערדל, וואָס דער גרויסער הלל האָט אים צוגעשטעלט און במקום קנעכט איז עס דער עלטסטער פון אידישן פאָלק, הלל הנשיא, געלאָפן פאַר אים, אַט פאַר דעם עני חשוב 2).

לויט די גמרא דערמאָנט דאָ ניט דעם נאָמען פון דעם עני חשוב, ווייזט אויס, אַז דער דאָזיקער אָרימאַן איז ניט געווען גאָר פון די באַוואוסטע מיט אַ נאָמען, און דאָך האָט דער גרויסער הלל פאַרבויגן זיין כבוד, ניט גערעכנט זיך מיט זיין עלטער און צוגעטיילט אַזאַ גאַסט־פריינדלאַכקייט צו אַ אידן אַ יורד.

וואָס לערנט אונז אַזאַ מין עובדה?

דער גרויסער אידישער פירער הלל, דער גרעסטער אין זיין דור, דער נשיא פונם אידישן פאָלק האָט מיט זיין אויפפירונג געדינט פאַר אַ ביי־שפּיל, וויפיל אַ איד דאַרף טאָן צדקה, ווי ווייט און ווי אַזוי אידישע צדקה דאַרף געטאָן ווערן.

1) כתובות סז.

2) דאָרטן.

אן אנדער פאררעגיסטרירטער פאקט: איינער אן ארימאן (אויך אן א נאמען) איז געקומען צו רבא׳ן. פרעגט אים רבא: „זאג מיר, גוטער ברו־דער, וואס פאר א מאלצייט ביזטו געוואוינט צו עסן?״ ענטפערט אים דער ארימאן: „א געשטאפטע הון און אלטן וויין צו פארטרונקען״. מאכט צו אים רבא: „ווי לאזטו זיך עפעס אזוי וואוילגיין אויף א צווייטנס חשבון? טאמער האב איך גארניט קיין הון און קיין וויין!״ רופט זיך אפ דער ארי־מאן: „איך עס דען עמיצנס? אלעס וואס איך עס איז פון גאט״. און אזוי ווי זיי האלטן אזוי אין טענה׳ן, עפנט זיך אויף די טיר און ס׳קומט אריין רבא׳ס שוועסטער, וועמען ער האט שוין דרייצן יאר ניט געזען. אזא לאנגע צייט זיך ניט געזען, האט זי פאר איר גרויסן ברודער א מתנה געבראכט. (נו, טרעפט וואס?) א געשטאפטע הון און א פלאש אלטן וויין, אבער דעם אמת׳ן

מיט מר עוקבא.ן, דערציילט די גמרא, האט געטראפן אזא פאסירונג: יאר־איין יאר־אויס, אלע ערב יום־כפור, פלעגט ער געבן זיין שכן, א יורד, פיר הונדערט גילדן. האט זיך איינמאל געמאכט, אז זיין זון איז געגאנגען אוועקטראגן צום יורד דאס באשטימטע געלט און האט זיך אומגעקערט מיטן געלט צוריק און געזאגט צום טאטן, מר עוקבא, אז דער ארימאן נויטיקט זיך ניט מער. פרעגט אים דער פאטער: „פון וואנען ווייסטו דאס, אז ער נויטיקט זיך ניט?״ „וואס הייסט, פון וואנען איך ווייס? איך האב אליין געזען ווי ער איז געזעסן אזוי בהרחבה׳דיק און מ׳האט אים דערלאנגט אלטן וויין צום טרינקען״.

— א, אויב אזוי, — רופט זיך אפ מר עוקבא, — טא נעם געשווינד נאך פיר הונדערט גילדן מער און טראג אים אינדערגיך אוועק. אויב ער טרינקט יא אלטן וויין, איז א סימן, אז אזוי איז ער פארוואוינט און קען זיך אן דעם ניט באגיין 1).

א פראפעסיאנעלן הייזער־גייער איז מען ניט מחויב צו געבן א גרויסע מתנה, אבער געבן דארף מען אים יא 2). אז ער בעט א בגד, דארף מען געוואר ווערן צי האט ער עס נויטיק. אבער אז איינער קומט און בעט עסן, איז ניטא וואס געוואר צו ווערן און מען דארף אים געבן.

1) כתובות סז.

2) בבא בתרא ט.

ד.

ווי אַזוי דאַרף אַ איד געבן צדקה

דער גרעסטער סאָרט צדקה איז, אז דער געבער ווייסט ניט דעם נעמער און דער נעמער ווייסט ניט ווער ס'האָט אים געגעבן. דאָס הייסט צדקה בסתר. אַזאַ סאָרט צדקה־געבער, פלעגט רבי אליעזר זאָגן, איז אַזוי גרויס ווי משה רבנו 3).

אַ וויכטיקע פראַגע איז אויך מכח אַ נויט־באַדערפטיקן וואָס וויל ניט נעמען קיין צדקה. אַזעלכן דאַרף מען געבן שטיצע אין דער פאָרמע פון אַ הלואה. מען זאָגט אים אַז דאָס געלט אַנטלייט מען אים, און מען רעדט מיט אים (כלומרשט ערנסט) וועגן די טערמינען פון אויסצאָלן, מען פרעגט אים (פאַר יוצא זיין) צי ער האָט אַ משכון צו געבן. אין אַלגעמיין דאַרף דער צדקה־געבער זיין זייער און זייער פאָרזיכטיק צו באַהאַנדלען דעם אָרימאַן, וועלכער קומט בעטן הילף. ער דאַרף דאָ נוצן אַ סך שכל ווי צו באַגיין זיך מיט אַ צדקה־נעמער. וועגן דעם האָט טאַקע ר׳ יונה אָנגעוויזן אויפן פסוק אין תהלים „אשרי משכיל אל דל". און ער פלעגט טאַקע אויך אַזוי טאָן. איז נאָר ר׳ יונה געוואָר געוואָרן אַז איינער האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן און ער נויטיקט זיך אין געלט, אַזוי קומט ער גלייך צו אים ווי אַ גאַנצער דיפּלאָמאַט און דערציילט אים פאַרשיידענע געשיכטעס פון אַ ירושה אין די מרחקים, ביז דער יורד מיינט טאַקע אין דער אמת'ן, אַז דאָס געלט גיט אים ר׳ יונה אויפן חשבון פון דער ירושה, וועלכע וואַרט אויף אים די גאַנצע צייט 4).

עס ווערט דערציילט אַ שיינע געשיכטע וועגן איינעם אַן אַבאַ־יודן. דער דאָזיקער אַבאַ־יודן איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, אָבער אַ בעל־צדקה איז ער געווען זייער אַ גרויסער. זיין צדקה פלעגט זיך אויסצייכענען מיט איר שיינער פאָרם. מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער דאָזיקער אַבאַ־יודן פאַרלירט זיין פאַרמעגן און קען שוין ניט געבן ווי ער פלעגט ליב האָבן צו געבן. זיין נאָמען האָט אָבער נאָך געקלונגען אַלס אַ גרויסער בעל־צדקה. זיינען צו אים געקומען אַ קאָמיטע, ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא, וועלכע האָבן געזאַמלט געלט פאַר אַ געוויסן וויכטיקן פאָנד, און בײַ אַבאַ־יודן האָבן זיי זיך גערעכט צו נעמען אַ גרויסע נתינה. דערזעענדיק די קאָמיטע, איז ער אַ דער־

---

3) בבא בתרא ט.

4) ירושלמי פאה ח.

ציטערטער געוואָרן. געבן — האָט ער ניט וואָס, און אָפּזאָגן — איז אים שווער. איז ער אוועק אַהיים אַ פאַרצאַרנטער און אַ פאַרזאָרגטער. פרעגט אים זיין פרוי: „וואָס זעסטו עפּעס היינט אויס אַזוי שלעכט?" — דער־ציילט ער איר, אַז אַ קאָמיטע איז צו אים געקומען פאַר אַ דבר שבצדקה און ער ווייסט ניט וואָס אָנהויבן צו טאָן.

זיין פרוי איז געווען נאָך אַ גרעסערע צדקה־געבערן ווי ער. זאָגט זי צו אים: „פון אונזער פאַרמעגן איז נאָך פאַרבליבן אַ שטיקל פעלד, גיי פאַר־קויף האַלב דערפון און גיב אוועק דאָס געלט צו דער קאָמיטע". אבא־יודן האָט געטאָן ווי זיין פרוי האָט אים געהייסן און די חכמים האָבן אים דער־פאַר צוגעוואונשן, אַז גאָט זאָל אים ממלא זיין וואָס אים פעלט.

עס איז געווען די צייט פון פעלד־אַרבעט, איז אבא־יודן אַרויס אויף זיין איבערגעבליבענעם חלק פעלד צו באַאַקערן עס, און נאָכגייענדיק אַזוי פאַרטראַכטערהייט נאָכן אַקער־אייזן, וואָס די בהמה האָט געפירט, פילט ער, אַז די ערד זעצט זיך אונטער אים. דער סוף איז געווען, אַז זיין איינ־ציקע קו, זיין איינציקע איבערגעבליבענע ברויט־געבערן, איז אַראָפּגעזונקען אין דער ערד־עפענונג און אַ פוס איז באַ איר צעבראָכן געוואָרן. אבא־יודן האָט דערזען פאַר זיך זיין נייעם אומגליק, איז ער באַלד אַרונטער אונטער דער ערד צו ראַטעווען זיין קו. און נאָר־וואָס ער איז אַראָפּ אונטער דער ערד, האָט אים באַלד אַ בליאַסקע געטאָן אַ שיינענדיקע ליכטיקייט: אַ גרויסער אוצר איז דאָרטן געווען און פון דעם אוצר איז אבא־יודן צוריק אַ גרויסער גביר געוואָרן.

אין אַ צייט אַרום זיינען די זעלבע חכמים־קאָמיטע ווידער אַמאָל גע־קומען אין יענעם ישוב. האָבן זיי זיך גלייך נאָכגעפרעגט באַ די אָרטיקע איינוואוינער „וואָס אבא־יודן מאַכט?" האָט מען זיי געענטפערט: אבא־יודן — אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. ווען קען זיך דען איצט גלייכן צו אים? ס'איז שווין איינמאָל אַן אבא־יודן. ער איז איצטער אַן אייגנטימער פון קנעכט, פון קי, פון פערד, פון אָקסן און פון אַלדאָס גוטס.

אַז אבא־יודן האָט דערהערט אַז די חכמים זיינען דאָ, איז ער געגאַנגען זיי מקבל־פּנים זיין.

— וואָס מאַכסטו, אבא־יודן?? — פרעגן באַ אים די חכמים.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — ענטפערט אבא־יודן — ניט צו פאַרזינדיקן. אייער וואונש וואָס איר האָט מיר דאָן געוואונשן איז מקוים געוואָרן אויף אַ סך אַ סך מאָל מערער, ווי איך אַליין האָב זיך פאַרגעשטעלט.

איז עס די חכמים זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און האָבן צו אים אַזוי געזאָגט: „ווען מיר זיינען דאָ געווען דעם ערשטן מאָל, האָבן מיר באַ אַנ־

דערע געקראַגן גרעסערע נתינות און דאַך האָבן מיר דיין נאָמען פאַרשריבן צום ערשטן אויף דער רשימה פון די נותנים 1).

די גרויסע פירער אינם אידישן פאָלק האָבן געמאַכט דעם צדקה־ענין פאַר אַן עיקר אינם פאָלקס־לעבן. צדקה איז וויכטיקער ווי אַלע מצוות צו־זאַמענגענומען 2). „די גבירים פון בבל (באַוועל), זאָגט רב, זיינען גאָר קיין אידן ניט. זיי דאַרפן גווים זיין דעם ערב־רב׳ס (ערעווראַוו) אייניגלאַך, ניט אברהם אבינו׳ס. שבתאי בן מורינוס איז צו זיי געקומען און געבעטן מען זאָל אים געבן עפּעס געלט צו מאַכן זיך אַ שטיקל פּרנסה, האָבן זיי אים ניט געגעבן; האָט ער זיי געבעטן כאָטש מזונות, האָבן זיי אים ניט גע־געבן 3). נו, קען דען געמאָלט זיין אַז אַזעלכע זאָלן זיין פון אברהם אבינו׳ס אייניקלאַך?

רבי יהושע בן קרחה זאָגט: ווער עס מאַכט זיך ניט וויסנדיק, אָדער ער באַהאַלט זיך אוים און גיט ניט קיין צדקה — דער איז אַ פּשוט׳ער געצנ־דינער און ניט קיין איד 4).

די חכמים האָבן ניט ערלויבט צו קריטיקירן אַן אָרימאַן, כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז ס׳קען זיך מאַכן אויך אַ רמאי, אַזעלכער וואָס נוי־טיקט זיך גאָרניט און דאַך בעטעלט ער. אין יענע צייטן האָבן שוין די חכמים פאַרשאָלטן אָט די שנאָרער וואָס מאַכן זיך כלומרשט בלינד, גע־שוואָלן אָדער מיט אַ קרומע האַנט 5). זיי אַליין האָבן שטאַרק געקעמפט געגן שנאָררריי אין אַלגעמיין און געגן פאַרשטעלטע אָרימלייט בפרט. אָבער דער געבער דאַרף געבן. ער טאָר זיך ניט אויסדרייען פון געבן צדקה מיט אַ תירוץ, אַז ס׳זיינען פאַראַן שווינדלער. עס ווערט אויך פאַררעכנט פאַר אַ שרעקלאַכן פאַרברעכן, ווען מען לאָזט אַרויס אַן אָרימאַן ליידיג דערפאַר וואָס ער איז געזונט און קען גיין אַרבעטן. אויפן פּסוק „עשיר ורש נפגשו“ (אַ גביר או אַן אָרימאַן האָבן זיך באַגעגנט) זאָגט דער מדרש אַזוי: דער געבער זאָגט צום אָרימאַן: פאַרוואָס גייסטו ניט אַרבעטן, זע אַ פּאָר הענט, זע אַ פּאָר פיס, זע וואָסער גבורה ס׳איז און ס׳שעמט זיך ניט בעטן! ווענן אַזאַ געבער זאָגט גאָט: „ניט גענוג וואָס דער איד וויל ניט געבן גאָר־ניט פון זיינעם, פאַרגינט ער נאָך ניט דעם אָרימאַן דאָס וואָס איך האָב אים געגבן! 6). דער אָרימאַן זיצט און איז ברוגז אויף גאָט: „פאַרוואָס בין איך אַנדערש פון יענעם? יענער שלאָפט זיך אין זיין הויז אויף זיין

1) ילקוט שמעוני ראה; ירושלמי הוריות ג; ויקרא רבה ה.

2) בבא בתרא ט.

3) בצה לב. 4) כתובות סח. 5) דאָרטן. 6) ויק״ר לד.

בעט און איך וואלגער זיך ארום און האב ניט וואו מיין קאפ צו צושפארן״. שטיי־אויף און גיב אים א געלעגער, וועסטו דאדערמיט שלום מאכן צווישן ארימאן און גאט 1).

ה.

צדקה אלס סאציאלע פארזיכערונג

דער צדקה־קולט, לויט דער באגרינדונג און אנטוויקלונג פון תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, איז דער ליבטיקסטער טורעם אינם אלמענש־לאכן פארנעם. דער אידישער צדקה־אידעאל איז אריבער איבער די אייגענע נאציאנאלע גרעניצן און האט געפאדערט פון זיינע אנהייגנער גערעכטיקייט פאר אלעמען אן אונטערשייד פון נאציאן. היסטארישע פאקטן באשטע־טיקן טאקע, ווי די אידישע צדקה איז געווען טעטיק אויך אינם אינטער־נאציאנאלן מאסשטאב. „די חכמים האבן אונז געלערנט: שפייזן ניט־אידי־שע ארימעלייט גלייך מיט אידישע, העלפן ניט־אידישע קראנקע גלייך מיט אידישע 2).

צווישן די אלע גוטע אייגנשאפטן, וואס דאס אידישע פאלק האט אריינ־געוועבט אין דער אלוועלטלאכער מאטעריע, פארנעמט צדקה, לויט דער אידישער אויפפאסונג, דעם אויבנאן.

אידישע צדקה אין איר גרונט־פרינציפ איז געווען, לויט דאמאלדיגן רעליגיעזן ארט לעבן, א פראגראם צו באזייטיקן דורך איר די סאציאלע אומגלייכקייטן און קריוודעס וואס מיר זעען אין דער געלעזשאפט. איינער האט אזוי פיל רייכקייט, אז ער ווייסט ניט וואס צו טאן מיט דעם, און אנ־דערע מענשןליידן; איינעם פעלט א שטיקל ברויט, א צווייטן פעלט א העמד אויפן לייב, דעם פעלט א בגד, יענעם פעלט א מענשלאכער געלעגער, — אלע אזעלכע זאכן וואס זיינען אין לעבן פאראן אזויפיל, נאך מער ווי גענוג, און דאך פילט זיך א שרעקלאכער מאנגל אין זיי. ניט דער מין פעלט. עס פעלט עפעס נאר אזא מיטל, א טראנספארט־מיטל, דורך וועלכן מען זאל קענען אריבערפירן אט די אלע נויטיקע זאכן צו די וואס דארפן זיי אזוי נויטיק האבן. ווי געפינט מען ערגעץ אן עצה צו שאפן אט דעם נויטיקן

1) ויק״ר לד.
2) גיטין סא.

טראַנספּאָרט־מיטל. טויזנטער יאָרן אַז די דאָזיקע פראַגע פאַרנעמט אַן אויבנ־אַן אין אידנטום: „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו" (וואָרום איז דעם ערלאָכן שלעכט און דעם רשע גוט?) זי איז געפרעגט געוואָרן שוין אין משה׳ס צייטן. עס איז אַן אַנגעווייטאָקטע פראַגע אין אַלמענשלאָכן מאַסשטאַב, אָבער באַם אידישן פאָלק, צוליב ספּעציעלע גלות־באַדינגונגען און אַ דאַנק די אחריות און אחדות געפילן פונם יחיד צום רבים און פונם רבים פאַרן יחיד, האָט די דאָזיקע עקאָנאָמישע פראַגע פאַרנומען אַן אָרט ניט בלויז אין דער טעאָריע, נאָר טאַקע אין דער פּראַקטיק. דאָס אידנטום האָט געזוכט אַ פּראַקטישע לייזונג פאַר אָט דער פראַגע און איז טאַקע אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן נסיון: „ווי קען מען עס אויסגלייכן דעם עקאָנאָמישן פּראָנט אַזוי, אַז דער הונגעריקער זאָל יאָ האָבן זיינע באַדערפנישן און גלייכצייטיק זאָל עס ניט הייסן אַ קאַמף געגן דער השגחה, וואָס האָט פאַרט ניט געוואָלט געבן דעם הונגעריקן וואָס ער דאַרף?" טורנוס־רופוס, דער פאַרשטייער פון ניט־אידישער קולטור, פרעגט רבי עקיבא׳ן: „ווי איז עס אייך דערלויבט צו געבן צדקה?" — אַ האַר, אַז ער טרייבט אָוועק זיין קנעכט און גיט אים ניט קיין חיונה, איז ער ברוגז אַז עמיצער קומט און גיט אים יאָ". 1).

דאָס אידנטום האָט דאָ אָבער געשאַפן אַ נייעם אויסוועג אין דער גאַנצער רעליגיעזער אויפפאַסונג, אַז אין דער עקאָנאָמישער זייט פון דער צדקה פּראָבלעם האָט עס ניט געפונען קיין שום סתירה, נאָר, אין געגנטייל, אַז אויפטו צו טאָן דעם ווילן פון דער השגחה.

לויט די אַלע מקורות אין דער אַלטער ליטעראַטור איז צו זען, אַז די אידישע פירער איז אויסגעקומען זייער שווער צו קעמפן און אָפט מאָל צו באַנוצן גוואַלט־מיטלען געגן די רייכע, וועלכע האָבן זיך געגנגעשטעלט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּראָגראַם „צדקה".

אינטערעסאַנט איז דאָ, אגב, צו באַמערקן דעם ריכטיקן נאָמען וואָס זיי האָבן געגעבן זייער פּראָגראַם — „צדקה" (גערעכטיקייט). ווייל מיט איר האָבן זיי געוואָלט ברייינגען גערעכטיקייט אין דער סאָציאַלער אָרדנונג. זיי האָבן ניט געפאָדערט קיין רחמנות. מיט דעם וואָס מיר פאַרזאָרגן דעם נויט באַדערפטיקן מיט חיונה, טוען מיר אים קיין טובה ניט. אדרבה, ער טוט אונז אַ טובה 2), ווייל ס׳איז אַ שאַנדע פאַר דער געזעלשאַפט אויב צווישן אירע מיטגלידער געפינט זיך איינער וואָס לידט נויט. די געזעלשאַפט מוז זען, אַז קיין נויטבאַדערפטיקע זאָלן ניט זיין. דורך דעם וואָס

1) ב"ב י. 2) ויק"ר לד. 3) בבא בתרא י.

מיר שאפן סאָציאַלע גערעכטיקייט און מיר לאָזן קיינעם ניט הונגערן און ליידן, ראַטעווען מיר זיך פון גיהנום, פון שאַנדע 3). און איינשטימיק מיטן נאָמען און מיטן באַרוף פון „צדקה“, מוז די פאַרזאָרגונג וואָס מיר גיבן אונ־זערע נויטבאַדערפטיקע זיין ריין פון יעדן סימן „טובה“ אָדער „קרעכץ“. עס איז דער גרעסטער פאַרברעכן צו מאַכן פילן דעם נעמער, אַז „איך“ גיב אים 1). מיר גיבן אים ניט אונזערס. ער נעמט זיין חלק פונם פאַרמעגן וואָס גאָט האָט געגעבן פאַר אַלעמען. רבי אלעזר איש ברתותא דריקט זיך אויס נאָך קלאָרער: „גיב אים פון זיינס, ווייל דו און דיין פאַרמעגן איז זיינס 2).

און כדי אויסצופירן אָט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעם און מאַכן אַלעמען זיך אונטערוואַרפן צו איר, האָבן זיי זי באַגרינדעט אויף אַ פּסוק אין דער תורה: „אחרי ה׳ אלקיכם תלכו“ (דברים יג, ה) — איר זאָלט נאָכגיין נאָך גאָט. איז דען מעגלאַך פאַר אַ מענטשן נאָכצוגיין נאָך גאָט? גאָט איז דאָך פייער! דער פּסוק מיינט „גיין נאָך זיינע זיטן“ — פאַרזאָרגן הונגעריקע מיט שפייז און אַנדערע באַדערפעניששן, הילף פאַר קראַנקע, און דאָס גלייכן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך באַוואָפנט מיט דער צדקה־פּראָגראַם מיטן שטאַרקסטן געווער אין יענער צייט, כדי צו צווינגען אַלעמען אויס־צופאָלגן זי. קיינער וועט דאָך ניט וואַגן ניט צו פאָלגן די צדקה־פּראָגראַם, און דערמיט זיך אַליין אַוועקשטעלן אויסער די גרעניצן פון דער אידישער אמונה און פון אידישן פאָלק 3).

ז.

דער מאָטיוו פאַר צדקה אין דער אַלטער היים

אין די שטעט און שטעטלאַך אין דער אַלטער היים זיינען געווען די צוויי הויפּט־מאָטיוון פאַר אידישער צדקה: דער רעליגיעזער און דער עקאָ־נאָמישער, אָבער אינם אינהאַלט גופא פון דער צדקה האָט זיך שוין ניט געלאָזט פילן דירעקט דער עקאָנאָמישער מאָטיוו. דער תוך פון צדקה איז געווען דורכאויס אַ רעליגיעזער. מען דאַרף געבן צדקה ווייל עס איז אַ מצוה — האָט דער פרומער איד געזאָגט; און דער וועלטלאַכער איד האָט געהאַלפן אַ צווייטן — ווייל אַזוי האָט אים דיקטירט זיין אידיש האַרץ.

1) כתובות סז; חגיגה ה; קהלת רבה; שבת קנו. 2) אבות ג. 3) כתובות סח.

און סאַי דער פרומער און סאַי דער ניט־פרומער איד האָבן געגעבן צדקה, ווייל אַזוי זיינען זיי דערצויגן געוואָרן פון זייערע עלטערן און עלטער־עלטערן. די טאַטעס האָבן געלערנט די אינגלאַך און די מאַמעס האָבן דער־צויגן די מיידלאַך, אַז צדקה געבן איז איינע פון די גרעסטע מצוות ובשכר זה העלפט דער אויבערשטער גאָר אַ סך. אין יעדע שטאָט און שטעטל האָט איהר געקענט טרעפן ספּעציעלע צדקה־חברות, וואָס קינדער זיינען געוועזן זייערע גרינדער, זאַמלער און טוער. אין יעדע שטאָט און שטעטל האָט איר געקענט טרעפן קינדער־פּאָרלאַך ארומגיין מיט אַ פּאַטשיילקע אי־בער די קראָמען און הייזער, קלייבנדיק נדבות פאַר אַ געפאַלענער אידישער פאַמיליע. קינדער זיינען אין דער אַלטער היים דערצויגן געוואָרן צו וועלן טאָן אַ מצוה. „טאָן אַ מצוה" איז געווען דער אויסדרוק פאַר שטיצן אַ נויט־באַדערפטיקן. אַז מען האָט געזאָגט אויף איינעם „ער האָט ליב טאָן אַ מצוה", האָט עס געמיינט, אַז ער העלפט אַ צווייטן איבער זיינע כחות. האָט איינער פרום געדאַוונט, אָדער אַ סך געלערנט, צי ער האָט געהאַט אַן אָפּגעהיט מויל ניט צו ריידן חלילה קיין רכילות און לשון הרע — דאָס האָט נאָך אַלץ ניט געהייסן ער טוט אַ מצוה. דער דאָזיקער אויסדרוק איז געווען, ווי איך האָב פריער געזאָגט, פאַר צדקה אַנגעלעגנהייטן, ס'הייסט העלפן אַ צווייטן. דאָס אידישע קינד איז אָנגעזאַפּט געוואָרן פון קליינערהייט אָן מיט דעם צדקה־געפיל. זייענדיק אין חדר און אין בית־מדרש, גייענדיק אין גאַס און קומענדיק אַהיים, אומעטום האָט ער געהערט און געזען ווי אידן גיבן צדקה, ווי אַ אידיש האַרץ איז פילנדיק צו אַ צווייטנס נויט. און דערפאַר טאַקע האָט ער אויך באַמערקט, ווי דער אידישער אָרימאַן איז צוליב זיין אָרימ־קייט ניט קיין דערנידעריקטער אין דער אידישער סביבה. דאָס פאָלק האָט דערפילט אַט דעם ספּעציעלן אידישן שטריך און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ כאַראַקטעריסטיש ווערטל „אָרימקייט איז קיין שאַנד ניט". ווער פון אונז געדענקט דען ניט פון דער אַלטער היים, אַז אידן אָרימעלייט, וואָס זייער חיונה האָבן זיי, צוליב געוויסע סיבות, געמוזט ציען פון קצבה, און דאָך האָט מען צו זיי געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ. קיינעמס רעפּוטאַציע איז ניט געמינערט געוואָרן אויף כי הוא זה צוליב דעם, וואָס ער איז אָנגעקומען צו אַ צווייטנס גאָב. יעדער האָט פאַרנומען זיין פאַרדינט אָרט אין זיין שטאַנד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געמוזט געשטיצט ווערן פון אַנדערע.

דאָס קינד האָט עס אַלץ געזען און דורכדרינגנדיק, נאָר ווי אַ קינד קען, אָפּגעשאַצט. דער גאַנצער אידישער קיבוץ איז דאָך געווען ווי איין משפחה.

קען מען זיך דען אין אַ משפחה אויסבאַהאַלטן פון אַ קינדערש אויג? איז אַזוי דאָס קינד געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן ביז ער איז טאַטע־מאַמע געוואָרן און אויך זיינע קינדער אַזוי דערצויגן. דאָס אידישע האַרץ — אַ דאַנק די צוויי הויפּט־מאָטיוון, רעליגיעזער און גלות׳דיקער, און דאָס אידיש־קינדערש האַרץ — אַ דאַנק דער טראַדיציאָנעלער דערציאונג, אָט דער שותּפות׳דיקער געוועב האָט פאַרשטאַרקט און אייזן־איינגעפּעסטיקט דעם שיי־נעם צדקה־געפיל פריער אין אונזער קינדער־וועלטל און מיט אים צוזאַמען זיינען זיי שוין אַזוי געוואַקסן ביז זיי האָבן פאַרנומען זייער אָרט אין לעבן, אַלס אַ דור.

ז.

ווי די צדקה האָט אויסגעזען אין דער אַלטער היים

איך דערמאָן דאָ די צדקה אין דער אַלטער היים, כדי צו ציען אַ „פּאַ־ראַלעל" צו די אידישע צדקה־טעטיקייט דאָ אין אַמעריקע. און רעדנדיק פון דער אַלטער היים, דאַרפן מיר אין זינען האָבן די ניינציק פּראָצענט שטעט און שטעטלאַך פון אַלגעמיינע דחקות און באַגרעניצטע פּרנסות; אידישע ישובים, וואָס זעקס טעג אין דער וואָך האָבן דאָרטן אידן געהאָרעוועט און פאַרפינסטערדט געוואָרן כדי צו פאַרדינען אויף שבת, און שוין שטייענדיק באַ דער שוועל פון שבת האָבן זיי ערשט געמוזט „כאַפּן" אַ גמילות־חסד׳ל, דעם שבת אריינצופירן. דאָ רעדן מיר פון אַזאַ סאָרט מאַטעריעלן אידישן לעבן, אין דער איבערוועגנדיקער גאָר גרעסטער מערהייט, וואו איר האָט געטראָפן אָנגעזעענע בעלי־בתים, מזרח־אידן, מיט פאַרלאַטעטע קאַפּאָטעס און געפּוצטע צעריסענע שיך; „רייכע באַלעבאָסטעס" מיט אַ גראָשנדיק שטיקל הערינג אויף אָנבייסן; אויסגעפּוצטע ריינע דירות מיט אויסגעפּרעס־טע געשטיקטע פאַרהאַנגלאַך אויף די פענסטער, און דער דלות האָט דאָרטן גערוט אין יעדן ווינקעלע; „פאַרמעגלאַכע" פאַמיליעס, וואו מיט איין פּאָר קאַלאָשן האָבן זיך באַנוצט אַלע דערוואַקסענע מיידלאַך אין שטוב. אידישע קבוצים, וואו דער גרעסטער אידישער גביר האָט ניט פאַרמאָגט וואָס דער אָרימסטער פויער אין דאָרף האָט פאַרמאָגט. אַ וועלט, וואָס אויף אַ נייעם בגד, אַז מען האָט זיך געמאַכט, האָט מען געדאַרפט מאַכן „שהחיינו" (אַ דאַנק און לויב זיין ליבן נאָמען, וואָס מ׳האָט זוכה געווען זיך צו זען אין אַ נייעם בגד). אַ לעבן, וואו ווייסע חלה איז געווען אַ גאַנצער יום־טוב,

און אַ רעפּטעלע אַפּעלסין איז געווען אַ מאכל מלכים. אַ לעבן, וואָס אונזער אַמעריקאַנער געבוירן קינד קען גאָר פון אים קיין אַנונג ניט האָבן. ער ווייסט ניט, ווי דער איד האָט זיך דאָרטן געמאַטערט מיט זיין פּרנסה, און ער האָט גאָר קיין באַגריף ניט ווי אַט דער פאַרשקלאַפּטער און פינסטערער לעבן איז געווען איבערפולט מיט גייסטיקער ליכטיקייט, מוטיקע פּערספּעק־טיוון, מענשלאכע זעלבסט־ווירדע און שטענדיקע שטרעבונג צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן דעם גייסטיקן לעבן פאַר זיך און פאַר זיין געזעלשאַפט. ער האָט געטראָגן דעם עול הצבור מיט דער גרעסטער מסירות נפש. פון די גראָשנדיקע פּרנסות האָבן די שטעטלדיקע אידן מיט שמחה געטראָגן זייערעביישטייערונגען פאַר „בקור חולים", „תלמוד תורה", „גמילות חסד", „לינת הצדק", „מעות חטים", „הכנסת אורחים" און אַלע אַנדערע אַזעלכע פאָנדן וואָס דאָס אָרימע אידישע שטעטל האָט פאַרמאָגט, צייטווייליקע אָדער שטענדיקע.

צווישן די צייטווייליקע זיינען געווען אַזעלכע פאָנדן ווי צום ביישפּיל: אַ קרעמער האָט אַזוי לאַנג „געקרעמערט" ביז די פּאַליצעס זיינען בא אים געוואָרן ליידיק. קיין פדיון ניט געווען. האָט ער אַלץ געגעסן דאָס גרייטע, ביז אין קראָם האָט „אָנגעהויבן טאָגן". קומט שוין יאָ אַ קונה, פרעגט ער דוקא אויף אַזאַ סחורה, וואָס איז אין קראָם ניטאָ. דאַרף מען אַ גמילות־חסד און אויספילן אַביסל די פּאַליצעס. איז מען אָבער אין שטעטלדיקן „גמילות־חסד" שוין קיין בטוח ניט. דערציילט מען דעם סוד אַ פּאָר גוטע ברידער, שאַפט מען בסוד אַ פופציקער און אַ מאָל מער, און מען גיט עס אַוועק דעם „געפאַלענעם" קרעמער, ער זאָל ווייטער אַמאָל אָנהויבן אריינ־נעמען סחורה. אַזוי קומט אוים צו טאָן מיט אַ בעל־עגלה, בא וועמען אַ פערד איז „אַוועקגעפאַלן"; מיט אַ בעל־מלאכה, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַ־נען פון אַ שלאַפקייט און דערווייל, אין דער צייט וואָס ער האָט געקרענקט, זיינען זיינע שטענדיקע באַשטעלער אַוועק צו אַן אַנדער בעל־מלאכה, מוז מען אים „אונטערהאַלטן" ביז ס'וועלן אָנהויבן קומען צו אים אַנדערע באַ־שטעלער, אָדער טאָקע די געוועזענע. דאָס איז אַלץ אַזאַ פאָנד וואָס ווערט מערסטנטייל געגעבן אויף ניט אומצוקערן. דאָס געלט פאַרן פאָנד ווערט געליען דורך בטוחים און די דאָזיקע בטוחים גייען טאַקע אַליין יעדע וואָך אין די הייזער און די שטעטלדיקע אידן צאָלן וואָכנגעלט פאַר דעם דאָזיקן פאָנד. דאָס הייסט אַ מין „צדקה בסתר", וואָס ניט אַלעמען קען מען אוים־זאָגן פאַר וועמען מען קלייבט עס דאָס וואָכנגעלט.

אויסער דעם האָט דאָס שטעטל עטלאָכע פאַמיליעס, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג יורדים, מענשן מיט אַ היסטאָריע הינטער זיך, וועמען מ׳דאַרף פאַרזאָרגן מיט הספקה, אַלס שטענדיקע קעסט־מענשן, ווייל צו קיינע באַשעפטיקונגען זיינען זיי שוין ניט שייך. גייען באַלעבאַטעס קויפן לונג און לעבער אָדער קעלבערנע קעפּ פאַר זיך, האָבן זיי אין זינען אויך די קעסט־פאַמיליעס *); באַקן זיי חלה אויף שבת, האָבן זיי אין זינען אויסבאַקן אַ קוילעטש פאַר דער דאָזיקער קעסט־פאַמיליע. זיינען שוין דאָ קינדער, וועלכע האָבן שוין אַן אַרבעט אַרומצוגיין מיט קוישעקלאַך צו אַט די גוטע באַלעבאַטעס און נעמען צונויף די לונג און לעבערס מיט די קעלבערנע קעפּ און אויסגעבאַקענע חלות און טראָגן עס צונויף אין איין „זאַמלפּונקט". דאָרטן איז שוין דאָ אַ גאַבעטע, וועלכע סאָרטעוועט אויס דעם גאַנצן „פאַרמעגן" און צעשיקט עס פאַרבאַהאַלטענערהייט, דורך „אַנפאַרטרויטע שוויי־גער", אין די נויטיקע ערטער, קיין זייטיקער זאָל דערפון ניט וויסן.

און ווען עס קומט דער פרייטאָג פאַרנאַכט, דער אָנזאָגער פון אמת׳ער מנוחה פאַר אַלע פאַרהאָרעוועטע און פאַרמוטשעטע, זיינען שוין אַלע טישן באַצירט מיט שבת׳דיקע חלות און אויסגעשטעלטע בענש־ליכט, און ניט אויף די חלות און ניט אויף די בענש־ליכט איז צו דערקענען פון וואַנען זיי שטאַמען. און ווען די שטעטלדיקע הייזער, פאַרזאָרגטע און פאַרפינ־סטערטע פון אַ גאַנצע וואָך דאגות, ווערן ליכטיק פרייטאָג־צונאַכט פון די מאַמעשע בענש־ליכט, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל פונוואַנען אַט די ליכט איז געקומען. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי געגעבן. קיינעמ׳ס ליכט אין שטעטל איז ניט קיין געגעבענע. אַלעמענס ליכט איז אַ גענומענע. האָט עס איינער גע־נומען דורך אַ האַנט און אַן אַנדערער האָט די ליכט גענומען דורך אַ האַרץ. עס איז רעכט געוואָרן און זאָל דער שבת ניט פאַרשטערט ווערן.

איז דאָס שטעטל אין בית־מדרש און עולם איז „מקבל שבת", איז דאָרט ניטאָ קיין צווייערליי שבתים — אַן אייגענער און אַ פרעמדער. איין שבת פאַרמאָגט דאָס אידישע שטעטל, פאַר אַלעמען גלייך — אַן אייגענער. ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין געבער און קיין נעמער. אַלע זיינען דאָ נעמער — אַלע נעמען באַם „זן ומפרנס לכל"; אַלע זיינען דאָ „בעטלער" — אַלע בעטן באַ גאָט זייערע פאַרשיידענע בקשות, טאָ וואָס־זשע איז דער אונטערשייד ווער דער שליח איז? קיין שום אונטערשייד ניט. אַ סימן האָט איר — די מלאכים וואָס באַגלייטן די שטעטלדיקע אידן פון בית־מדרש אַהיימצוגיין, האָבן נאָך קיינמאָל ניט געפרעגט באַ אַ אידן אַ צייגעניש, ער זאָל זיי איבער־

*) אַן ענלאָכע פאַסירונג ברייננגט דער מדרש, ויקרא רבה לד.

ציינן צי דער שבת איז אַ רייכער, צי ניט קיין רייכער. זיי האָבן גאָר אַן אַנדער מין מאָס צו מעסטן באַ אַ שטעטלדיקן אידן זיין רייכקייט. „אַ רייכער איז דער, וועלכער איז צופרידן מיט זיין טייל“ — און אַלע שטעטלדיקע אידן זיינען צופרידן מיט זייערם.

אַט זיינען דאָ אין בית־מדרש פאַראַן עטלאַכע אידן ניט קיין היגע. זיי זיינען געקומען אַהערצו ניט צוליב מסחר און ניט זיך צו זען מיט זייערע קרובים. זיי האָבן דאָ קיין קרובים ניט. זיי האָבן דאָ נאָר אידן. זיינען זיי געקומען אַהערצו צו די אידן אין די הייזער גיין. צופוס זיינען זיי אַהערצו געקומען און צופוס וועלן זיי פון דאַנען אם ירצה השם אַוועקגיין. פשוט׳ע אידן און רויע מענשן, אָן „זכות אבות“ און אָן „יחוס עצמו“. דאָך האָט מען פאַר זיי אין שטעטל קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי „אורחים“ (געסט). און טאַקע ווי געסט האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אויף די פאָר טעג וואָס זיי האָבן „פאַרבראַכט“ אינם אידישן שטעטל. פאַרמאַטערטע פון זייער צופוס גיין, טראָגנדיק אויף זיך זייער זאַק מטלטלין, האָבן זיי זייער מנוחה געפונען אין שטעטלדיקען בית־מדרש. דאָרטן האָבן זיי זיך געפילט פריי, אַ סך פרייער ווי אַן אַנדער רייזנדער אין אַ האָטעל. אַ ברידערלאַכער מאָלצייט איז באַלד פאַר אים געווען אָנגעגרייט אין יעדער אידישע הויז, צו וועמען ער האָט געהאַט אַן אָנווייזונג פונם אָרטיקן גבאי. אָפּגעגעסן מיט אַפּעטיט דעם געשמאַקן מאָלצייט, וואָס די אידישע באַלעבאָסטע האָט אים מיט אַ שוועסטערלאַכע גאַסטפריינדלאַכקייט געגעבען האָט ער זיך ערשט אַרויסגעלאָזט איבער „זיינע מאַיאָנטקעס“, די אידישע קראָמען און הייזער, וואו מען האָט אים געגעבן זיין נדבה מיט דער שענסטער אויפנאַמע. יעדערער האָט געגעבן. דער אָרימסטער בעל־הבית, אַ סוחר, אַ קרעמער צי אַ בעל־מלאכה — אַלע האָבן געגעבן. איז דער מאַן ניט געווען און די פרוי האָט גראָד קיין גראָשן ניט געהאַט (יאָ, ס׳איז געווען אַזעלכע), האָט זי ניט געקענט דעם אורח אַרויסלאָזן ליידיק, האָט זי אים געגעבן אַ פאָר שטיקלאַך צוקער, האָט זי אים געגעבן אַ שטיקל „שבת׳דיקע חלה“, אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך. עפּעס האָט זי אים געמוזט געבן, די שטעטלדיקע אידישע טאָכטער.

אָפּגעהאָרעוועט דעם טאָג, איז ער געקומען פאַרנאַכט אין „זיין האָטעל“ אַריין, אין שטעטלדיקן בית־המדרש. דאָרטן איז ער אַ בעל־הבית מיט אַלע בעלי־הבתים גלייך. פרייטאָג ביי טאָג אין שוויץ־באָד, להבדיל, געניסט ער די פולסטע פרייהייט ניט נאָר צו פאַרנעמען אַן אויבערשטע באַנק און אויספאָרן זיין קאַפּאָטע מיט די הויזן מיטן טלית־קטן, נאָר אפילו זיך אָוועקשטעלן אויסוואַשן זיין איינציקע העמד און זי אויסטריקענען און זי

נאכאמאל אנטאן לכבוד שבת. אן אורח איז ער, פארשטייט איר מיך, איז אים געגעבן געווארן די גאנצע „פרייהייט פון שטאט".

און טאקע ערשט שבת האט ער דערפילט דעם אמת'ן טעם פון זיין פרייהייט. ער איז אן אורח אויף שבת. אלעמאל זיינען געווען אורחים ווינציקער ווי בעלי־בתים, און ניט אלע מאל האט יעדער בעל־הבית זוכה געווען צו האבן אן אורח בא זיין שבת'דיקן טיש. פלעגט זיך טאקע אפט טרעפן, אז איין בעל־הבית האט זיך געבעטן בא א צווייטן, ער זאל אים אפלאזן זיין אורח כאטש אויף איין שבת'דיקע סעודה. און גאנצע אונטערהאנדלונגען פלעגן פארקומען צווישן די בעלי־בתים אין בית־המדרש און דיפלאמאטישע פייאיקייטן האט דער גבאי, וואס האט איינגעטיילט די אורחים, געדארפט אויסנוצן כדי אלעמען צופרידן שטעלן. דעם זעלבן אינטערעס וואס דער בעל־הבית האט דא אין בית־מדרש ארויסגעוויזן צום אורח, האט אויך די באלעבאסטע און די קינדער ארויסגעוויזן, ווען די טיר האט זיך געעפנט און ס'האט זיך דערהערט דערברייטער גוט־שבת פונם פאמיליען־פאטריארך און זיין באגלייטער, דער אורח.

זיצנדיק באם טיש האט זיך דער אורח געפילט היימיש, ווי צווישן זיינע אייגענע און נאענטע. ער עסט ניט קיין פרעמדס, ער עסט זיין אייגנס, וואס גאט האט אים געגעבן. א ווארט אין דער גמרא איז פאראנען, וואס כאראקטעריזירט פולשטענדיק אט די אנגעלעגנהייט: „א גוטער אורח זאגט — אלע באמיהונגען פון בעל־הבית זיינען געווען צוליב מיר" 1). די אידישע מדה פון גאסט־פריינטלאכקייט פון דור דורות, האט געשאפן באם פאלק אזא ווארט. צווישן די אידן פלעגט ארומגיין א מיינונג, אז די באהאלטענע לאמעדוואווניקעס (למד־ואו — זעקס און דרייסיק צדיקים), אויף וועמענס זכות די וועלט האלט זיך, פארשטעלן זיך פאר ארימעלייט, הייזערגייער, טוען זיך אן אין וואס מער צעריסענע קליידער, מאכן זיך וואס פראסטער, אומוויסנדיקער און אפגעלאזענער, בכדי עס זאל זיין שווערער צו דערקענען זיי. זיינען דערפאר אלע בני־בית געווען אין דער גרעסטער אנגעשטרענגטקייט צופרידן שטעלן דעם ארימאן. א קשיא אויף א מעשה, טאמער איז ער האס גראד פון די באהאלטענע לאמעדוואווניקעס.

אזוי האט דאס שטעטל אויפגענומען ארימלייט, ארחי ופרחי, אפגעריסענע און היגיעניש־אפגעלאזענע, וועלכע פלעגן טאג־איין טאג־אויס קומען אהינצו. ווער רעדט נאך אז עס פלעגט אנקומען אן אורח הגון, אן אנשטענדיקער ארימאן, א איד א יורד, מיט וועמען עס איז געווען צו ריידן

---

1) ברכות נח.

אַ וואָרט תורה אָדער פאַרבערענגען אין מילי דעלמא; ציי אַז אין שטעטל איז אָנגעקומען אַ איד אַ מגיד, אַ משולח — דאָס איז דאָך טאַקע ממש געווען אַ שמחה באַ די אָרטיקע אידן. ס'איז דאָך געווען פאַררעכנט פאַר אַ זכיה צו האָבן אַזאַ אורח אויף סטאַנציע. ניט יעדערער האָט דאָך זוכה געווען צו האָבן אַזאַ אורח אין שטוב.

און דאָס אַלעס איז דאָך געטאָן געוואָרן אין דער אַלטער היים מיט אַזאַ ערנסטקייט, מיט אַזאַ נאַטירלאַכער גאַסט־פריינטלאַכקייט. מ'האָט עס ניט געטאָן פאַר כבוד וועגן, אָדער צוליב יוצא זיין. מ'האָט עס געטאָן, ווייל דער געפיל, דער אידישער געפיל, אַ דאַנק דער אידישער דערציאונג און דאַמאָלסדיקער אַרט לעבן, האָט אינסטינקטיוו דיקטירט אַזוי צו טאָן. „מען האָט דעם אורח גיכער אין זינען געהאַט ווי אַן איינגן קינד" 2) — אַזוי האָבן אידישע קינדער געהערט דערציילן מעשה'לאַך פון דער גמרא און אַזוי האָט מען זיך געפירט.

וואָלט אפשר געווען כדאי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער „איינגעמאַכטס חברה" וואָס איז געווען אין די שטעטלאַך אין דער אַלטער היים. אַזאַ טייער אַרטיקל, ווי איינגעמאַכטס. ווער האָט דען זוכה געווען צו זען אין אַ אידישער פאַמיליע עסן איינגעמאַכטס, מיט אַ לעפעלע, געזונטערהייט? אין די פאַרמעגלאַכע באַלעבאַטישע הייזער פלעגט מען יאָ געבן די קינדער אין חדר אַריין איינגעמאַכטס מיט ברויט, אָבער ניט מיט לעפעלאַך צו עסן. מען פלעגט אָנשמירן אַ היפּש ריפטל ברויט מיט אַ ביסל סאָוס פון איינגעמאַכטס. דאָס חדר־אינגל פלעגט זיך צוקוקן צו דער גוטער מאַמע, ווי זי שמירט עס אַזוי ציטערדיק די איינגעמאַכטס אויפן ברויט און ער פלעגט טאַנצן פאַר שמחה, אַז ער האָט גע'פועל'ט באַ איר נאָך אַ ווייניגשעלע. אָך, וואָסער אַ שמחה דאָס איז געווען. איינגעמאַכטס מיט אַ לעפעלע האָט מען געגעסן, נאָר ווען מ'האָט געדאַרפט איננעמען ווערם־קרויט, אַזאַ ביטערן מעדיצין פאַר מאָגן־קראַנקהייט, ציי חלילה באַ אַן ערנסטערן קראַנקן, וואָס איז געלעגן פאַרשמאַכט און מ'האָט אים געדאַרפט „דערקוויקן די נשמה". נו, זענען אָבער געווען אַ סך, טאַקע גאָר אַ סך אידישע הייזער וואו קיין זכר פון קיין איינגעמאַכטס איז דאָרטן ניט געווען. מאַכט זיך, חלילה, עמיצער ווערט דאָרטן שלאַף, און דער חיות גייט אים אויס פאַר אַביסעלע איינגעמאַכטס, און ס'ניטאָ. כאָטש גיי שריי חי וקים. זיינען שוין געווען אין שטעטל אַזעלכע ווייבער, וואָס האָבן אין זינען געהאַט אַזעלכע זאַכן אויך. פלעגט קומען דער ליבער זומער, פלעגן זיי פאַרקאַשערן די

---

2) חולין צד.

ארבל און פאררוקן די שטערנטיכלאך און פלעגן ווערן באשעפטיקט צו איינקויפן בא די פויערטעס אין מארק אלערליי פרוכטן, און אויספרעגלען פארשיידענע סארטן איינגעמאכטס, צענדליקער גלעזערנע אדער ערדענע כלים אזעלכע, און אוועקשטעלן זיי ערגעץ אין א „באגלויבט" ארט און זיך איינע די אנדערע צו ווינשעווען „הלואי זאל מען עס ניט דארפן". אזוי פלעגט זיין אין שטאט אן אפטייק און א „חברה־איינגעמאכטס". פלעגט זיך מאכן, חלילה, א באדערפעניש אין א אידישער פאמיליע פאר א ביסל איינגע־מאכטס, זיינען שוין די פירערינס פון אט דער חברה געוואר געווארן און גלייך האבן זיי עס פארזארגט. אין אפטייק האט א ניט־פארמעגלאכער אי־דישער חולה געקראגן, לויט א צעטל פון בקור־חולים, מעדיצין אומזיסט און אין „חברה איינגעמאכטס" האט ער געקראגן איינגעמאכטס אומזיסט.

מעדיצינישע מכשירים — א שיסל, אן אייז־פענכער און אנדערע אזעלכע כלים, פלעגט שוין די חברה „לינת הצדק" צו שטעלן אין א אידישע הויז, וואו עס איז געווען א קראנקער. די דאזיקע חברה האט שוין באדינט אלעמען אין שטעטל, אפילו רייכערע פאמיליעס אויך. דעמאלט האט מען נאך אין שטעטל ניט געוואוסט פון אזא „מאדע" ווי צו דינגען א פעלדשע־ריצע אדער, ווי מען רופט עס דא, א נוירס. פלעגט איינער אין א פאמיליע פארשלאפט ווערן אויף אן ערנסטער קרענק, האט מען אים אין א האספי־טאל ניט אריינגעגעבן. מען איז נאך אלץ געווען בא דער מיינונג, אז א האס־פיטאל איז נאר פאר ארימע לייט און דארטן גיבן די דאקטוירים ניט אזוי גענוג אכטונג אויף א קראנקן, ווי אז מען רופט א דאקטאר אהיים. א אי־דישע פאמיליע, אפילו ניט קיין פארמעגלאכע, פלעגט זיך פאר'משכונ'ען און היילן דעם קראנקן אין דער היים. איז אבער פאר די בני־בית געווען שווער ארומצוגיין ארום דעם קראנקן און אים אויפפאסן בא טאג און בא־נאכט. די ערשטע פאר טעג איז נאך געווען צו דערליידן, אבער ווען די קראנקהייט האט זיך פארצויגן לענגער, האט מען שוין געמוזט האבן זיי־טיקע פרישע מענשלאכע הילף. אט פאר דעם צוועק איז עס געווען אין שטעטל א חברה „לינת הצדק".

די חברה איז באשטאנען פון פרייוויליקע מיטגלידער, וועלכע פלעגן גיין, לויט אן אטשערעד, אכטונג צו געבן אויף א קראנקן יעדע נאכט וויפיל ס'האט זיך געפאדערט. די פירער פון דער חברה האבן אין זינען געהאט צו שיקן צו יעדן קראנקן אזעלכע מענשן, וועלכע זאלן קענען אים מאכן פילן גוט מיט זייער אנוועזנהייט און מיט א געשפרעך וואס פאסט זיך צו. דערמיט האט מען פארגרינגערט די מאטערניש פון די בני־בית און אויך

דער קראַנקער האָט זיך געפילט בעסער, האָבנדיק פאַר זיך נייע מענשן, מיט וועמען ס'איז אים אינטערעסאַנט צו פאַרברענגען.

מען האָט זיך ניט גערעכנט מיט קיינע שוועריקייטן. קיינער האָט ניט געשטערט, ניט די פרוי און ניט די קינדער, צו טאָן גוטעס פאַר אַ צווייטן. און אין דעם אופן פון זייער וואוילטעטיקע ארבעט איז אַבסאָלוט ניט געוועזן קיין שום סימן פון רחמנות אָדער טובות־טאָן. דאָס איז געוועזן פשוט אַ חוב, אַ מענשלאַכער חוב, אַ פאַמיליען חוב. היינט טו איך פאַר יענעם, מאָרגן וועט יענער טאָן פאַר מיר. עס איז אַ געגנזייטיקע פאַמיליען דינסט. „הלואי זאָל מען זיך אָפּדינען אין פריידן" — פלעגן זיך אידישע פאַמיליעס ווינשעווען איינע די אַנדערע אין אַ צייט פון נויט. און מען פלעגט זיך טאַקע אָפּדינען אויך אין פריידן. איז געוועזן אַ שמחה אין שטעטל, האָבן זיך אַלע געפילט ווי מחותנים. האָט איינער דעם אַנדערן ארויסגעהאָלפן מיט אַן אָנווייזונג, מיט אַן עצה, מיט אַ גמילות־חסד'ל, אָדער מ'איז געקומען העלפן קאָכן, באַקן, ראַמען און סאַרווערן.

פאַמיליעס זיינען געוועזן ברוגז, מ'האָט זיך צוקריגט צוליב דער „זינדיקער פרנסה", האָט מען גערעדט צווישן זיך אויפן „ער" אָדער „זי". אינגאַנצן ניט צו רעדן איינער מיטן צווייטן איז אין שטעטל געוועזן כמעט ווי אוממעגלאַך. טאָ ווי־זשע טוט מען פאָרט אַז מ'איז ברוגז? איז אָנשטאָט בערל זאָל זאָגן צו חיים'ן „וואוהין גייסטו?" זאָגט ער אים „וואוהין גייט ער?"; אָנשטאָט ברכה זאָל זאָגן צו שיינדלען „וואָס מאַכסטו און וואָס מאַכן עפּעס דיינע קינדערלאַך, זאָלן געזונט זיין?" פרעגט זי איר „וואָס מאַכט זי און וואָס מאַכן עפּעס אירע קינדערלאַך, זאָלן געזונט זיין"; האָט זיך אָבער נאָר עפּעס געטראָפן חלילה אַן עת צרה, אַזוי האָט מען באַלד פאַרגעסן צו ריידן אויפן „ער" און אויפן „זי" און ס'איז צוריק געוואָרן נפש אחת. מען האָט זיך געקריגט ווי שוועסטער און ברידער, מען האָט זיך געזידלט ווי שוועסטער און ברידער און מען האָט זיך ליב געהאַט און געפילט ווי שוועסטער און ברידער. איז אין שטעטל אַ אינגל געבוירן געוואָרן, האָט מען אין אַלע שולן אויסגערופן, אַז „מען בעט דעם גאַנצן עולם אויפן בן זכר", זיינען אַלע חדר־אינגלאַך מיט זייערע באַהעלפער, די שטעטלדיקע צאָן קדשים מיט זייער פירער, געקומען צום ניי־געבוירענעם אידן קריאת־שמע לייענען און לעקאַכלאַך באַקומען; האָט שטעטל אין טאָג פון ברית קיין תחנון ניט געזאָגט, אַ שמחה איז אין שטעטל — אַ איד איז צוגעקומען. אַ איד איז געווען אַ גאַנצער פאַרנעם אינם אידישן לעבן. איין נפש אַ אידישער איז געוועזן אַ גאַנצע וועלט.

די צרות און די רדיפות וואָס אידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דער רעגירונג און זייערע ארומיקע שכנים, די טרויעריקע אומזיכערע לאַגע אין זייערע טאָג־טעגלאַכע באַדינגונגען און דער געפיל פון אחדות און בטחון, וועלכער איז אריבער בירושה פון עלטערן צו קינדער און פון צו דור, דאָס אַלעס צוזאַמען גענומען האָט אויסגעצעמענטעוועט איין חטיבה פונם גאַנצן אידישן פאָלק, וואו יעדער איז נויטיק פאַרן פאָלקס־אָרגאַניזם, אַקוראַט ווי יעדער גליד איז נויטיק פאַר דער גאַנצקייט פון אַ קערפּער. יעדער פּרט איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַרן כלל און דער כלל, דורך די יחידים, מוז באַשיצן זיין יעדן איינצלנעם. אָט די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט און אייניקייט האָט קולטיווירט און קריסטאַליזירט באַם אידישן קיבוץ דעם געפיל פון צדקה, אַלס אַן א י ד ע אַ ל פ ו ן ג ר ע כ ט י ק י י ט. ניט קיין „טשאַ־ריטי" נאָר צ ד ק ה, ג ע ר ע כ ט י ק י י ט.

ח.

דער מאָטיוו פון צדקה באַ די ערשטע אידישע אימיגראַנטן

האָט זיך דער אידישער קיבוץ אין דער אַלטער היים אַ טרייסל געטאָן. שווערע צייטן האָבן אָנגעהויבן קומען אהינצו. ניט אַלע האָבן דאָרט גע־קענט פאַרבלייבן. האָבן זיי געזוכט אַ וועג צו אַ נייעם אָרט. ניט אָרגאַני־זירט איז געוועזן אָט דער זוכן. איינציקווייז האָבן אידן פאַרלאָזט זייערע אַלט־געזעסענע היימען און איינציקווייז זיינען זיי אָנגעקומען דאָרט וואו זיי האָבן אַ נייע היים געוואָלט געפינען. ניט קיין גאַנצע קהילות האָבן זיך אויפגעהויבן און איבערגעוואַנדערט אַנדערשוואו, נאָר איינציקע מענשן האָבן זיך אויסגעטיילט פון דעם אידישן איינגעאָרדנטן קהילה־לעבן און האָבן זיך אוועקגעלאָזט אויפן וועג פון זייער וואַנדערונג.

און דוקא אָט דער סאָרט וואַנדערונג, דער ניט־אָרגאַניזירטער און דער איינזאַמער האָט געווירקט אויף די דאָזיקע „היים־זוכער" צו פילן און באַ־גרייפן די באַדייטונג פון דער אידישער אַטמאָספער אין זיין פאַרלאָזענער היים, וואו דאָ, אין זיין זוכנדיקער היים, האָט ער זי דאָ ניט געקענט האָבן. אַ סך האָט צו דעם אויך בייגעטראָגן די בענקשאַפט נאָך דער היים, נאָך דעם אידישן גייסטיקן לעבן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זיין געבורט־שטאָט. בענקשאַפט איז אַזאַ מין געפיל, וועלכער ווערט אויסגעשפרייט פון באַשטימטעס צו ניט קיין באַשטימטעס. פריער בענקט מען נאָך אַ באַ־

שטימטן טייל פון אַ געגנשטאַנד, נאָכער ווערט אַט די דאָזיקע בענקשאַפט אויסגעברייטערט און מען בענקט נאָך דער גאַנצער געגנשטאַנד, נאָכער נאָך דעם אָרט און סביבה א. א. וו. בענקשאַפט האָט אין זיך אַזאַ מין קראַפט, אַז צוליב דעם עצם וואָס רופט באַ אייך אַרויס אַ בענקשאַפט, ווערט אייך נאָענט און טייער דער גאַנצער אומגעגנט און די אַלע מאָמענטן, וואו אַט דער עצם האָט זיך געפונען אין באַשטימטע צייטן באַ געוויסע ערשיינונגען און פאַסירונגען, און צו אַלעם און אַלעמען ווערט אייער בענקשאַפט אויסגעשפרייט. יעדער לעבעדיקער וועזן, יעדער מענש אין זיין רוהיק איינגעאָרדנטן לעבן, און איבערהויפט יעדער אידישער אימיגראַנט, האָט אַזעלכע מאָמענטן פון בענקשאַפט. אפילו אינם בעסטן אופן, ווען דער אימיגראַנט פאָרט אין אַ באַשטימטער שטאָט, וואו פריינט און אַ אידישע סביבה וואַרטן אויף אים, דאָך זיינען באַ אים דאָ אַזעלכע סיבות, וואָס מאַכן אים אַ געוויסע צייט בענקען נאָך דער אַלטער היים. עס איז ניט קיין אונטערשייד צו וואָס פאַר אַ שטופּע זיין בענקשאַפט דערגרייכט, עס איז אויך קיין חילוק ניט וואָס די סיבה פון זיין בענקשאַפט איז און וויפיל זי געדויערט. וויכטיק איז דאָ נאָר אַ געוויסער פאָדעם אין אַ געוויסער צייט, וואָס האַלט זיין געדאַנק אָדער געפיל צוגעבונדן צו זיין געבורט־שטאָט. דאָס רופט באַ אים אַרויס עראינערונגען וועגן פאַרשיידענע מאָמענטן אין זיין פערזענלאַכן, פאַמיליען און געזעלשאַפטלאַכן לעבן אין דער אַלטער היים. און ווייל ער פילט זיך נאָך איינזאָם און „גרין“ אין זיין נייע היים, ווייל ער איז ניט איינגעאָרדנט סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיק, ווייל ער איז איבערגעוואָלט אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין פריערדיקן אָרט און שטייגער, און די אָרדנונג און פירונגען אין דער נייער היים זיינען אים נאָך פרעמד — דערפאַר ווערט באַ אים טייער, און ער הויבט ערשט אָן צו באַגרייפן די ווערט פון יענעם סאָרט לעבן אין זיין איבערגעלאָזענער היים. אָפטמאָל ברייינגט אים אָט דער געפיל צו אַ צווייטן עקסטרים, אַז אפילו די חסרונות פון דעם אָרט לעבן אין זיין אַלטער היים ווערן באַ אים מעלות, און די מעלות פון דער נייער היים ווערן באַ אים חסרונות. אַ דאַנק זיין באַזונדער לאַגע, אַלס איינזאָמער און „גרינער“, געפינט זיך דער אימיגראַנט, און איבערהויפט דער אידישער, אין צוויי וועלטן: זיין קערפּער איז אין דער נייער וועלט, און זיין געדאַנק איז אין דער אַלטער. קומענדיק פון אַ טאָג שווערע אַרבעט, סאַי אַלס פאַבריק־אַרבעטער, סאַי אַלס פּעדלער, אַ מידער, אַ דערשלאָגענער, הויבט ער זיך אָן אָפּצוגעבן אַ חשבון־הנפש, וואָסער אַ סאָרט לעבן ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים דאָרטן, אַ אידישן זאַפטיקן לעבן; טאָקי אַז אָרים לעבן, אָבער אַזוי ליכטיק אויף דער נשמה, אַזוי

הארציק, אזוי פילנדיק און אחדות׳דיק. און אזוי ווי די אלטע היים איז נאך דאן, צוריק מיט פערציק יאר, געווען דורכאויס רעליגיעז, פלעגט זיך אים פארשטעלן אין געדאנק די אוונטן אין בית־מדרש, אדער אין דער בעל־מלאכה׳שער קלויז (עס ווענדט זיך צו וואסער א קרייז ער האט געהערט), די שבתים און די ימים־טובים, די פריינטשאפט און די צוגעבונדנקייט פון איינעם צום צווייטן. אלעס האט אים דא ערשט אנגעהויבן ווערן עפעס אזוי טייער אז זיין בענקשאפט צום פארגאנגענעם איז ארויס גאנץ ווייט פון די גרעניצן פון זיין פאמיליע, צי פון זיין שטעטל, אפילו ווייטער פון זיין געגנט און געבורטס־לאנד. זיין בענקשאפט איז שוין געווארן אן אב־סטראקטע — ניט צום יחיד, נאר צום כלל; ניט צום פיזישן כלל, נאר צום גייסטיקן; ער האט געבענקט צו אט דעם גייסט, וואס האט צעמענ־טעוועט און אידעאליסטיש פאראייניקט אט דעם כלל, וועלכן ער האט איבערגעלאזן אין דער אלטער היים. ער האט געבענקט צום „אידישקייט״. דעם דאזיקן געפיל האט ער ניט געקענט דעטאליזירן. עס האט אים געפעלט דער נויטיקער קולטורעלער אנאליז. האט ער אים קאנצענטרירט אין אזא פונקט פון אידישקייט, אין וואס ער זעלבסט האט זיך אמשטארקסטן גענויטיקט. ער האט זיך גענויטיקט אין אידישער ברודערשאפט און אייניקשאפט (אחוה ואחדות), עמיצער זאל פילן זיין לאגע; ער האט זיך גענויטיקט אין אי־דישן געפיל און גאסטפריינטלאכקייט. ווען ער איז געקומען אהערצו, צוריק מיט עטלאכע צענדליק יאר, איז נאך דא קיין ארגאניזירטער אידישער לעבן ניט געווען. אין גאר־גאר א סך ערטער, וועלכע זיינען איצט פאררעכנט פאר גרויסע אידישע קהילות, איז נאך דאמאלס אפילו קיין מנין אידן ניט געווען. איז ער געווען פרעמד, און די פרעמדקייט האט אים דערלאנגט ביז צו דער נשמה. האט ער געבענקט נאך אייגענע און נאך אן אייגענעם ארט לעבן. דאס הארץ האט אים געצויגן צו א אידן און צו א אידיש ארט לעבן. איז אז ער פלעגט געוואר ווערן, אז ס׳איז אנגעקומען א נייער איד פון דער היים, איז עס בא אים געווען די גרעסטע שמחה. דורך דעם וואס ער האט מקרב געווען אזא אנגעקומענעם נייעם אידן, האט ער געפילט עפעס ווי אן אנזעטונג פון זיין גרויסן בענקשאפט־דארשט. עס זיינען נאך פאראן אידן, וואס געדענקען, ווי אזוי בא א סך א סך איז געווען א באזונדער פרייד גיין מקבל־פנים זיין א שיף וואס פלעגט אריינקומען, כאפן דעם ערשטן קוק אויף די אריבערגעקומענע און מיט עפעס זיי מהנה זיין. גליק־לאך האט זיך גערעכנט אזא איד, וואס גייענדיק אינמיטן גאס האט ער באגעגנט א אידן מיט אן עמיגראנטן־פעקל און האט אים מיט עפעס געקענט דינען. כאטש א גלאז סאדע־וואסער אים קויפן. אין יענער צייט האט מען

באמת געקענט זען, אַז מיט דער גאַסט־פריינטלאַכקייט, וואָס אַ איד האָט ארויסגעוויזן צו אַן אריבערגעקומענעם, איז ער געווען אויסן אַ דאָפּלטע כונה: העלפן אַ אידן און צופרידנשטעלן זיך אַליין, זיין אייגענע גייסטיקע פאָדערונג. אַזוי ווי אין דער היימישעה אידישער שטעטל איז געווען אַ פרייד מיט אַ ניי־געבוירענעם אידן און מ'איז געגאַנגען זיך משמח זיין מיט אַ „בן זכר", אַזוי איז געווען דאָ אין אַמעריקע צווישן די אידישע אימיגראַנטן די שמחה גרויס מיט אַ ניי־אריבערגעקומענעם אידן. און ניט נאָר מיט דער שמחה אַליין האָט מען יוצא געווען, נאָר מ'האָט זיך טאַקע אויך אינטערעסירט מיט דער לאַגע פונם ניי־אריבערגעקומענעם. אויב ער האָט דאָ ניט געהאַט קיין קרובים, האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט מיטלען אים איינצואָרדענען דאָ מיט אַ „לעבן מאַכן". (אויף אַזאַ אופן איז דאַך צוריק מיט עטלאַכע און פערציק יאָר אָרגאַניזירט גע־וואָרן די „הכנסת אורחים" אין ניו יאָרק, וועלכע איז נאָכער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער איצטיקער וועלט־באַרימטער „האַיאַס". די אידישע צדקה האָט שוין דאַן אויך דאָ אַנגעהויבן שלאָגן אירע וואָרצלען.

ווייל דעמאָלט, אין יענער צייט, זיינען אויך דאָ אין אַמעריקע צווישן די אימיגרירנדע אידן געווען, ווי אין דער אַלטער היים, די צוויי הויפּט־מאָטיוון פאַר „אידישער צדקה": דער רעליגיעזער און דער עקאָנאָמישער. צוליב זיין עלנדער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס יעדער אידישער אימיגראַנט האָט אַליין איבערגעלעבט אין יענע צייטן און צוליב זיינע רעליגיעזע גע־פילן, וועלכע זיינען נאָך געווען באַ אים פריש פון זיין אַלטער היים, צוליב דעם אַלעמען האָט דאָ דער איינציקער איד און נאָכער דער אידישער קיבוץ אַ משך פון יאָרן פאַרטגעזעצט אין מעשים דעם אידישן געפיל פון צדקה.

ט.

עס פעלן די יסודות פאַר טראַדיציאָנעלע אידישע צדקה

אין געגנוואַרט איז די אידישע לאַגע אין אַמעריקע אין גאַנצן אַנדערש ווי זי איז געווען אין דער אַלטער היים, אָדער ווי זי איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער אידישער מאַסן אימיגראַציע. דער איד איז דאָ אַצינד אין אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקטער בירגער אין אַלע ענינים. איך זע דאָ ניט קיין שום אורזאַכע, וואָס זאָל צווינגען דעם אידן צו זיין אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדער געטאָ. מיר רעדן דאָ ניט וואָס וואָלט גלייכער געווען פאַרן

גייסטיקן וואוקס פונם היגן אידישן קיבוץ אַלס אַ נאַציאָנאַלע איינהייט. מיר רעדן דאָ נאָר פון אַ פאַקט, און דער פאַקט איז, אַז אידן קענען דאָ וואוינען וואו זיי ווילן און קענען זיך באַשעפטיקן מיט וואָס זיי ווילן און קיינע שטערונגען באַגעגענען זיי ניט אַלס אידן. אין בילדונג און אין פאָליטיק זיינען דאָ אידן פאַרטראָטן פולבאַרעכטיקט אַלס בירגער און פאַרנעמען דאָ דעם אָרט, וואָס קומט זיי, אָן שום דינגעניש און אָן שום טענות. דאָ איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין ספעציפישע אידיש־עקאָנאָמישע פראָבלעם, ווי מיר געדענקען זי אין דער אַלטער היים, אָדער ווי מיר ווייסן זי נאָך היינט אין אַנדערע לענדער אין אייראָפע. ווי עס האַלט דאָ מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע אין אַלגעמיין, איז דאָ דער ענין פון פרנסה אין אַ בעסערן מצב, ווי אין אַנדערע לענדער, און אין דעם פרט איז דאָ די אידישע באַפעלקערונג קיין אויסנאַם ניט. איך זאָג ניט, אַז דאָ איז ניט פאַראַן קיין דאגות־פרנסה. אָבער דאָ איז די דאָזיקע דאגה גאָר ווייט אַנדערש ווי זי איז געווען אין דער אַלטער היים, אפילו אין די בעסטע צייטן. דאָרט האָט אַ איד געזאָרגט „וואו נעמט מען פרנסה?" האָט עס געמיינט פשוט און פראָסט „ברויט צום עסן און אַ בגד צום אָנטאָן". דאָ אַז איד האָט דאגת פרנסה, מיינט עס ניט, אַז עס פעלט אים חלילה אויף אַ „טיקעט צו אַ שאָו"; דאָ מיינט דאגת פרנסה — אַ בעסערע וואוינונג, אַ שענערן אָטאָמאָביל, אַ טייערן „דיימאָנד רינג" און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס מען זעט באַ יענעם און עס וואָלט זיך אויך וועלן האָבן. אין דעם זין איז דאָ אָט די „דאגת פרנסה" באַ אידן גאָר גאָר ווייט אַוועק, ווייל אין אַמעריקע איז פשוט דער סאָציאַלער קאָנטראַסט זייער שאַרף אָנזעענדיק. דאָ זעט מען די רייכקייט אין איר גאַנצער פרעסערישער רייץ אויף יעדן טריט און שריט. ווילט זיך נאָכיאָגן און אויך זיין מיט „לייטן גלייך". יאָגט זיך אָבער ניט אַזוי גיך ווי מען מיינט — זאָרגט מען, טרוקנט מען דעם מח, הייסט עס „דאגת פרנסה". אָבער פון יענער היימישער „דאגת פרנסה" איז די היגע ווייט אַזוי ווי איין עק וועלט פון דער צווייטער.

פרנסה, אינם „היימישן אידישן" זין פונם וואָרט, האָבן דאָ אַלע אידן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז אויך פאַראַן אַ געוויסער פראָצענט אידן, וואָס צוליב געוויסע סיבות ווערן זיי צייטווייליק אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען, און ביז וואַנען זיי נעמען זיך צו אַן אַנדער פרנסה אָדער טאַקע צו דער זעלבער, וואָס קערט זיך צוריק אום — קומט זיי דערווייל אוים צו ליידן טאַקע אמת'ע דחקות און מוזן אפילו נעמען אין שפייזקראָם אויף באָרג. געווים איז אַזאַ פראָצענט פאַראַן. אָבער די דאָזיקע נאַ־

טירלאַכע ערשיינונג ענדערט ניט די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין אַמעריקע.

דער פאַרנעם פון דער פרנסה און די היגע אידישע עקאָנאָמישע לאַגע איז אַזוי ווייט אַוועק אין דער מאָס פון איר באַדערפעניש און אינם וואוקס פון איר גרויס, אַז עס וואָלט פשוט געווען פרימיטיוו פאַר אַ היגן אידן צו דענקען אַז „מען דאַרף געבן צדקה אַלס אַ סאָציאַלע פאַרזיכערונגס־מיטל", דאָס הייסט, אַנווענדן צו די איצטיקע באַדינגונגען פון דער אידישער עקאָנאָמיק אין אַמעריקע דעם עקאָנאָמישן מאָטיוו, וואָס האָט געהאַט אַזאַ וויכטיקע ווירקונג אין דער אַנטשטייאונג פון דעם העכסטן אידישן צדקה־איד דעאַל. דער איד אין זיין עקאָנאָמישער לאַגע אין אַמעריקע איז שוין אין אַלע הינזיכטן ווייט אַוועק צום בעסערן, אַז דער אופן פון צדקה זאָל אים קענען דינען אַלס אַ פאַרזיכערונגס־מיטל. אפילו אַ טויזנטל מחשבה קען ער ניט טראַכטן אַז ער דאַרף געבן צדקה דערפאַר, ווייל טאָמער וועט זיך באַ אים „דאָס רעדל אַ דריי טאָן" און ער וועט חלילה בלייבן אָן פרנסה, זאָל ער זיך קענען צוריק „שטעלן אויף די פיס" דורך דעם וואָס אַנדערע וועלן אים געבן צדקה.

אין אַמעריקע איז דער עקאָנאָמישער מאָטיוו פאַר צדקה־געבן אָן אויסגעשפּילטער. דאָס זעלבע קענען מיר אויך ניט זאָגן, אַז דער איד אין אַמעריקע גיט צדקה ווייל ער איז רעליגיעז און דערפאַר פאָלגט ער נאָך נאָכן רעליגיעזן מאָטיוו וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטשטייאונג און פאַרטיפונג פון דער אידישער צדקה. ווייל דער אידישער לעבן אויפן רעליגיעזן געביט איז דאָ אַזויפיל אַנדערש ווי ער איז געווען אין דער אַלטער היים, אַז עס וואָלט פון אונזער זייט געווען די גרעסטע נאַאיוויטעט צו דענקען, אַז באַ די אידן אין אַמעריקע איז פאַראַן דער זעלבער רעליגיעזער מאָטיוו אין זייער צדקה־געבן, ווי ער איז געווען באַ זייערע עלטערן אין זייער געבורט־שטאָט. אויסנאַמען קענען זיין. דער אַלגעמיינער פאַקט אָבער איז, אַז די צוויי הויפט־מאָטיוון, וועלכע זיינען געווען די שטאַרקסטע פונדאַמענטן פאַר דער אידעאַלער אידישער צדקה, זיינען איצטער באַ די אידן אין אַמעריקע ניט פאַראַנען. צדקה ווערט דאָ באַ די אידן א ר ו י ס ג ע נ ו מ ע ן אוצרות גאַנצע. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט „ארויסגענומען", ווייל די צוויי וויכטיקע אויבענדערמאָנטע מאָטיוון אַלס יסוד פאַר „אידישער צדקה" זיינען דאָ ניטאָ. קיין נייעם מאָטיוו פאַר אידישער צדקה, צוגעפּאַסט צו די איצטיקע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך ניט באַגרינדעט. איז דערפאַר איצטער אין אַמעריקע די אידישע צדקה אין אַזאַ שטופע, אַז אין איר גרעסטן פּראָצענט ווערט זי ניט געגעבן, נאָר מען דאַרף זי נעמען.

י.

די באַציאונג פון אונזער יוגנט אין אַמעריקע צו אידישער צדקה

צדקה געבן דארף מען קענען. אָדער די „קעשענע“ דארף קענען געבן, אָדער די הארץ דארף קענען געבן. ביידע צוזאַמען איז געווים גוט. די וואָס גיבן דאָ זייערע יערלאַכע ביישטייערונגען פאַר די אידישע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן, זיינען מערסטנס טאַקע אַזעלכע אידן, וואָס „קע־נען“ געבן. איר טרעפט זיי אין די היגע שטעט און שטעטלאַך, און עס איז אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו באַקאַנען זיך מיט זיי. אַזאַ באַקאַנטשאַפט רופט בײַ אייך אַרויס די שענסטע עראינערונגען, וועלכע איר געדענקט פון אייער געבורטס־שטאָט. אָבער גלייכצייטיק רופט ארויס בײַ אייך אַזאַ באַקאַנטשאַפט אַ געפיל פון ציטערניש, ווי עלטערן ציטערן איבער זייער בן־יחיד, ווען זיי ווייסן, אַז מער קיין קינדער קענען זיי שוין ניט האָבן. זאָלן אָט די דאָזיקע גוטע געבער מאריך ימים ושנים זיין, נו, און וואָס וועט דערנאָך זיין? וועלן זייערע קינדער אויך אַזוי געבן איידישע צדקה, ווי זייערע עלטערן האָבן געטאָן? פון די ביישפּילן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אויף מיין טור איבערן גאַנצן לאַנד, קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז אין אַ טרויעריקן פאַל, ווען מיר פאַרלירן אַ גוטן געבער, איז עס אַזאַ פאַרלוסט וואָס קערט זיך ניט אום דורך זיינע קינדער. דאָס ערשטע יאָר האַלטן זיי נאָך אַמאָל אָן דעם פאַטערס צאָלונגען פאַר די אידישע וויכטיקע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. אַ צווייטן מאָל שעמען זיי זיך ניט, אָט די לייטישע יורשים, און שניידנדיק דעם טאַטנ׳ס הוצאות, נעמט מען זיך באַלד צום טאַטנ׳ס צדקה צעטל. אוים מיט דער צדקה, וואָס זייער טאַטע פלעגט געבן. און ווען אַ פאַרשטייער פון אַנשטאַלט הויבט אָן איינ׳טענה׳ן מיט אַזעלכע קינדער, אַז צוליבן גוטן אָנדענק פון זייער פאָטער דאַרפן זיי אָנהאַלטן צו געבן די צדקה וואָס זייער פאָטער פלעגט געבן, און איבערהויפּט ווען די קינדער האַלטן אָן דעם פאַרמעגן וואָס זייער פאָטער איז צו דעם געקומען נאָך אַזוי פיל האַרעוואַניע — עס העלפן אָבער קיינע יושר־דיקע און לאָגישע אַרגומענטן. דער גרעסטער פּראָצענט פון אַזעלכע קינדער צאָלן ניט די צדקה וואָס זייער פאָטער פלעגט געבן מיט אַזאַ גוטער אידישער האַרץ.

דאָס זעלבע פּאַסירט אויך מיט קינדער וואָס נעמען איבער זייער פאָ־טער׳ס געשעפט ווייל ער וויל שוין מער ניט זיין באַשעפטיקט, אָדער אין אַ

פאַל וואָס דער פאָטער איז נאָך אַלץ באַשעפטיקט אין זיין מסחר, נאָר די אַנפירונג גיט ער איבער צו זיינע קינדער — אויך אין אַזעלכע פּרייוואַטע פאַלן נעמען זיך באַלד די קינדער צו אַריינפירן געוויסע אויסבעסערונגען אין געשעפט. די ערשטע אויסבעסערונג איז עקאָנאָמיע — „קלענער מאַכן די הוצאות", און דאָס ערשטע צו וואָס מען נעמט זיך צו „קלענער מאַכן", איז — דעם טאַטנ'ס צדקה.

אמת, מיר האָבן דאָ אין אַמעריקע אַ גוטן פּראָצענט אידישע צדקה־געבער. דאָס זיינען אַזעלכע אידן, וואָס צוליב געוויסע סיבות האָבן אונ־זערע צוויי היסטאָרישע מאַטיוון פאַר אידישער צדקה אָפּגעהיט אויף זיי אַ ווירקונג אַפילו ביז איצט. דאָס איז אַ צינד אונזער איינציקע אַרמיי, וועלכע טראָגט אויף זיך די לאַסטן פון אונזער געזעלשאַפטלאַכע וואוילטעטיקייט. מיר האָבן אָבער ניט קיין רעזערוו הינטער אָט דער אַרמיי. פאַר די קינדער אין אַמעריקע איז די „אידישע צדקה" אַ פאַרזיגלט בוך. אונזערע קינדער זיינען דאָ ניט אַריינגעצויגן אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן אינם פּראָצעס פון צדקה געבן פאַר אידישע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן.

אויף דעם געביט באַגעגענען מיר דאָ אַ דאָפּלטע ניט גינסטיקע דער־שיינונג: די גוטע אידישע געבער טוען ניט זייער צדקה בשותפות מיט די קינדער. בשעת דער טאַטע גיט זיין נתינה פאַר אַ אידישן אַנשטאַלט, דאַרף ער עס טאָן דורך זיינע קינדער. זאָלן זיי שרייבן דעם טשעק. אויב ער גיט מזומנים, דאַרף ער דעם קינד מאַכן פאַר אַ שליח צו דערלאַנגען די געלט צום פאָרשטייער פון אַנשטאַלט, און טאַקע דערקלערן דעם קינד וואָס פאַר אַן אַנשטאַלט דאָס איז. אייניגע עלטערן טוען טאַקע אַזוי. אָבער די גרעסטע מערהייט פאַרגעסט אַזאַ וויכטיקע זאַך צו טאָן. פאַרקערט ווי־דער, די ניט־גוטע געבער, זיי ציען שוין דוקא יאָ אַריין זייערע קינדער (מאַנכע מאָל ביז איבער די אויערן) אינם פּראָצעס פון ניט־געבן קיין צדקה. ווען זיי זידלען אוים דעם פאָרשטייער וואָס קומט באַ זיי מאָנען צדקה, טוען זיי עס אויפן שעדלאַכסטן אופן דוקא אין דער אַנוועזנהייט פון זייע־רע קינדער. זיי ווילן הייסט עס באַרעכטיקן זייערע מעשים אין די אויגן פון זייערע קינדער, אַז דאָס וואָס זיי גיבן ניט קיין צדקה איז ניט דערפאַר, ווייל זייערע הערצער זיינען שטיינערנע און זייערע געפילן זיינען זייפן־בלאָז. זיי זידלען דעם משולח אין דער אַנוועזנהייט פון זייערע קינדער, כדי צו ווייזן זיי, אַז דאָס וואָס זיי גיבן ניט קיין צדקה איז עס דערפאַר, ווייל דער משולח נעמט צו איינגאַנצן דאָס געלט וואָס מען גיט אים פאַר זיין אַנשטאַלט און דער אַנשטאַלט אַליין — איז נאָך אַ פראַגע צי אַזעלכער איז גאָר פאַראַן, און אויב יאָ — טויג ער אויך אויף כפרות. אָט אַזוי מאַכט

עס אזא איד א סדר־הכל פון אלע אונזערע וויכטיקע וואוויטעטיקע אנ־שטאלטן צוליב דעם וואס ער וויל פשוט ניט געבן, און ער פארגעסט גאר אין זיין געלט־גייציקייט, אז דא ווערט דורך זיינע אייגענע הענט פארגיפ־טעט די הארץ און די נשמה פון זיין קינד.

יא.

אידישע פרויען אין אמעריקע און אידישע צדקה

די פרויען זיינען דא, אין זייער גאר גרויסער איבערוועגנדיקער מערהייט, לחלוטין ניט פאראינטערעסירט צו טאן עפעס פאר אונזערע נאציאנאלע וואוילטעטיקע אנשטאלטן. קומט אזא פארשטייער, מעג עס זיין אין דער באגלייטונג פון אן ארטיקער חשוב׳ער קאמיטע, אין א געשעפט, צי אין א הויז, מאנען דארט א ביישטייערונג פאר זיין אנשטאלט און ער טרעפט ניט דעם מאן, נאר דער פרוי, איז ער גאר א פארפאלענער. „איך מיש זיך ניט צו מיין מאנ׳ס ביזנעס״ — ענטפערט די פרוי. בשעת מען הערט אזא מין ענטפער פון א אידישע טאכטער, טוט עס וויי. פארוואס איז עפעס אידישע צדקה דעם מאנ׳ס „ביזנעס״ און ניט אויך אירע? פארוואס זאל זי אויך ניט זיין פאראינטערעסירט אין אידישע וואוילטעטיקייטן און טראגן זייערע לאסטן גלייך מיט איר מאן? געדענקען מיר דען ניט אונזערע האר־ציקע און ליבע מאמעס, וואס פלעגן אלע מאל אפשפארן פון זייערע שטוב־הוצאות און געבן צדקה, גארניט ווארטנדיק אויף איר מאן? אין געגנטייל, זיי האבן געמענגט אפילו וויסן, אז דער מאן האט שוין געצאלט פאר דער זעלביקער צדקה, האבן זיי פונדעסטוועגן זייער אייגענע נתינה אויך גע־וואלט געבן. זיי האבן אין געוויסע מאמענטן ניט געוואלט יוצא זיין מיט דעם וואס דער מאן גיט צדקה, און האבן אליין אויך געגעבן. אונזערע אלט־מאדישע מאמעס האבן געוואוסט, אז זיי קענען ניט יוצא זיין מיט זייער מאנ׳ס יארמולקע און האבן געדארפט האבן אן אייגן „שטערנטיכל״, טא פאר־וואס־זשע זאלן זיי וועלן יוצא זיין מיט זייער מאנ׳ס צדקה און אליין ניט געבן קיין אייגענע צדקה, מעשר (מאיסער), פון זייערע שטוב־הוצאות? אונזערע אלט־מאדישע מאמעס, וואס אין אלע פאמיליען־אנגעלעגנהייטן זיי־נען זיי געווען דער סימבאל פון א שטילער טויב, א צנועה׳דיקע באשיידנ־קייט, האבן פונדעסטוועגן אין אן ענין פון צדקה ארויסגעוויזן א זעלבסט־שטענדיקייט, א סופראזיסטישן גייסט — זיי ווילן ניט זיין אפהיינגיק און

יוצא זיין נאָר מיטן מאַנ׳ס צדקה, זיי ווילן אויך געבן אייגענע צדקה. אַזוי האָבן געטאָן אונזערע נשמה׳דיק־ליבע מאַמעס, די חן־באַשטראַלטע אידישע טעכטער, די אַלט־מאָדישע. און אונזער היינט־וועלטיקע אויסגעפוצטע אידישע פרוי, וואָס אין יעדן קער אירן וויל זי באַטאָנען איר זעלבסט־שטענדיקייט און באַווייזן אַז זי איז אַבסאָלוט ניט אָפּהיינגיק פון איר מאַן, קומט אָבער צום ענין פון צדקה, איז זי „ניטאָ אין דערהיים". נו, טאַקע, וואָס געהער זיך אָן מיט איר אידישע צרות? וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט זי מיט אידיש־מענשלאַכע פּראָבלעמען? „איך מיש זיך ניט צו מיין מאַנס ביזנעס" — איז דער קורצסטער ענטפער פון דער היינטיקער אידישער פרוי, און מער האָט איר מיט איר ניט וואָס צו ריידן.

וואָלט שוין אונז ניט געאַרט, וואָס די היינטיקע אידישע פרוי וויל ניט געבן באַזונדער צדקה. מיר וואָלטן זיך שוין באַנוגנט מיט דעם, וואָס זי האָט אַ באַוואוסטזייניקן שותפות־טייל אין איר מאַנ׳ס צדקה. איז אָבער די צרה, וואָס אין אַ סך פאַלן איז אַזאַ ענטפער ניט מער ווי אַן אויסרייד. די פרוי וואָס ענטפערט, אַז זי מישט זיך ניט אין איר מאַנס ביזנעס", מישט זיך שוין גראַד יאָ. זי ענטפערט אומישנע אַזאַ תירוץ, כדי דער צדקה־מאַנער זאָל דערווייל אַוועקגיין און ביז וואַנען ער קערט זיך אום צוריק „פיקסט" זי שוין אַזוי דעם מאַן, אַז ס׳איז נאָר אַ גאָט׳ס רחמנות אויף דעם צדקה־מאַנער׳ס שיך, וואָס זיי דאַרפן זיך נעבאַך אומזיסט און אומנישט טראָגן אויף אַזאַ אָרט, וואָס קיין פרוטה וועט מען שוין דאָ ניט קריגן.

טאָמער וואָלט שוין יאָ דער מאַן געוואָלט געבן זיין ביישטייערונג, קומט די פרוי, די אידישע היינטיקע פרוי, און „מאַכט אים אַזוי צורעכט", אַז ער געפינט שוין אַ תירוץ ניט צו געבן.

אַנדערע אַזעלכע „היינט־וועלטיקע" פרויען געפינען גאָר ניט פאַר נויטיק צו זיין „טאַקטיש" און צו ענטפערן אַזעלכע תירוצים, כדי דער צדקה־מאַנער זאָל אַוועקגיין און ערשט דאַן וועט זי „פיקסן" איר מאַן, ניט צו געבן קיין צדקה. זי איז גענוג זעלבסטשטענדיק און אָן קיינע צערעמאָניעס „פאַרלויפט זי דעם וועג" פון איר מאַן און זאָגט גלייך אָפּ דעם פסוק מיט אַזאַ רוגזה, מיט אַזאַ גיפט: „ניטאָ קיין געלט!" אַז דעם צדקה־מאַנער קען בשעת מעשה מלאַשנע ווערן און אפילו פאַרלירן דעם וועג ווי צו אַנטלויפן פון דאַנען.

אמת, עס זיינען פאַראַן אין יעדן אידישן ישוב אַזעלכע פרויען, וואָס גלייך באַ אייער ערשטן אַריינקום צו זיי פאַר אַ דבר־צדקה, דערזעט איר שוין, אַז דאָ איז פאַר אייך ליכטיקע נשמות. איר הויבט אָן רעדן מיט אַזעלכע אידישע טייערע טעכטער, ווען זיי הויבן אייך אָן פרעגן: „וואָס

הערט זיך עפּעס אין אונזער אידיש לעבן אין דער גרויסער וועלט?" און איר פילט, אַז די אַלע ווייטאַקן, וואָס אַנדערע גיפטיקע וויזיטן האָבן אייך פאַרשאַפט, ווערן מיט אַמאָל אַנטרינען. איר פילט, אַז אייער אידיש־מענשלאַבער שטאָלץ וואַקסט, זעענדיק פאַר זיך אַזעלכע געטרייע אידישע טעכטער, וואָס זיינען אַזוי פאַראינטערעסירט צו הערן און צו וויסן וואָס אידיש איז. איר פילט, אַז דאָ האָט איר זיך געטראָפן מיט אַן אייגענער שוועסטער פון איין יחוס, פון איין שטאַם. זי טראָגט די אידישע לאַסטן מיט טרייַשאַפט און באַוואוסטזיין, מיט ליידן און מיט האָפנונג. זייער צדקה־געבן, זייער האַרציקע גאַסט־פריינטשאַפט צו אַ פאָרשטייער פון אַ אידיש וואוילטעטיקן אַנשטאַלט, דערמוטיקט דעם אַריינגעקומענעם צדקה־מאַנער און ער דערפילט זיך גאָר פרישער אין זיין פאַרמאַטערנדיקער אַרבעט.

אין דער באַזונדער אָפּטיילונג „קאָמיטע לייט", אין דעם איצטיקן בוך, וועט איר לייענען וועגן אידישע טעכטער, וועלכע לאָזן איבער אַלע זייערע אַרבעטן און גייען אַליין איינצומאָנען דיביישטייערונגען פאַר אידישע וויכטיקע וואוילטעטיקייטן. אין דער אַרבעט פון די אַלע מענער־קאָמיטעס, וועגן וועלכע איר וועט לייענען אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג, איז דאָך אויך פאַראַנען אַ גרויסער טייל פון דעם געפיל און באַגייסטערונג, וואָס אַזעלכע נאָבעלע אידישע פרויען ווייזן ארויס צו דערמוטיקן זייערע מענער צו טאָן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט. אַ קאָמיטע־מאַן לאָזט איבער אויף אַ גאַנצן טאָג זיין געשעפט, זיין אַרבעט אינמיטן דער וואָך, צי ער לאָזט איבער זיין פאַמיליע אין אַ זונטאָג, זיין איינציקן טאָג צו פאַרברענגען מיט זיינע ליבע און טייערע, און ער גייט אָדער פאָרט אַרויס מיט אַ פאָרשטייער פון אַ אידיש־נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אנשטאַלט צו נעמען געלט בא אידן, — ווי דענקט איר? וואָלט אַזאַ קאָמיטע־מאַן געגאַנגען טאָן אַזאַ אַרבעט, ווען ער האָט ניט די צושטימונג און די דערמוטיקונג פון זיין פרוי? געוויס איז אַזאַ גוטע אידישע טאָכטער דער פרישער גייסט צו דערמוטיקן איר מאַן אין אַזאַ איידעלער נאָבעלע אַרבעט, און געוויס האָט זי אַ גלייכן טייל אין דעם פּראָגרעס פון אונזערע נויטיקע פאָלקס־אַרבעטן.

עס זיינען דאָ אַזעלכע אידישע טעכטער, וועלכע זיינען צו אונזער גרויסן ווייטאָק געבליבן אלמנות און דאָך האָבן זיי נאָך אַלץ אין זינען צו צאָלן זייערע ביישטייערונגען צו אונזערע וויכטיקע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. ווייל זיי פילן, אַז זיי זיינען צווייגן פונם אידישן פאָלקס־בוים, און זיי, גלייך ווי מענער, טראָגן די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר אונזער געזעלשאַפטלאַכקייט, פאַרן וואויל און בעסטן פון אונזער געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

איר קומט אַריין אין אַ אידיש געשעפט, מען דערקענט אויף אייך אַז איר זענט געקומען צוליב אַ צדקה־אַנגעלעגנהייט, און די פרוי און דער מאַן באַגעגענען אייך מיט אַזאַ שותפות׳דיקע גאַסט־פריינדלאַכקייט, אַז ס׳איז ממש אַ פאַרגעניגן צו זען אַזאַ „אידיש פּאָרל״. די פרוי האָט דעם זעלבן גייסט, דעם זעלבן אינטערעס אין אידישע צדקה־אַנגעלעגנהייטן.

אָבער די גרעסטע מערהייט פון אידישע פרויען דאָ אין אַמעריקע זיינען ניט אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פון אידישע צדקה, לויט איר היסטאָרישן הויכן אידעאַל. אַ געוויסער פּראָצענט פרויען זיינען דאָ טעטיק אין אָרטיקע וואוילטעטיקע פאַראיינען, אָבער זיי זיינען ניט אינטערעסירט צו זיין אַקטיוו אין אונזערע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקייטן. זייער השגה איז אַ לאָקאַלע און ניט פון אַ ברייטערן פאַרנעם. אָפטמאָל קומט ז׳פילו אויס, אַז אַזעלכע לאָקאַלע טוערינס פירן אַ קאָנקורענץ געגן די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן. ניט נאָר זיי העלפן ניט דעם אַנגעקומענעם פאָרשטייער פון אַ נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט, זיי זעען אויך צו שטערן אים אין זיין אַרבעט. זיי מאָטיווירן זייער האַנדלונג מיט דעם, וואָס אויב אַן אָרטיקער איד וועט אוועקגעבן זיין ביישטייערונג פאַר אַ „פרעמדן״ אַנשטאַלט, וועט ער שוין ניט געבן פאַר זייערע לאָקאַלע צדקה־אַנשטאַלטן. זיי באַגרייפן ניט ווי וויט זייער מאָטיוו איז ניט קיין לאָגישער און אויך ניט פּראַקטיש. קיין אידישער ישוב טאָר זיך ניט אָפּשליסן אין זיינע אייגנע שטאָטישע גרעניצן נאָר אין זינען האָבן זיינע לאָקאַלע אַנשטאַלטן און ניט וועלן אין זינען האָבן די אידישע צענטראַלע אַנשטאַלטן. מיט אַזאַ אָפּגעזונדערטקייט ווערט פאַרטרוקנט דער גאַנצער אידישער נערוו, וואָס באַהעפט דעם איינציקן קיבוץ צום גאַנצן כלל. מיר דאַרפן אדרבא וואָס מער אויפקלערן דעם אידישן עולם און אים איבערציינגן, אַז אַ איד טאָר זיך ניט אָפּזונדערן פון כלל־אַרבעט סיי אויפן לאָקאַלן געביט און סיי אויפן נאַציאָנאַלן געביט. עס וואָלט צייט געווען, אַז אונזערע אַקטיווע וואוילטעטיקע פרויען זאָלן זיך וועגן דעם ערנסט פאַרטראַכטן און דורך זייער אַרבעט ווייזן דעם ערשטן ביישפּיל צו ווערן טעטיק אויך אינם נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן פאַרנעם.

יב.

די פליכטן פון לאָקאַלע פאַראיינען צו נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן

אין יעדע אידישע קהלה אין אַמעריקע זיינען פאַראַנען אָפּטיילונגען פון אַרבעטער רינג, סאָסייעטיס, לאַדזשעס און פאַראיינען, וועלכע צאָלן יערלאַכע סכומים פאַר אונזערע וויכטיקע נאַציאָנאַלע וואוילטעטי־

קע אנשטאַלטן. עס ליגט אָבער אַ חוב אויף די אָנפירער פון די דאָזיקע קערפּערשאַפטן צו דערמאָנען זייערע מיטגלידער, אַז מיט דעם באַגרעניצטן סכום, וואָס זייער אַלגעמיינע קאַסע צאָלט צו אַ נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט, קע־נען ניט יוצא זיין אַלע מיטגלידער פון דער סאָסייעטי, צו באַפרייען זיך אַלס איינצלנע פּערזאָנען פון צו צאָלן זייערע פּריוואַטעביישטייערונ־גען פאַר אונזערע וויכטיקע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקייטן. די סאָסייעטי צאָלט איר ביישטייערונג אַלס אַ לאָקאַלע קערפּערשאַפט, אָבער אירע איינצעלנע מיטגלידער דאַרפן צאָלן באַזונדער, אום צו זיין איינגעשלאָסן אין דער גרוי־סער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן דורך דעם באַרופענעם נאַציאָנאַלן אַנ־שטאַלט.

ווי מיר זעען די איצטיקע לאַגע אויף די ערטער, איז זי אַבסאָלוט ניט צוגונסטן פאַר אונזערע צענטראַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. מען קומט אַריין צו אַ אידן און מען פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל געבן זיין ביישטייע־רונג פאַר אַ צענטראַלן אַנשטאַלט, ענטפערט ער, אַז ער באַלאַנגט צו אַ לאָדזש, סאָסייעטי אָדער פאַראיין און זיי צאָלן שוין זייערע דיוס צו דעם באַרופענעם אַנשטאַלט דורך דער קאַסע פון פאַראיין א. ד. ג. מיט די דאָזיקע עטלאַכע דאָלאַר, וואָס זיין פאַראיין צאָלט צו אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט, וויל, הייסט עס, דער דאָזיקער איד יוצא זיין און ווערן פּטור פון צו געבן אַן אייגענע ביישטייערונג. מען דאַרף דאָך אָבער פאַרשטיין, אַז אַ נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט קען ניט עקזיסטירן, אויב ער זאָל בויען זיין ביודזשעט בלויז אויף די עטלאַכע דאָלאַר, וואָס אַ פאַראיין צאָלט אים יערלאַך. נעמט, צום ביישפּיל, אַ פאַראיין וועלכער ציילט אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער, ער צאָלט צו אַ נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט 15 דאָלאַר אַ יאָר דיוס. געשיקט זיך עס, אַז מיט די דאָזיקע עטלאַכע דאָלאַר זאָל ער באַפרייען זיי־נע הונדערטער מיטגלידער צו באַלאַנגען צו אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער וואויל־טעטיקער אַרבעט? יעדערער קען פאַרשטיין, אַז אַזאַ זאַך איז אוממעגלאַך צו פּראַקטיצירן. עס איז פּשוט אַ געפאַר פאַרן קיום פון אונזערע וויכטיקע וואוילטעטיקע אונטערנעמונגען אינם נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אויב אַזאַ מיי־נונג זאָל אָנהאַלטן באַ די סאָסייעטי־אידן. יעדער נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט, וואָס פירט זיין וואוילטעטיקע אַרבעט אין אַן אומבאַגרענעצטן פאַרנעם, מוז בויען לעת־עתה זיין ביודזשעט אויף די איינצעלנע ביישטייערונגען פון אַלע אידן, וואו זיי זאָלן ניט זיין און צו וואָסער אַ פאַראיין זיי זאָלן ניט באַלאַנגען. און אַזוי ווי איינצעלנע מענשן אַזוי אויך זייערע פאַראיינען, דאַרפן באַלאַנגען אַלס שטיץ־פּונקטן פאַר אונזער נאַציאָנאַלער וואוילטעטי־

קער געזעלשאַפטלאַכקייט. פאַראייניגען אַלס לאָקאַלע קערפּערשאַפטן באַזונ־דער, און זייערע מיטגלידער אַלס איינצעלנע פּערזאָנען באַזונדער.

דורך די עטלאַכע דאָלאַר וואָס אַ סאָסייעטי צאָלט פאַרן נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט, קען זיך באַפרייען פון אַ באַזונדער ביישטייערונג נאָר אַזאַ סאָ־סייעטי־מיטגליד, וועלכער איז פאַקטיש ניט אימשטאַנד צו צאָלן „פאַר זיך", אָבער בשום אופן טאָר אַ איד זיך ניט באַפרייען פון אַ נאַציאָנאַלן חוב דורך דעם וואָס זיין סאָסייעטי צאָלט.

אויף די ערטער זיינען פאַראַנען אַ גרויסער פּראָצענט פון דער אידי־שער באַפעלקערונג, וועלכע קענען און דאַרפן צאָלן פאַר אונזערע נאַציאָ־נאַלע אַנשטאַלטן און זיי טוען עס ניט. זיי ענטפערן, אַז זייער סאָסייעטי צאָלט פאַר זיי.

יג.

די צאָל פון נעמער ווערט גרעסער און געבער — קלענער

די לאַגע פון די אידן אויסער אַמעריקע און דער פאַרנעם פון דער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט אין אַמעריקע גופא, האָבן פאַרגרעסערט די רשימה פון די נעמער. מען האַלט אין איין מאָנען בא די אַמעריקאַנער אידן. יעדן טאָג קומען אַלץ משולחים און באַפולמעכטיקטע פון אַנשטאַלטן, און צווישן זיי אַ סך נייע אַנשטאַלטן, וועלכע פאַרלאַנגען פון די אידן אין אַמע־ריקע נייע ביישטייערונגען. די רשימה פון די נעמער האַלט אין איין וואַקסן, אין דער זעלבער צייט, וואָס די רשימה פון אונזערע געבער ווערט, צוליב געוויסע סיבות, קלענער. אידן, וועלכע האָבן פאַראיאָרן צי פאַר צוויי יאָרן געגעבן גאַנץ שיינע נתינות פאַר אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט, דרייען זיך היינט אַרום איבער די גאַסן און טראַכטן, וואו כאַפּט מען ער־גער אַ גמילות־חסד צו צאָלן אַ נויטיקן חוב. אידן, וואָס פלעגן געבן זייער ביישטייערונג מיט דער שענסטער אויפנאַמע, קרעכצן איצטער און זיי בעטן זיך, מען זאָל בא זיי נעמען היי־יאָר האַלב פון זייער געוויינלאַכער ביישטייע־רונג. זיי קענען ניט מער. זיי ווילן מיטן גאַנצן האַרצן, זיי קענען אָבער ניט. איך וויים ניט, וואָס עס וועט זיין שפּעטער, אויב די לאַגע וועט חלילה ווייטער אַזוי אָנהאַלטן. די צאָל געבער אין יעדן אידישן ישוב איז אַ באַ־שטימטער. די זעלביקע אידן וואָס צאָלן צו איין אַנשטאַלט, צאָלן אויך פאַר אַן אַנדער אַנשטאַלט. פאַקטיש זיינען אין יעדע שטאָט פאַראַן אַ געוויסע צאָל אידן, וועלכע טראָגן אויף זיך די לאַסט פון אונזער געזעלשאַפטלאַכן

לעבן אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. מען קען זיי שוין איבעראַל. מען ווייסט, אַז זיי זיינען עס די צאָלער פאַר אונזערע וואוילטעטיקייטן. צו וועמען קומען אָט די נייע פאַרשטייער פון די ערשט-געגרינדעטע אַנשטאַלטן? פאַר־שטייט זיך, צו אָט די אידן, וועלכע זיינען באַוואוסט אַלס געבער פון שטענ־דיק־אָן. שרייען די שטענדיקע געבער, אַז ס׳איז פאַר זיי צופיל. זיי קענען שוין מער דאָס ניט פאַרטראָגן. עס מוז דאָך זיין אַ גרעניץ.

דער ניט־געבער איז פּטור פון אַלעס. דאָס איז אַן אייזערנע טויבע וואַנט וואָס לאָזט זיך ניט רירן פון אָרט. און דער גוטער געבער וויל צאָלן, אָבער עס איז אים שווער צו צאָלן פאַר אַלעמען. און עס איז אים אויך שווער וועמען ס׳איז אָפּזאָגן. וואָס־זשע טוען אַנדערע פון זיי? האָבן זיי אויסגעפונען אַזאַ מיטל: פון וואָסער אַנשטאַלט מען זאָל צו זיי ניט קומען, גיבן זיי אַ דאָלאַר. עס איז פאַר זיי שווער זיך אַוועקצושטעלן שטודירן, בשעת אַ משולח קומט אַריין, און אויסגעפינען צי דער אַנשטאַלט איז אַ נויטיקער צי ניין. גיט ער אַ דאָלאַר און פּטור. איהר פאַרשטייט דאָך, אַז דאָס איז אַ מדרגה. אַ מענש ניט מיט קיין גוט הארץ קען צו אַזאַ מדרגה ניט קומען. דער וואָס טוט אַזוי, איז אַ סימן, אַז ער האָט אַ גוט הארץ און וויל ניט אַרויסלאָזן קיין צדקה־מאַנער ליידיק פון זיין געצעלט. אַזאַ געבער פרעגט אפילו ניט ביים משולח, ער זאָל אים ווייזן אַ צייגניש פון זיין אַנשטאַלט. אַז אים אינטערעסירט דאָ ניט דער גאַנצער ענין, ניט די פּערזאָן פון דעם משולח און ניט די אַקטיוויטעט פון דעם אַנשטאַלט. אים אינטערעסירט נאָר אָט וואָס: עס איז אַריינגעקומען אַ איד און בעט צדקה — דאַרף מען אים געבן. פאַררופט ער זיך ניט אויף אַ נאָמען פון אַן אַנ־שטאַלט, דאַרף מען אים געבן אַ קלענערע מטבע; זאָגט ער אָבער אַז ער איז אַ משולח פון אַן אַנשטאַלט, טאָ ווי קען מען אים געבן ווינציקער פון אַ דאָלאַר?

אַזאַ לאָגיק האָט זיך אויסגעאַרבעט בּאַ אַ גרויסע צאָל פון אונזערע גוטע צדקה־געבער. זייער כונה איז געווים אַ גוטע. אודאי באַגריסן מיר די גוטהאַרציקייט פון אָט די נאָבעלע אידן. אָבער גלייכצייטיק דאַרף דאָ אָנ־געוויזן ווערן דער שאָדן וואָס לוידן דערפון אונזערע וויכטיקע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. עס איז דאָך פשוט ניט דערלאָזבאַר צו נעמען אַזאַ וויכטיקן אַנשטאַלט, וואָס זיין אַרבעט איז ממש אַ היסטאָרישע, און אים אַוועקשטעלן „עם כל הנערים“ אויף דער זעלבער שטופע פון, לאָמיר זאָגן, אַן אַנשטאַלט, וואָס זיין גאַנצער יערלאַכער ביודזשעט איז ניט מער ווי אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר. וואָרים וואָס איז דען דער פּועל יוצא פון אַזאַ „האָלסייל“ צדקה־געבן? דער פּועל יוצא איז אַזעלכער: אַ איד האָט זיך

אויסגערעכנט, אַז ער קען געבן פינף און צוואַנציק דאָלאַר אַ יאָר צדקה פאַר ניט קיין היימישע אַנשטאַלטן. איז אַנשטאַט פאַנאַנדערטיילן אָט דעם סכום צווישן די וויכטיקע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן און געבן פאַר יעדן איינעם פון זיי לויט זיין פאַרנעם, ווערט און טעטיקייט — נעמט ער זיין סכום און טיילט אים גאָר פאַנאַנדער אָן שום אויסרעכענונג, אָן שום קריטעריום, סתם אין דער וועלט אַריין, אַ דאָלאַר צו יעדן אידן וואָס קומט און רופט אַז אַ נאָמען פון אַן אַנשטאַלט.

אַזאַ סאָרט צדקה־געבן גראָבט אונטער דעם אויטאָריטעט און דעם קיום פון אונזערע וויכטיקע אַנשטאַלטן. עס איז נאָך ניט גענוג די נתינה וואָס אַ גוטער געבער גיט פאַר אַזעלכע אַנשטאַלטן. עס איז אויך נויטיק דער באַוואוסטזיין פון אַזאַ נותן. דער נותן מוז וויסן וואוהין זיין נתינה קומט אָן. דאַרף ער האָבן אַ אינטערעס און געוואָר ווערן וויפיל מיר האָבן גרויסע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען וויכטיקע פאַקטאָרן אין אונזער פאָלקס־לעבן, און זיי דאַרף ער איינטיילן זיין מעגלאַכע נתינה לויט זייערע טעטיקייטן.

ווען מיר רופן אַ אידן און מיר דערמאָנען אים זיין חוב צו אונזערע וויכטיקע פאָלקס־אַנשטאַלטן, ווייסן מיר, אַז ער האָט גאַנץ וויכטיקע ערטער וואוהין זיין צדקה־ צו פאַרטאָן. וואָס קען נאָך זיין וויכטיקער ווי צו מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער? וואָס קען נאָך זיין נויטיקער ווי צו שטיצן זיינע אָרימע קרובים אין דער אַלטער היים. מיר ווייסן עס זייער און זייער. דאָך קומען מיר צו אַ אידן און מיר זאָגן אים, אַז אונזערע נאַציאָנאַלע וויכטיקע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן זיינען אויך זיין בלוט און פלייש, זיין פאַמיליען־אייגנס. דערפאַר ווילן מיר, אַז בשעת אַ איד שטריינגט זיך יאָ אָן און גיט זיין נתינה פאַר אַזאַ אַנשטאַלט, זאָל ער ווייסן וואָס ער טוט, און ניט נאָר ער אַליין זאָל ווייסן, נאָר אויך זיין ווייב און קינדער זאָלן ווייסן.

בשעת מיר קומען און נעמען באַ אידן געלט פאַר אונזערע וויכטיגסטע פאָלקס־באַדערפענישן, ווילן מיר ניט זיין קיין „נעמער". ווייל פאַקטיש זיינען מיר ניט קיין נעמער. בשעת דער איד גיט אונז געלט פאַר אונזערע נויטיקסטע וואוילטעטיקייטן, ג י ב ן מ י ר א י ם זיין שותפות־דיקן טייל אין אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם, מ י ר ג י ב ן אים די אָנערקענונג אַלס שותף אין אונזער פאָלקס־בנין, און מ י ר ג י ב ן אים באַוואוסטזיין, אַז ער און זיין פרוי און זיינע קינדער זיינען לעבעדיקע ווירקנדיקע מיטגלידער אין אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם.

דער סאַמע איידלסטער אידעאַלער פונק פון אידישע צדקה איז: מיר האָבן ניט קיין נעמער און קיין געבער. דער וואָס גיט צדקה און דער וואָס נעמט צדקה זיינען ביידע גלייך: ביידע נעמער, אָדער ביידע געבער.

דערפאַר ווילן מיר, אַז בשעת דער אידישער גוטער געבער גיט אונז זיין נתינה, זאָל ער גלייכצייטיג וויסן, אַז מיר געבען אים אויך אונזער נ ת י נ ה — באַוואוסטזיין.

יד.

עס פעלט אַ קאָנטראָל איבער צדקה־מאַנער

אַ גרויסער גורם אין דער ירידה וואָס די אידישע צדקה האָט דאָ אין איר אינהאַלט, איז דער הפקר־צושטאַנד אין דעם דאָזיקן געביט. מען איז געוואָר געוואָרן, אַז אין אַמעריקע איז שנאָרעריי אַ גוטע ביזנעס, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן פון דער גאָרער וועלט און מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו די אַמעריקאַנער אידן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אָנגעהויבן יאָווען אין די היגע שטעט און שטעטלאַך פאַרשיידענע משולחים און פאָרשטייער פון אַלערליי מינים ישיבות און אַנשטאַלטן מיט זייערע קלינגענדיקע נעמען. אַ גאַנצע עפּי־דעמיע פון צרה־דיגע אַנשטאַלטן, ס'הייסט — אַנשטאַלטן וואָס גייען ראַטע־ווען דעם כלל ישראל פון זיינע צרות. באַוואָפנט מיט די אַלע מכשירים צו עפענען די געלט־טאַשן בא די אַמעריקאַנער אידן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ היישעריק איבער די אידישע געשעפטן און הייזער. עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון אַזעלכע משולחים און די וויכטיקייט פון אַזעלכע אַנשטאַלטן, אין פאַל אויב זיי עקזיסטירן יאָ. דער גוט־האַרציקער איד אין אַמעריקע איז געוואָרן הפקר אין די הענט פון פאַר־שיידענערליי געלט־ציער; ווי אַ שפּילצייג איז ער געווען בא יעדן משולח, וועלכער האָט נאָר פאַרמאָגט די געהעריקע פייאיקייטן „אַנצורירן די אידישע סטרונעס". אויסערלאַכער אויסזען, צוגעפּאַסט צו זיין מיסיע, קליידונג און אַ רעדע־קראַפט — דאָס אַלעס האָט שוין געבראַכט די נויטיקע רעזולטאַטן. דער איינצלנער געבער איז לחלוטין געווען הילפלאָז זיך געגנצושטעלן געגן אָט די פאַרשיידענערליי געלט־מאַנערס, און קיין גרעסערע ערנסטע באַשיצער און קאָנטראָל איז ניט געווען. אַזאַ עקספּלואַטאַציע איבער דער גוטהאַרציקייט פון די אידישע געבער האָט אָבער געמוזט ברענגען די נאַטירלאַכע רעאַקציע. פריער איינציקווייז און נאָכער גרופּעסווייז האָבן אידן אויפגעהערט געבן פאַר פרעמדע משולחים, ביז עס איז פאַרגאַנגען אַזוי ווייט, אַז גאָר אַ גרויסער

פראַצענט האָט שוין אָנגעהויבן חושד זיין אַפילו די פאַרשטייער פון באַוואוסטע און אָנערקענטע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן. עס איז דאָ געשאַפן געוואָרן אַ קאַשמאַר אינם צוטרוי פון די גוטע געבער אַפילו צו די וויכטיקסטע אידישע וואוילטעטיקייטן. די כראָנישע ניט-געבער וואָס פאַרמאָגן קיינמאָל ניט דעם חוש צו צדקה, זיי האָבן זיך גאָר מחיה געווען מיט אַזאַ געשאַפענער לאַגע און מיט אַ טריאומף באַוויזן זיי, אַז זיי זיינען עס די קלוגע. זיי האָבן גאָר — זאָגן זיי — קיינמאָל ניט געצווייפלט אַפילו אינם שווינדל פון די אַלע שנאָרערס, און דערפאַר האָבן זיי לכתחילה גאָר ניט אָנגעהויבן צו געבן. די דאָזיקע פאַרשוינען באַשעפטיקן זיך פשוט מיט אַגיטאַציע געגן יעדן געביט פון צדקה געבן. זיי זוכן שוין אוים פאַרשיידענע אַרגומענטן צו טרעפן מיט זיי אַפילו די וויכטיקסטע אידישע וואוילטעטיקייטן. אַזוי איז עס שוין אין דער טבע פון די כראָנישע ניט-געבער, זיי זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אַז אויך אַנדערע זאָלן ניט געבן. און צום באַדויערן מוז מען קאָנסטאַטירן, אַז געוויסערמאַסן האָבן זיי ניט קיין אומערפאָלג אין זייער „אַרבעט". פאַרשטייט זיך, אַז אויף די פרינציפיעלע געבער קענען זיי קיין ווירקונג ניט האָבן, אָבער אויף אַ טייל וואַקלענדיקע ווירקן זיי יאָ. איך זאָג „וואַקלענדיקע" מיין איך אַזעלכע, וואָס קענען ניט באַגרייפן, אַז ניט נאָר צווישן משולחים, נאָר אַפילו צווישן הענדלער און בכלל מענשן קענען אַמאָל זיין שווינדלער; דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אַז אויב עס ווייזט זיך אַרוים אַ הענדלער אַ שווינדלער, זיינען אַלע הענדלער אַזוי; צי אויב אַ מענש באַגייט אַ שווינדל, זיינען שוין אַלע מענשן שווינדלער. דאָס זעלבע איז דאָך פשוט פאַרברעכעריש צו וואַרפן אַ חשד אויף אונזער גאַנצער גראַנדיעזער פאָלקס-וואוילטעטיקייט צוליב דעם וואָס אַ געוויסער משולח אָדער אַ געוויסער אַנשטאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אַ ניט-ריכטיקער שיין.

זיינען דאָך אָבער פאַראַנען וואַקלענדיקע מענשן, ווערן זיי די קרבנות פון די כראָנישע ניט-געבער-אַגיטאַטאָרס. און אַזעלכע קרבנות זיינען דאָ אין ניט קיין קליינער צאָל.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ לאַגע, אַז אַ מענש וואָס זיין זעלבסט-רעספעקט איז אים טייער, דאַרף זיך אַ סך מיישב זיין צי עס איז ניט פאַר אים קיין סכנה אַרויסצופאָרן איבער די אידישע ישובים לטובת אַ וויכטיקן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט. באַ אַזאַ אַרבעט דאַרף מען זיין מוכן ומזומן צו אַלע אומאַנגענעמלאַכקייטן. מען מוז זיין באַוואָפנט מיט דער גרעסטער מאָס ענערגיע און באַוואוסטזיין. אַפילו אָרטיקע חשוב׳ע בעלי-בתים, ווען זיי גייען אַרוים אַלס קאָמיטע מיט אַן אָנגעקומענעם אַנשטאַלט-פאַרשטייער, דאַרפן זיך אויך ריכטן אויף אַלערליי מינים „סיורפריזן" און זיין באַ זיך שטאַרק און מוטיק

אנצוגיין מיט דער הייליקער פאָלקס־אַרבעט. אַן אָרטיקער רב, לערער, אָדער שוחט, האָט מורא פאַר אַזאַ סאָרט אַרבעט (צו זיין אַ מאַנער פאַר נאַציאָ־נאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט), ווי אַן אמת׳ער פרומער איד האָט מורא פאַר אַן עבירה.

טו.

אַ תירוץ פאַר ניט געבן

אַ שטעטלדיקער איד ווענדעט זיך אין אָפיס פון אַ אידישן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט און ער פאַרלאַנגט פון דאָרט עפּעס אַ הילף פאַר זיך, צי פאַר זיי־נעם אַ קרוב. דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז טאַקע דערויף געגרינדעט גע־וואָרן צו העלפן אידן אין אַזעלכע ענינים. אָבער גראָד מאַכן זיך אַזעלכע מניעות וואָס דער אַנשטאַלט קען איצט גאָר ניט טאָן פאַרן דאָזיקן אידן אין זיין נויט. אַזעלכע מניעות, וואָס ניט דער אַנשטאַלט איז אין דעם שולדיק און ניט דער אַנשטאַלט קען זיי באַזייטיקן. מ׳קען זיך גאַרניט העלפן. ס׳איז אַזאַ געשאַפענע לאַגע.

אַ באַאַמטער פון אַנשטאַלט גיט צו פאַרשטיין דעם אידן, אַז מען וואָלט אים זייער געוואָלט צופרידן שטעלן, ווייל דאָס איז דאָך די אויפגאַבע פון אַנ־שטאַלט, אָבער צום באַדויערן איז איצט אַזאַ מאָמענט, וואָס עס איז לחלוטין אוממעגלאַך צו טאָן וואָס דער איד פאַרלאַנגט.

דער איד הערט אויס, וואָס דער באַאַמטער זאָגט אים און בלייבט ניט צופרידן. ער איז דאָך אַ מיטגליד צום אַנשטאַלט. ער צאָלט דאָך געלט אַהינצו. טאָ פאַרוואָס־זשע קריגט ער ניט די הילף וואָס ער דאַרף? זייער אַ גערעכטע טענה האָט דער איד. דער באַאַמטער דערקלערט אים אָבער, אַז בשעת דער אַנשטאַלט האָט אַ מעגלאַכקייט צו טאָן זיין אַרבעט, טוט ער עס אפילו פאַר ניט קיין מיטגליד אויך. און בשעת דער אַנשטאַלט ווערט געשטערט אין זיין אַרבעט — קען ער ניט טאָן אפילו פאַר אַ מיטגליד. דער שטעטלדיקער איד ווערט ברוגז: „אויב דער אַנשטאַלט קען אים ניט העלפן, דאַרף מען דעם אַנ־שטאַלט ניט האָבן“. ער קומט צו זיך אַהיים צווישן זיינע קרובים און באַ־קאַנטע, און הויבט אָן פירן אַן אַגיטאַציע געגן דעם אַנשטאַלט פונקט ווי די אַמאָליקע מרגלים אין דער מדבר. דער איד וואָס האָט געזוכט הילף פונם אַנ־שטאַלט און האָט עס ניט באַקומען, גיט זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג וואָס ער טוט דאָ. ער פאַרגעסט גאָר, אַז אַזוי ווי ער איז פאַראינטערעסירט צו באַ־קומען הילף פונם אַנשטאַלט, איז נאָך מער דער אַנשטאַלט אין דעם פאַר־

אינטערעסירט. ווייל אויב אַן איינצלנע פערזאָן האָט זיך אַליין אין זינען, איז
דאָך אַ פאַראַנטוואָרטלאַכער אַנשטאַלט אויף דער וואַך צו באַשיצן די אינ־
טערעסן פון טויזנטער אידן און בתוכם דער איד וואָס ווערט ברוגז.
וואָס וועט אַזאַ איד זאָגן אויף זיין אייגן קינד באַ אַזאַ האַנדלונג — דער
קינד האָט פאַרלאַנגט פונם טאַטן ער זאָל טאָן פאַר אים אַ זאַך. דער טאַטע
קען דאָס ניט טאָן. ווערט דער קינד ברוגז און נעמט זיך אויף אַ וועג, צו טאָן
שלעכטס זיין פאָטער. קען אַן אָרענטלאַך באַוואוסטזיניק קינד אַזוי האַנדלען ?
קיין פאָטער וועט ניט זאָגן אַז אַזאַ קינד איז גערעכט.

סוף כל סוף מוז יעדער איד וויסן, אַז אַ וויכטיקער אַנערקענטער נאַציאָ־
נאַלער וואוילטעטיקער אַנשטאַלט איז פאַראַנטוואָרטלאַך אויף יעדן טריט
וואָס ער טוט. אויב ער קען אַמאָל ניט צופרידן שטעלן איינעם אַ פערזאָן,
טוט עס ווי די „אָנפירער. נאָך אַ זאַך דאַרף אַ איד וויסן : ווען ער זעט אַז
איינער אַ באַאַמטער ערפילט ניט זיין פליכט צום אַנשטאַלט, אָדער ער זעט
אַז אין אַנשטאַלט טוט זיך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין אויף אַ געווויסן גע־
ביט, הייסט נאָך ניט אַז דער אַנשטאַלט דאַרף צוליב דעם אינגאַנצן אויפ־
הערן צו עקזיסטירן. מיר פאַרמאָגן אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע.
איך בין בלוטק פאַראינטערעסירט אין איר עקזיסטענץ און איך זע, אַז אַ
באַאַמטער פירט ניט די אַרבעט נאָכן גייסט פון אַזאַ הויכן אַנשטאַלט, וועל
איך עס אָנווייזן אים פערזענלאַך. וועט ער פאָלגן, איז גוט ; וועט ער ניט
פאָלגן — וועל איך מיין מיינונג ברייינגען פאַר אַ העכערן דיסטאַנץ. אָבער
דער אַנשטאַלט גופא ווערט באַ מיר ניט נידעריקער דורך אַ וועלכן ניט
איז חסרון. איז דאָ אַ חסרון דאַרף מען אים באַזייטיקן. קיינער
וועט דאָך אָבער ניט זאָגן, אַז מען זאָל אַ נויטיקן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט
מיט הונדערטער מעלות פאַרמאַכן, צוליב אַ חסרון וואָס איינער האָט דאָרטן
אויסגעפונען. קיין פאַראַנטוואָרטלאַכער מענש קען אַזוי ניט זאָגן. ווייל יעדער
איינציקער מענש ווייסט, אַז ער אַליין אפילו, איז אויך ניט דורכאויס מעלות.
ער אַליין מאַכט אַמאָל אַ פעלער. וועט ער דאָך ניט זאָגן, אַז צוליב זיין פעלער,
איז ער שוין קיין מענש ניט און טאָר ניט עקזיסטירן. יעדער באַוואוסטזיני־
קער מענש ווייסט זיינע פעלערן. ער נעמט אָן מיטלען די פעלערן אויסצו־
בעסערן ; באַגעגענט ער שווועריקייטן און ער קען זיי ניט באַזייטיקן, ווייסט
ער, אַז ער איז אין דעם ניט שולדיק. אומשטענדן אַזעלכע. אָט מיט אַזאַ באַ־
ציהונג דאַרף זיך יעדער פאַראַנטוואָרטלאַכער איד באַציען צו זיינע פאָלקס־
אַנשטאַלטן. אויב אפילו צוליב אַ געוויסע קריוודע, וואָס אַ איד באַגעגענט
אַמאָל אין אונזער געזעלשאַפטלאַכן אַנשטאַלט, זאָל מען וועלן צוברעכן אינ־
גאַנצן אונזער געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט, דאַן וועלן מיר דאָך קיינמאָל ניט

קענען עקזיסטירן. יעדער מוז זיך אָפּגעבן אַן אויפריכטיקן חשבון אין זיין האנדלונג, וועט ער פאַרשטיין ווי ווייט עס איז ניט באַטראַכט די עובדה פון אַזאַ איד, וואָס קומט אין זיין סביבה און וויל אונטערגראָבן דעם אויטאָריטעט און עקזיסטענץ פון אַזאַ אַנשטאַלט, וואָס דינט טאָג־טעגלאַך די אינטערעסן פון אונזער פאָלק.

אויסער דעם איז נאָך אין דער דאָזיקער פראַגע פאַראַנען אַ מער שעדלאָ־בערע זייט. אָפּט פּאַסירט בּאַ אונז אידן, זאָלן געזונט זיין, אַזאַ טרויעריקער פאַקט: אַ איד וויל ניט אָדער קען ניט צאָלן פאַר אַן אַנשטאַלט. איז אַנשטאַט צו זאָגן עס אָפנהאַרציק און אַליין ניט צאָלן, קומט ער און טראַכט אויס אַזעלכע חסרונות אויף דעם אַנשטאַלט און באַמיט זיך, אַז אויך אַנדערע זאָלן ניט צאָלן. דאָס הייסט אַז צוליב דעם וואָס ער וויל זיך באַפרייען פון אַ נתינה, ברענגט ער שאָדן צום אַנשטאַלט אויף גאָר אַ גרעסערן אופן. אָפּט־מאָל טרעפט זיך, אַז אַ איד מיט אַזאַ האַנדלונג האָט נאָכער חרטה (פאַרט אַ אידיש האַרץ), אָבער עס איז שוין צו שפּעט.

טז.

קאָנצענטראַציע פון אידישע צדקה

עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו פאַרצייכענען אויך אַזאַ פאַקט: אַ איד צאָלט אין אַ משך פון יאָרן זייןביישטייערונג צו אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט. מאַכט זיך, אַז ער קלייבט זיך אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט, פאַרלירט דאַן דער אַנשטאַלט ניט בלויז אַ ביישטייערער, נאָר אויך איבעריקע הוצאות. דער אָפּיס פון אַנשטאַלט איז דאָך קיין נביא ניט צו וויסן אַז אַזאַ איד האָט „געמופט“. האַלט ער אין איין שרייבן בריף. דאָס קאָסט דאָך געלט. אויסער פּאָסט־הוצאות, פאַלט דאָך אויף יעדער בריף אָפּיס־הוצאות. און אַזעלכע פאַלן זיינען דאָך דאָ אין די טויזנטער. הייסט דאָס, אַז יעדער נאַציאָנאַלער וואוילטעטיקער אַנשטאַלט האָט צוליב אַזעלכע דערשיינונגען אַ פאַרלוסט פון טויזנטער דאָלאַר אַ יאָר.

אָבער איך רעד דאָ ניט פון דעם פינאַנציעלן פאַרלוסט — מיך אינ־טערעסירט אַזאַ דערשיינונג אַלס אַ באַווייז פון דער באַציהונג פון אַ גרויסן פּראָצענט היגע צדקה־געבער צו אַזעלכע אַנשטאַלטן, וואָס זיי אַליין סימ־פּאַטיזירן אפילו. אַט האָבן זיי דאָך אַלע מאָל געצאָלט אַהערצו זייערע יערלאָכע ביישטייערונגען. וועט זיי אַ פאַרשטייער פון אַנשטאַלט „כאַפּן“

אויף זייער נייעם אַדרעס, וועלן זיי ווייטער אַמאָל צאָלן. דאָס באַווייזט דאָך, אַז זיי האָבן יאָ אַ געוויסע סימפּאַטיע צו דעם באַרופענעם אַנשטאַלט. טאַ פאַרוואָס־זשע געפינען זיי ניט פאַר נויטיק, דורך אַ פּאָסטל קאַרד פאַר אַ פּעני, צו לאָזן וויסן דעם אָפּיס פון אַנשטאַלט זייער נייעם אַדרעס? איז דער תירוץ: אַט אַזאַ באַציהונג איז דאָ ביי דער מערהייט צו צדקה־אַנגעלעגנהייטן.

נאָך אַ פאַקט: איר קומט יום־טוב אין אַ שול. צענדליקער און צענדליקער טויזנטער דאָלער ווערט דאָן געשאָפן פאַר וואוילטעטיקע צוועקן. דער „יום־טוב־דיקער איד" גייט אין שול אַריין און ווייסט בפירוש אַז ער דאַרף זיך דאַרטן לאָזן קאָסטן געלט פאַר צדקה־עניינים (דאָס איז זייער אַ שיינער שטריך אין דער נשמה פונם היגן אידן). זעט איר אָבער דורך וועלכע וועגן אַזאַ איד גיט זיין צדקה אין די שולן, ווערט ממש ענג אויף דער נשמה. גייענדיק אין שול האָט ניט אַזאַ איד אַ באַשטימטע אויסרעכענונג אַז אַזאַ און אַזאַ סכום דאַרף ער זיך לאָזן קאָסטן פאַר אַזעלכע און אַזעלכע אַנשטאַלטן. קומט ער אין שול און הערט אויס „אַפּילס" פון פאַרשיידענע וואוילטעטיקע פאַרשטייער, און לויט די „אַפּילס" „עפנט ער זיין האַנט". ניט לויט זיין באַוואוסטזיין און וויסן דעם אָדער יענעם אַנשטאַלט, נאָר לויט די ווירקונג וואָס מאַכט אויף אים דער „אַפּיל"־מאַכער. און אָפּטמאָל קענט איר זען, אַז אַזאַ איד גיט אַ גרויסן סכום צדקה צו אַן „אַפּיל"־מאַכער פון אַ באַגרעניצטן אַנשטאַלט און אַז עס קומט צו אַן „אַפּיל" פאַר אַ גרויסן אַנשטאַלט, גיט ער שוין קליינגעלט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס דוקא דער באַגרעניצטער אַנשטאַלט שיקט אַזאַ „אַפּיל"־מאַכער וואָס דאַרף „ציען די עצמות" ביי זיינע צוהערער. וויינט ער, זינגט ער, צאַפּלט ער זיך, אַלעס טוט ער אָבי צו ווירקן אויפן מאָמענטאַלן געפיל פון זיינע צוהערער. דער פאַרשטייער, ווידער, פון אַ גרויסן אַנשטאַלט, קומט צו זיינע צוהערער מיט אַ דערקלערונג און אַ באַלייכטונג אויף דער וויכטיקער פּראָבלעם וואָס זיין אַנשטאַלט דאַרף לעזן. ער רופט צום באַוואוסטזיין פון די אידן, און אַזאַ אַרטיקל, ווי באַוואוסטזיין אינם געביט פון צדקה, איז זייער און זייער זעלטן צו טרעפן צווישן דעם גרויסן פּראָצענט פון די היגע צדקה־געבער.

דאָס איז זייער אַ ביטערער געדאַנק, ער מוז דאָך אָבער אַרויסגעזאָגט ווערן. מיר מוזן דאָך סוף כל סוף אַרויסרעדן דעם שטעכעדיקן אמת, וואָס יעדער געזעלשאַפטלעכער טוער אויף די ערטער טראָגט אים און פילט אים בא זיך אין האַרצן.

מיר מוזן באקעמפן די „צופעליקייט" אויף אונזער היגן צדקה־געביט. א איד טאר ניט געבן צדקה דורך א צופאל. ער מוז געבן זיין צדקה דורך באַוואוסטזיין. מיר מוזן צווישן אונז ארויסרופן דעם באַוואוסטזיין, אז צדקה איז אונזער נאַציאָנאַלע קאַסע, דער איינציקער פינאַנציעלער פאָלקס־קוואַל פון וואַנען מיר דאַרפן אויסהאַלטן אַלע אונזערע נויטיקע פאָלקס־וואוילטעטיקייטן. דער איד גיט צדקה ווייל ער איז אַ מיטגליד צו זיין פאָלק, דאַרף ער צאָלן שטייערן צו די פאָלקס־באַדערפעניש, פונקט ווי יעדער בירגער מוז צאָלן איינקונפטס־שטייערן צו דער שטאַט און לאַנד, וואו ער באַלאַנגט.

לויטן אידישן פרינציפ מוז יעדערער (אפילו דער וואָס קומט אָן צו קצבה) צאָלן דעם אידישן שטייער (צדקה), כדי דערמיט זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד צום אידישן פאָלק.

די אידישע צדקה אין אַמעריקע מוז איצט זיין באַגרינדעט נאָר אויף אַט דעם הויפּט־מאָטיוו. אויף אַזאַ ליניע מוזן מיר פירן אונזער אויפקלערונגס־אַרבעט און אַרויסרופן דעם באַוואוסטזיין צווישן אַלע אונזערע שיכטן. דערפאַר מוז די צדקה, אַלס אַ נאַציאָנאַלער שטייער, זיין קאָנצענטרירט אונטערן אויפזיכט און פירערשאַפט פון אַ נאַציאָנאַלער קערפערשאַפט. אַלע איינגאַמען און אויסגאַבן פאַר אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן מוזן געשאַפן ווערן דורך איין „הויפּט־צענטער". די שטיץ־פונקטן פאַר אַזאַ נאַציאָנאַלן הויפּט־צענטער וועלן דאַרפן זיין צדקה פעדעראַציעס, וועלכע מוזן אָרגאַניזירט ווערן אין יעדן אידישן ישוב איבערן לאַנד אויף אַ פּראָמינענטן באַוואוסטזיניקן יסוד (אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע ווי זיי זיינען איצט אין מאַנכע שטעט).

וואָס פריער אַט די לעבנס־נויטיקע אַרבעט וועט געטאָן ווערן, וועט אַלץ בעסער זיין. איך בין זיכער, אַז אַלע אונזערע פאַראַנטוואָרטלאַכע געזעלשאַפטלאַכע טוער אין צענטער און אויף די ערטער וועלן סוף כל סוף זיך נעמען צו אַזאַ גראַנדיעזער (און גאַרניט קיין שווערע) פאָלקס־אַרבעט.

אָבער דערווייל, ביז אַט דער וואונש וועט רעאַליזירט ווערן אינם גאַנצן פאַרנעם, מוז זיך שוין, אָן קיינע פאַרשפעטיקונגען, אָנפאַנגען די אַרבעט פון צדקה־קאָנצענטראַציע אין די פאַשריידענע געביטן פון אונזערע נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקייטן. ביי היינטיקן מאָמענט זיינען ביי אונז פאַראַנען דריי אַזעלכע: 1. קאָנסאָמפשאָן (דענוועה, לאָס אַנדזשעלעס און אַנדערע), 2. ישיבות ((ר׳ יצחק אלחנן, תורה ודעת און אַנדערע), און 3. אימיגראַציע („האיאס"). אַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן פון איין כאַראַקטער מוזן קאָנצענטרירן זייער טעטיקייט (הכנסה און הוצאה) אין איין צענטער. אַט אַזוי ווי די גאַנצע אימיגראַציע אַרבעט איבער דער גאַרער וועלט איז קאָנ־

צענטרירט אין איין צענטראַלע אָרגאַניזאַציע „האַיאָם" מיט איר פילע אָפּ־טיילונגען דאָ אין לאַנד און איבער דער וועלט.

פונקט אַזוינע צענטערן וואָלטען מיר געדאַרפט האָבן פאַר שווינדזיכטע אַנשטאַלטן (קאָנסאַמטיוו), ישיבות, א. א. וו. וועלן מיר אַזוי אַרום האָבן דריי הויפּט־אַנשטאַלטן מיט אַ קלאָרער פאַראַנטוואָרטלאַכער אָרגאַניזירטער פאָלקס־אַרבעט. אַנשטאָט די איצטיקע צענדלי־קער און צענדליקער צעדריבלטע ביורזשעטן וואָס פלאָנטערן זיך אַרום אָן אַ שום זיכערן יסוד און די פאַרשטייער פון איינעם פאַרלויפן דעם וועג פאַר די פאַרשטייער פון אַ צווייטן, און צוליב אַזאַ אומנאָרמאַלע לאַגע ווערן ביי אונז די געבער צעטומלט און פאַרמאַטערט — אַנשטאָט דעם, זאָג איך, וועלן ווירקן אין אונזער נאַציאָנאַלער וואוילטעטיקייט דריי הויפּט אַנשטאַלטן, פּראָמינענטע, זיכערע און פולשטענדיק אויטאָריטעטע, וועלכע וועלן רוהיק און ניט צופעליק אָנפירן די גראַנדיעזע אַרבעט אין די גרעניצן פון זייערע אויפגאַבן.

אמת, עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז עס וועלן זיך געפינען צווישן אונזערע נותנים אַזעלכע, וואָס וועלן זיך באַנוגנען מיט אַ נתינה פאַר אַ צענטראַלער קאַסע פון אַלע אַנשטאַלטן פון איין כאַראַקטער נישט וויפיל זיי פלעגן געבן צו יעדן אַנשטאַלט באַזונדער. געגן אַזאַ געפאַר דאַרף מען טאַקע זען געפונען אַ גוטיקן אויסוועג.

איך האָף אָבער, אַז אַזאַ אויסוועג וועט און קען געפונען ווערן.

אַזאַ ווענדונג וועט האָבן די גרעסטע ווירקונג אויך אויף אַנדערע זייטן פון אונזער פאָלקס־לעבן און עס וועט אריינברייגגען שטראַלן פון באַוואוסט־זיין אין אַלע טיילן פון אונזער געזעלשאַפט, און די איצט געדיכטע שטיקנ־דיקע אַטמאָספער אַרום דער צדקה־פּראָבלעם וועט געלייטערט און ליכטיק ווערן.

משולחים

(צווייטע אָפּטיילונג)

אינהאַלט:

א. ווען ניט ודער משולח — — — — — — — — — — — — — — — 3

ב. דער משולח אין אנשטאַלט, ווען ער ברענגט זיין באַריכט — — — — — 5

ג. די אנערקענונג פון געבער צום משולח — — — — — — — — — — — — 7

ד. ווער איז א משולח — — — — — — — — — — — — — — — — 9

ה. די באַלוינונג פאַרן משולח — — — — — — — — — — — — — — 12

ו. משולחים אַלס פּראָדוקטיווער און עקספּלואַטירטער קלאַס — — — — — — 13

א.

ווען ניט דער משולח

זייענדיק אויף מיין טור, האָב איך געזעען ווי אידן, די מערהייט פון זיי, באַגעגענען די משולחים פון די פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, ישיבות און אַנדערע צדקה־פאָנדן — איז מיר געקומען אויפן געדאַנק פאָלגענדע אגדתא: „כביכול זאָגט — די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט אינם זכות פון חנינא מיין זון, און חנינא אַליין באַנוגענט זיך מיט אַ טאָפּ באָקסערן פון שבת צו שבת".

קיין איין אידישער צענטראַלער אַנשטאַלט, מעג ער זיין אפילו ווי גרויס און באַרימט, וואָלט ניט געקענט עקזיסטירן, ווען ער זאָל ניט אַרויסשיקן זיינע פאָרשטייער איינצומאַנען די ביישטייערונגען פון זיינע מיטגלידער. אפילו די לאָקאַלע אַנשטאַלטן קענען ניט עקזיסטירן אָן משולחים. און ווער רעדט נאָך פון אַזעלכע אידן, וואָס „האָבן ניט ליב" צו זיין שטענדיקע מיט־גלידער צו אַן אַנשטאַלט און גיבן נאָר „סתם אַזוי", זיי וואָלטן אודאי ניט געגעבן זייערע נתינות אפילו צום באַרימטסטן אַנשטאַלט, ווען עס זאָל ניט קומען אַ משולח צו זיי און זייער נתינה בא זיי נעמען.

בכלל איז אינם מענשנס טבע ניט צו געבן קיין געלט, ווען ער ווערט ניט געמאָנט דערצו. אָדער ער פילט אין זיך אַליין אַ מאָנונג צום געבן, אָדער אַ זייטיקער דאַרף קומען און מאָנען בא אים. ווער רעדט נאָך דאָ אין אַמעריקע. דער עולם איז דאָ פאַרוואוינט, אַז מען זאָל קומען צו אים „קאָלעקטן". אַזוי „קאָלעקט" מען בא אים פאַר מעבל, אַזוי „קאָלעקט" מען בא אים פאַר אַ מאַשין, און אפילו פאַר אַ טעגלאַכע צייטונג. טאָג־איין טאָג־אויס באַקומט ער דאָ זיין טעגלאַכע צייטונג. אַז ס'מאַכט זיך אַ טאָג און ער באַקומט זי ניט, פילט ער, אַז עפּעס פעלט אים. ער האָט היינט ניט אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן. ער איז צוגעוואוינט צו זיין צייטונג און זי איז בא אים פאַררעכנט אַלס אַ טעגלאַכער געברויך. און דאָך — וויפיל צייטונגס־לעזער וועט איר דאָ טרעפן, וואָס נעמען און שיקן די „סובסקריבשאַן"־פּרייז פון זייער צייטונג אין אָפיס? איינציקע אַזעלכע קענט איר טרעפן אין יעדע שטאָט. די גאָר גרויסע מערהייט פון די צייטונגס־לעזער וואַרטן ביז אַ קאָ־לעקטאָר קומט צופאָרן און מאָנט בא זיי איין דעם סכום פאַר דער צייטונג.

אַזוי איז דער עולם דאָ פאַרוואוינט און דערפאַר קען מען דאָך פון אים ניט דערוואַרטן, אַז דוקא אין וואוילטעטיקע ענינים וועט ער מיט אַמאָל ענדערן זיין טבע, זיין טאָג־טעגלאַכע געוואוינהייט, און וועט אַליין אַוועקשיקן זיין

נתינה אין דעם וואוילטעטיקן אנשטאַלט, ווען ער וויל שטיצן. און ווער רעדט נאָך פון אַזעלכע לייטע, וואָס וואוילטעטיקייט איז בײַ זיי בכלל אַ „לעצטע זאָרג". צו די, אויב מען וועט ניט קומען און מאָנען פאַר אַ דבר שבצדקה, וועלן זיי אויף זייער לעבן אַליין זיך ניט דערמאָנען „עפּעס" געבן.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער וויכטיקער נאַציאָנאַלער אנשטאַלט האָט אויך אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע וואַרטן ניט אויף קיין קאָלעקטאָר און שיקן אַלע־מאָל זייער בײַשטייערונג אינם אָפּיס אַריין. אַזעלכע זײַנען אָבער דאָ גאָר־גאָר ווייניק. דורכשניטלאָך זײַנען עטלאַכע און נײַנציק פּראָצענט פון די צדקה־געבער גייסטיק ניט אימשטאַנד צו געבן ביז וואַנען מען קומט ניט צו זיי מאָנען.

אַזוי איז עס און איבעראַנדערשן דעם דאָזיקן „סדר העולם" קענען מיר דערווייל ניט. וואָס־זשע בלייבט פאַר די אנשטאַלטן צו טאָן? געוויס מוזן זיי שיקן מענשן, אָדער ווי איר רופט זיי משולחים, אין אַלע מקומות וואו אידן וואוינען. און נאָר אַ דאַנק דער ענערגיע פון די משולחים קענען די נויטיקסטע אנשטאַלטן אַ קיום האָבן.

דער וואָס איז באַקאַנט אינם געזעלשאַפטלאַכן לעבן, דער ווייס, וויפיל צענדליקער און צענדליקער טויזנטער דאָלאַר עס גיבן אויס די פאַרשיידענע אנשטאַלטן אויף בריף צו דערמאָנען און בעטן די אידן, זיי זאָלן פאַרשפּאָרן דעם אָפּיס די איבעריקע הוצאות וואָס עס דאַרף קאָסטן די נסיעה פונם אַנ־שטאַלט־פאַרשטייער און זאָלן צושיקן זייער בײַשטייערונג. און ערשט נאָך די דאָזיקע קאָלאָסאַלע אויסגאַבן פון קאָרעספּאָנדענץ מוז ערשט דער אנשטאַלט שיקן זײַן פאַרשטייער, און נאָר אַ דאַנק זײַן מי און אויסערנאַטירלאַכע יסורים ווערן די סכומים צונויפגענומען פון די אידישע מנדבים.

אַזוי איז איצטער צום באַדויערן די שטופּע פונם באַוואוסטזײַן פון דער גרעסטער מערהייט פון די אידישע געבער צו אונזערע נאַציאָנאַלע אנשטאַלטן. ווען דער משולח, דער קאָלעקטאָר אָדער פאַרשטייער זאָל ניט קומען צו זיי פון צענטער, וואָלטן אַלע גרעסטע אידישע אנשטאַלטן זיך געמוזט צומאַכן מיטן גרעסטן קראַך.

דער משולח, דער קאָלעקטאָר איז עס דער מאָדערנער חנינא, אין זײַן זכות קענען מיר זיך באַרימען מיט די גרויסע נוצלאַכע רעטונגס־אנשטאַלטן וואָס מיר פאַרמאָגן בײַ היינטיגן טאָג.

ווען ניט דער משולח, איז אויס מיט די אנשטאַלטן.

ב.

דער משולח אין אַנשטאַלט, ווען ער ברענגט זיין באַריכט

איך באַטראַכט אַט די פראַגע פון משולחים ניט בלויז פון אַן עטישער אַנגעלעגנהייט, נאָר אויך פון אַ ברייטן געזעלשאַפטלאַכן און אויך אַ קלאַסן שטאַנדפּונקט. איך גערענק ניט אַזאַ פאַל, אַז אונזער פּרעסע זאָל האָבן ווען עס איז באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע, וואָס איז נאָך מיין מיינונג זייער און זייער וויכטיק. פון דער עטישער מאָראַלישער זייט איז זי וויכטיק דערפאַר וואָס אין אונזער באַציהונג צו די משולחים ווייזט זיך אַרויס אַז מיר זיינען אַ סך הינטערשטעליק אין דער טראַדיציאָנעלער אידישער מדה פון „הכרת טובה". מיר צאָלן ניט צו די משולחים אַט די מאָס אַנערקענונג וואָס זיי פאַר־דינען זיך.

אין די פאַרוואַלטונגען גופא פון די פאַרשיידענע אַנשטאַלטן פאַרנעמען ניט די משולחים דעם ראַנג וואָס עס קומט זיי צווישן די איבעריקע מיטאַר־בעטער. די פאַרוואַלטערס, וואָס זיצן דאָרט אין צענטער און פירן אָן מיט דער אַרבעט פון זייערע אַנשטאַלטן, זיינען אָפטמאָל ניט באַקאַנט ווי דעם משולח קומט אָן שווער און ביטער ביז וואַנען ער נעמט צונויף די סכומים וואָס ער ברענגט אַריין אין דער פעריאָדע פון זיין באַריכט אין קאַסע פון אַנ־שטאַלט. אַלע מאָל האַלטן די פאַרוואַלטער אין איין פאָדערן באַם משולח: „האָסט געבראַכט ווייניג!" „האָסט געבראַכט ניט גענוג!"

די פאַרוואַלטער טוען דאָס מיט דער נאָבעלסטער אַבזיכט. זיי זיינען פאַר־אינטערעסירט, אַז אין קאַסע פון אַנשטאַלט זאָלן אַלץ וואָס גרעסערע סכומים אַריינקומען, כדי די אַרבעט וואָס זיי האַלטן פאַר וויכטיק און הייליק זאָל געטאָן ווערן וואָס בעסער און וואָס נוצלאַכער פאַר די וועלכע נוטיקן זיך אַזוי שטאַרק אין איר. די פאַרוואַלטער, אין זייער שטענדיקער פאָדערונג באַ די משולחים, מיינען געווים די בעסטע און ריינסטע כונה. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז אויך די משולחים זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט צו ברייננען וואָס מער געלט צום אַנשטאַלט. און אויב צו אַ געוויסן מאָמענט האָט דער משולח ניט אַריינגעבראַכט אַ גענוגענדן סכום, זיינען אין דעם שולדיק גאַנץ אַנדערע סיבות און באַדינגונגען.

ניט אַלע פאַרוואַלטער זיינען אָבער אַלעמאָל גרייט צו באַגרייפן אַט די סיבות און באַדינגונגען, און ווען דער משולח קומט מיט זיין באַריכט צום פאַרוואַלטער, באַגעגנט ניט דער משולח דעם געהעריקן מיטגעפיל אין זיין

ביטערער לאַגע, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען זאַמלענדיק דעם געבראַכטן סכום.

דער פאַרוואַלטער האָלט אין איין טענה׳ן: „איר האָט געקענט מער געלט ברענגען”.

דאָס איז פשוט געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן. אין דער סעקונדע וואָס דער משולח הערט אָט די טענה, שטעלן זיך אים פאָר ווי לעבעדיק די הונ־דערטער בילדלאַך אין יעדע שטוב און אין יעדער געשעפט וואוהין ער איז אריינגעקומען „בעטן” געלט פאַר זיין אַנשטאַלט; וואָס ער האָט איבערגע־לעבט בשעת מעשה, ווי מען האָט אים באַגעגנט בײַ זיין אריינקומען און ווי מען האָט אים באַגלייט בײַ זיין ארויסגיין. די אַלע שמערצן, וועלכע ער האָט געליטן אינם משך פון זיין ארבעט וואָכנווייז, דערפילט ער אַצינד אין איין סעקונדע אַ קאָנצענטרירטן שטאָך אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, אַז מען דאַרף פאַרמאָגן די גרעסטע גבורה אויסצוהאַלטן עס.

דער פאַרוואַלטער ווייסט גאַנץ גוט און וואויל, אַז די טויזנטער דאָלאַר וואָס ער האָט אויסגעגעבן צו שיקן בריוו צו די געבער, דערמאָנענדיק זיי און בעטנדיק זיי, אַז זיי זאָלן אריינשיקן זייער נתינה דורך פּאָסט, אָט די אַלע גרויסע הוצאות האָבן ניט געהאָלפן אפילו אַ צענט־חלק צו פאַרזיכערן דעם ביודזשעט פון אַנשטאַלט, ווי עס האָט געהאָלפן אפילו דער קלענסטער באַ־ריכט פון דעם משולח און דאָך ווערט דער משולח, מיט זיין גאַנצן צער און ווייטאָק, אויסגערעדט פאַר ניט צופרידנשטעלנדיקע רעזולטאַטן.

מ׳האָט ניט קיין טענה צום געבער וואָס גיט ווייניק, אָדער וואָס גיט גאָר־ניט, נאָר מ׳האָט טענות צום משולח וואָס האָט געבראַכט ווייניק.

ניט געוווּנג וואָס דער משולח ווערט אויפגעפרעסן פון זיינע שלעכטע באַ־געגענישן דאָרט וואו ער קומט נעמען, ווערט ער נאָך אַ צעקאַכטער פון דעם באַגעגעניש וואָס ער באַקומט אין זיין אַנשטאַלט, וואו ער קומט געבן...

דער פאַרוואַלטער שטייט דאָך באַם רודער פון זיין אַנשטאַלט. ער פילט דאָך יעדע מינוט ווי זיין נויטיקער און הייליקער אַנשטאַלט דאַרף האָבן געלט־מיטלען. מיטן גרעסטן אומגעדולד און הונגער דערוואַרטעט ער אַ גוטן באַ־ריכט פון דעם משולח. און ווען אַזאַ באַריכט איז ניט צופרידנשטעליק, ער־נערט עס דעם פאַרוואַלטער, גריזשעט עס אים. און די דאָזיקע ערגערניש און גריזאָטע טרעפט ווי אַ שטעכעדיקע נאָדל דעם וואָס געפינט זיך בשעת מעשה דער ערשטער און דער נאָענטסטער. אין דעם פאַל איז עס דער באַריכט אָפּ־געבער, דער משולח, באַקומט ער עס די ערשטע פּאַרציע פון ערגערניש און גריזעניש.

ג.

די אנערקענונג פון געבער צום משולח

אינם פריערדיקן קאפיטל האבן מיר גערעדט פון דער אנערקענונג, וואס דער משולח פארדינט אין זיין אנשטאלט גופא. עס איז אבער אויך נויטיק, און טאקע זייער נויטיק, צו דערמאנען די מאס אנערקענונג, וואס דער שליח פון אנשטאלט דארף באקומען אויך פון די געבער ובפרט פון די באוואוסט־זיניקע געבער. יעדערער וואס איז געוואוינט צו געבן פאר וואוילטעטיקע אנ־שטאלטן וועט מודה זיין, אז אפילו דאן ווען ער גיט צדקה בשעת ער קען ניט, טוט אים הנאה דערפון. מיר איז אויסגעקומען צו באגעגענען א סך מענשען, וועלכע האבן דורך זייער צדקה־געבן באשטעטיקט די מיינונג פון „שכר מצוה, מצוה". בשעת זיי טוען א וואוילטעטיקע זאך, האבן זיי דערפון הנאה. מאנכע האבן מיר צוגעגעבן, אז באם ערשטן מאמענט ווען זיי גיבן צדקה, מוזן זיי זיך אנטאן א כח צו וועלן געבן. זיי ווייסן, לויט זייערע פינאנסן, אז זיי קע־נען ניט געבן; זיי שטארקן זיך אבער און גיבן פארט. דאן, אז זיי גיבן שוין, טוען זיי א קרעכץ ווי איינער אטעמט אפ פון א שווערער ארבעט און זיינען צופרידן, וואס זייער הארץ־געפיל האט געזיגט איבער דער אויסרעכענונג פון זייער גדאנק.

עס מאכט זיך אפטמאל, אז מען קומט אריין צו איינעם אזא נותן, מען מאנט בא אים צדקה און ער וויל ניט געבן. הויבט מען אן איינ׳טענה׳ן מיט אים און ער גיט יא. פרעגט דאן בא אים דער מקבל:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, דעם אמת: זענט איר כאטש ניט ברוגז אויף מיר וואס איך האב אייך אזוי פיל באמיט?...

צעלאכט זיך דער געבער און זאגט:

— א, וואס רעדט איר, מיין פריינד! אדרבה, קומט נאך אמאל.

פון הונדערטער און הונדערטער אזעלכע פאלן, וואס מיר זעלבסט איז אויסגעקומען צו בייזיין, באשטעטיק איך, אז א גרויסער פראצענט פון די צדקה־געבער זיינען צופרידן בשעת זיי גיבן די צדקה, ווי זיי וואלטן דא עפעס פארדינט. זיי האבן הנאה פון דער זאך וואס זיי טוען. עס איז קיין אונטער־שייד ניט צי זיי טוען עס צוליב זייער באוואוסטזיין, אדער זיי טוען עס כדי צו מקיים זיין א מצוה.

הייסט דאך, אז דער משולח איז עס דער יעניקער וואס ברייננגט זיי דעם גייסטיקן פארגעניגן צו זייער שוועל, די מצוה אין שטוב אריין. ווארים ביז

וואַנען דער משולח איז ניט געקומען צו זיי, האָבן זיי דאָך, צוליב געווויסע סיבות, אַליין ניט אַריינגעשיקט זייער נתינה אין אָפּיס פון אַנשטאַלט. פון דעסטוועגן זיינען ניט אַלע צדקה־געבער אומשטאַנד צו באַגעגענען אַ משולח מיט דער געהעריקער מאָס אַנערקענונג ווי ער פאַרדינט אַלס אַ שליח פון אַן אַנשטאַלט, וואָס ברענגט זיי אַ גייסטיקן פאַרגעניגן אין זייער געצעלט אַריין.

צו מיין גרויס באַדויערן שטרייך איך דאָ אונטער דעם פאַקט, און אַלע באַוואוסטזינקע אידן אויף די ערטער וועלן עס באַשטעטיקן, אַז ווען אַ משולח קומט אַריין אין אַ שטאָט און ער הויבט זיך אָן „באַווייזן" אין די אידישע גאַסן, הויבן אָן די „אידישע קינדער" טייטלען אויף אים מיט די פינגער און אפילו ווען זיי זאָגן גאָרניט איז עס שוין אויך ווי געזאָגט: „ווידער אַן אָנשיקעניש".

אַ סך אפילו פון די בעסערע אידן אין די שטעט און שטעטלאַך האָבן אין זייער גוטער דערציהונג וואָס זיי גיבן זייערע קינדער פאַרגעסן אָדער פאַרנאַכלעסיקט אייַן לעסאָן, נעמלאַך, ווי פריינטלאַך און הכנסת־אורחים־דיק מען דאַרף באַגעגענען אַ פרעמדן מקבל אין אַלגעמיין און אַ משולח פון אַ אַנשטאַלט בפרט. וועלן דאָך מיינע ווערטע פריינט אין די שטעט און שטעטלאַך באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז אין אַ סך אידישע הייזער און געשעפטן, אפילו דאָרט וואו מען ווייסט צו געבן צדקה, ווערט אַ גאַנצע סומאַטאָכע צווישן דער יונגוואַרג, ווען אַ משולח קומט אַהין אַריין. און מאָרגע, ווי זיי דערקענען שוין ווער עס איז אַ משולח, אפילו ווען ער האָט אַ „מענשלאַך" פנים אָן אַ באָרד.

אָפטמאָל טרעפט זיך אַזאַ פּאַסירונג:

אַ משולח קומט אַריין אין אַ געשעפט. דער דאָזיקער משולח טראָגט גראָד אַ באָרד. ווייסט מען שוין, אַז ער איז עס געקומען נאָך געלט. ער ווענדט זיך צו איינעם פון די פערזאָנען וועלכע באַלעבאַטעווען דאָרט און בעט בא אים, ער זאָל אים אָנווייזן „ווער איז דאָ דער אייגנטימער". ענטפערט מען אים, אַז: „דער באַלעבאָס איז דאָ ניטאָ". דער משולח פאַרשטייט אין דער האַלטונג און אין דעם ענטפער פון דעם מאַן וואָס רעדט צו אים, אַז ער אַליין, טאַקע דער דאָזיקער מאַן, איז דער אייגנטימער פון דאַנען. ער ווענט דאָך אָבער זיך ניט אַוועקשטעלן דינגען מיט דעם דאָזיקן מאַן און אים איבערציינן, אַז ער זאָגט ניט אמת. פאַררויטלט ער זיך, דער משולח, און פרעגט בא זיין מיטשפּרעכער „צי ער קען אים ניט זאָגן, ווען איז די בעסטע צייט צו טרעפן דאָ דעם באַלעבאָס?" דעם משולח ווערט בשעת מעשה איבערגעקאָכט אַלע געבליטן פאַר שאַנדע און ווייטאָג און פאַר פאַרדרוס. ער ווייסט בפירוש אַז ער רעדט עס דאָ מיטן באַלעבאָס. ער קען זיך אָבער גאָר ניט

העלפן. ער איז דאך פארט דא א פרעמדער און קען ניט „אנכאפן יענעם בא די לאצן" און אים זאגן, אז ער אליין איז עס דער באלעבאס. דער סוף פון אזא באגעגעניש איז, אז דער באלעבאס ענטפערט, אז ער ווייסט ניט ווען מען קען דא טרעפן דעם באלעבאס. גייט דער משולח ארויס און אין א פאר מינוט ארום קומט ער צוריק אריין און גייט שוין צו צו אן אנדערן פון די היגע מענשן און פרעגט בא אים וואו איז דא דער אייגנטימער. דער דאזיקער מענש האט זיך גראד ניט געכאפט צו „באהאלטן" זיין באלעבאס און ווייזט אזוי ברייטלאך מיטן ווייז־פינגער פון זיין רעכטער האנט אויפן אייגנטימער. דער באלעבאס באמערקט עס, פארשטייט ער, אז זיך ארויסדרייען אצינד פונם משולח׳ס הענט, אזוי ווי ער האט עס נאר וואס געטאן, קען ער שוין ניט. פרעגט ער באם משולח: „וואס האט איר געוואלט, רעב איד?" דער משולח פון זיין זייט דערפילט דא דעם גאנצן גיפט פון דער דאזיקער טראגי־קאָ־מעדיע, ער האלט אין זיך איין דעם פארדריסלאכן וויטאק און זאגט אים, אז ער איז עס דער פארשטייער פון דעם און דעם אנשטאלט.

דער אייגנטימער דערהערט דעם נאמען פון אנשטאלט, ווערט ער פאר־שעמט און פרעגנדיק באם משולח „פארוואס ער האט אים גלייך ניט געזאגט פון וואסער אנשטאלט ער איז?" גיט ער אים זיין נתינה דוקא מיט דער שענסטער אויפנאמע. אבער וויפיל יסורים האט עס אבער דער עלנדער משולח געדארפט איבערלעבן ביז ער האט סוף כל סוף דעם באלעבאס געפאקט?

אמת, דער דאזיקער באלעבאס קען זיך גראד האבן זיין פארטיידיקונג אויך, פארוואס ער האט דא איצט אזוי געהאנדלט. ער מעג אפילו מיט זיין לעצטער האנדלונג מאכן דעם משולח בעסער פילן. פון דער לעצטער האנדלונג ווערט באפרידיקט דער משולח נאר אלס פארשטייער פון אנשטאלט אבער אלס מענש מיט געפיל, מיט זעלבסט־ווירדע און זעלבסט־רעספעקט טראגט ער מיט זיך דעם „פאטש אין פנים" פאר גאר א לאנגע צייט.

ד.

ווער איז א משולח?

יעדערר דארף וויסן, אז אנשטאלטן, ישיבות און אנדערע קערפערשאפטן ווייסן וועמען צו שיקן אלס פארשטייער אדער משולחים, און אז יעדער פון די דאזיקעפארשטייער אדער משולחים איז מסתמא ווערט צו פארטרעטן את די ארבעט, וואס דער אפיס פארטרויט אים.

עס איז דאך זעלבסטפארשטענדלאך, אז אזוי ווי א פריוואטע האנדלס־פירמע איז פאראינטערעסירט אנצושטעלן אזעלכע מענשן, וועלכע זאלן זיין

פייאיק וואָס מער פּראָפיטן אַריינברייינגען און וואָס בעסער זיך צוזאַמענריידן מיט די פּערזאָנען, מיט וועמען זיי דאַרפן קומען אין געשעפטלאַכע באַרירונגען, אַזוי אויך, און אפשר נאָך מערער, איז פאַראינטערעסירט דער געזעלשאַפטלאַכער אַנשטאַלט, אַז די פאָרשטייער אָדער משולחים וועמען ער שיקט אַרויס אין דער אידישער וועלט צו שאַפן געלט פאַר זיינע אויפגאַבן, זאָלן זיין וואָס פייאיקער און אַרענטלאַכער אין זייער אַרבעט. די אַרבעט איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלאַכע און מען מוז צו איר האָבן אַ באַזונדער פייאיקייט צו רעדן מיט פאַרשיידענע און פאַרשיידענע מענשן. אַ פאָרשטייער פון אַ געזעלשאַפטלאַכן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט דאַרף אָפטמאָל באַקומען געלט פון אַזאַ פּערזאָן, וועלכער ווייסט ניט אָדער וויל ניט וויסן פון דעם „אַרטיקל סחורה" וואָס דער דאָזיקער פאָרשטייער וויל אים פאַרהאַנדלען. און זייער אָפט קומט טאַקע דעם משולח אוים צו הערן אַזאַ קורצן ענטפער פון אַזאַ סאָרט אידן, צו וועמען ער ווענדט זיך נאָך אַ ביישטייערונג. דער איד ענטפערט אים „אַי עם נאַט אינטערעסטעד" — ער איז ניט פאַראינטערעסירט, און גייט טוט אים עפּעס. מוז דער משולח זיין אַזוי פייאיק און אים יאָ מאַכן פאַראינטערעסירט, און באַ אים יאָ באַקומען געלט פאַר אַזאַ סאָרט „סחורה", וואָס לאָזט זיך ניט „דעליווערן" פון האַנט צו האַנט.

דער משולח פאָרט אַרוים איבער די אידישע הייזער און געשעפטן און האָט ניט מיט זיך קיינע מוסטער־פּעקלאַך וואָס לאָזן זיך מעסטן אויפן מאָס. זיין איינציק פּעקל וואָס ער נעמט מיט זיך אין וועג אַריין איז: צרות און ווייטאָקן פון מענשלאַכע נויטבאַדערפטיקע קערפּערס און נשמות. אַרויסלאָזן זיך איבער דער וועלט מיט אַזאַ סאָרט סחורה מוז מען קודם כל אומבאַדינגט פאַרמאָגן אַ ריינע פילנדיקע האַרץ, צו האַלטן דאָרט אָט די דאָזיקע סחורה. מענשלאַכע צרות זיינען ניט קיין ציבעלעס, וואָס מען זאָל זיי קענען האַלטן וואו עס איז. מענשלאַכע צרות פאַרלירן ניט זייער פינקטלאַכן טעם נאָר דאַן, ווען זיי זיינען פאַרפּאַקוועט אין אַ ריין אָפּגעהיט פילנדיק האַרץ. אַזאַ האַרץ מוז פאַרמאָגן דער משולח. אַ ניט, וואָלט ער זיך צו אַזאַ אַרבעט בשום אופן ניט גענומען. יעדער משולח און יעדער פאָרשטייער פון אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט, מעגט איר זיין זיכער, איז נאָך אַזוי פייאיק, געבילדעט, ענערגיש און געראָטן צו מאַכן אַ לעבן פונקט ווי יעדער אייענר אין זיין גלייכן, צו וועמען ער ווענדט זיך נאָך שטיצע פאַר זיין אַנשטאַלט. פאַרוואָס־זשע דען גיט ער אָפּ זיין צייט, ענערגיע און פייאיקייטן דוקא צו אַזאַ „גליקלאַכער" באַשעפטיקונג ווי פּעדלען מיט מענשלאַכע טרערן, נויט און שטרעבונג? ער טוט עס דערפאַר, ווייל דירעקט אָדער אומדירעקט פילט ער עפּעס אַ שייכות צווישן זיין שורש נשמה און די וואַנדערנדיקע לעבעדיקע נשמות

וואָס זוכן אַ תיקון אינם שטורעמדיקן לעבן, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגע־גליטשט און וואוהין זיי דאַרפן צוריק אַריינגעפּאַסט ווערן.

ער פילט, אַז זיין הארץ איז פייאיק אַריינצונעמען אין זיך אָט דעם פּאַק מיט מענשלאַכע צרות און פאָרן מיט זיי אַזוי לאַנג איבער בערג און טאָלן, איבער טרוקענע ווידטעניִשן און בלאָטיקע זומפּן, ביז דורך דער הילף פון לויטערע מחות און ציכטיקע קלאָפּנדיקע הערצער זאָלן פון אָט די אַלע מענש־לאַכע צרות בלייבן דער קלענסטער מינימום, כדי נאָר צו מקיים זיין מיט אים, אָט מיט דעם מינימום, דעם פסוק „לא יחדל אביון מקרב הארץ״.

יאָ, אָט אַזאַ הארץ מוז אין זיך פאַרמאָגן אָט דער משולח און פאַרשטייער, וועמען דער אַנשטאַלט פאַרטרויט אַזאַ הייליקע אויפגבע. און נאָך עפּעס דאַרף ער פאַרמאָגן — געדולד און וויסן. אים קומט אוים צו פאַרהאַנד־לען מיט אַלערליי טיפּן און כאַראַקטערם. ער טרעפט זיך מיט זיי אין פאַר־שיידענע מאָמענטן פון זייערע געפילן און שטימונגען, און אין אַלע אַזעלכע מאָמענטן מוז דער אַריינגעקומענער משולח זיך אַריינפּאַסן און וויסן ווי צו האַלטן זיך. אין דער ערשטער מינוט בא זיין אַריינקומען צו אַ אידן מוז דער משולח באַלד אָפּשאַצן אין וואָסער אַ שטימונג דער איד איז, כדי צו וויסן ווי אָנהויבן צו רעדן צו אים. אַ גאַנצער פּסיכאָלאָג מוז דער „אָרימער״ משולח זיין. ער טאָר דאָ ניט אָנרירן די „אויפגערעגטע געפילן״ פון דער פּערזאָן צו וועמען ער אַפּעלירט פאַר שטיצע. ער דאַרף זיין אַזוי בויגיק, אַז אין איינעם און דעם זעלבן מאָמענט זאָל ער זיין „נידעריקער פון גראָז און העכער פון אַ טורעם״. און נאָך אַלעמען, וואָלט איך זאָגן, מוז ער זיין אַ „מלומד בשיחות חיות ועופות״ (וויסן די שפּראַך פון אַלערליי באַשעפעניִשן), ווייל, צווישן אונז רעדנדיק, איז אונזער מענשן־מין אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשיידענערליי באַשעפעניִשן. איר באַגעגנט אַזעלכע גוטע האַרציקע ווי שטילע טייבעלאַך און איר שטויסט זיך אָן אין אַזעלכע גיפטיקע ווי בייזע שטעכעדיקע יאַש־טשערקעס. אָט אין דעם גאָרטן־וועלט פון די אַלע פאַרשיידענע מענשן מיט זייערע פאַרשיידנסטע שטימונגען און זאָרגן „דרייט זיך עם אַרום״ אַן איינ־זאַמער „פאַרשוין״, פון דער פרעמד אַן אָנגעקומענער (פרעמד אַלם ניט קיין היגער און פרעמד לויט זיין פאַרלאַנג), ער פאַרלאַנגט אויסצובייטן מענש־לאַכע צרות און באַקומען פאַר זיי אַזאַ טייערן אַרטיקל ווי געלט. און דעם מסחר גייט ער עם מאַכן גראָד מיט אַזעלכע, וואָס די מערהייט פון זיי זיינען אַליין גענוג איבערגעזעטיקט מיט אייגענע צרות, אָדער מיט אַזעלכע, וואָס זיינען אַזוי פאַרדאַרבן, אַז זיי האָבן גאָר קיין שום חוש ניט צו וועלן פילן אַ צווייטנס נויט.

אָט מיט די אַלע מינים מענשן מוז דער משולח שטיין פּנים אל פּנים און פון זיי מוז ער עס באַקומען די נויטיקע סכומים פאַר זיין וואוילטעטיקן אַנ־שטאַלט. פאַרשטייט איר שוין מיט וואָסער אַ גייסטיקן געווער אָט דער דאָ־זיקער משולח דאַרף זיין באַוואָפנט אין זיין הייליקער און גלייכצייטיק מאַר־טירערשער אַרבעט!

ה.

די באַלוינונג פאַרן משולח

איצט לאָמיר זען, וואָסער אַ באַלוינונג דער משולח קריגט פאַר זיין אַר־בעט.

געוויינטלאַך דענקט דער אידישער עולם אַז דער משולח ווערט גאָר נתעשר פון זיין אַרבעט. אַנדערע מיינען אפילו, אַז פון דער נתינה וואָס זיי גיבן דעם משולח, באַקומט דער אַנשטאַלט אינגאַנצן איין דריטל און די איבעריקע צוויי דריטלען „פאַלן אַריין אינגאַנצן אין משולח׳ס קעשענע". און איר זאָלט זען, ווי די דאָזיקע קאָכן זיך, ווען זיי דערזעען דעם משולח, אַקוראַט ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעקוילעט זייער קאָפּאַטע. ער מאַכט זיי ממש בדיל האדאָל. ברומען זיי זיך אַז דעם משולח אין פּנים אַריין, מוסר׳ן אים גאַנץ גוט אויס, פאַר וואָס ער באַראַבעוועט אַזוי די וועלט און ערשט נאָכדעם גיבן זיי אים דאָרט זייער נתינה אָדער זיי זאָגן אים גאָר, אַז זיי וועלן עס אַליין אָפּשיקן אין אָפּיס אַריין, ווייל זיי כאָטש וויסן אַז פון זייער געלט האָט קיין „דאַרמאָיעדניק" (אַ ליידיק־גייער) קיין הנאה ניט.

איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז עס זיינען פאַראַן אידישע געבער וואָס נעמען אויף דעם משולח מיט דער שענסטער אויפנאַמע און גיבן אים זייער נתינה פאַרן אַנשטאַלט מיטן שענסטן כבוד. אויך בײַ אַזעלכע געבער שווימט אַרויף די פראַגע, שוויינגדיקערהייט פאַרשטייט זיך, וועגן דעם משולח׳ס חלק אין די געלטער וואָס ער זאַמלט פאַר זיין אַנשטאַלט. אָבער זיי האָבן אויף דעם אַ גרייטן תירוץ: „ער איז דאָך ניט קיין מלאך. אַז ער פאַרט און גיט זיך אָפּ מיט דער אַרבעט, מוז ער דאָך האָבן דערפון פרנסה".

אָט די אַלע מענשן וואָס „מוטשען זיך אַזוי איבער דעם משולח׳ס פרנסה" וויל איך פאַרזיכערן, אַז אַ משולח פון אַ ישיבה, צי אַ פאַרשטייער פון אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט, באַקומט פאַר זיין אַרבעט אַ סך ווייני־קער ווי אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק. דערפאַר דאַרף ער טאָן פאָלגענדע אַר־בעט: צענדליקער מיילן אויסגיין אַ טאָג, סיי אין די גרויסע היצן און סיי

אין די גרויסע קעלטן און האלטן אין איין קלאפן אין פרעמדע טירן; זיין עלנד און דערווייטערט פון ווייב און קינדער; זיין א קאנדידאט אויף מאגן־קראנקייטן צוליב די ניט־נארמאלע עסנס, וואס מען קען אמאל אריינכאפן אין די כשר׳ע רעסטאראנען; שלאפן אויף פרעמדע געלעגערס; יאגן זיך נאך איינעם א „נותן״, וואס האלט זיך אין איין באהאלטן און ווען גאט העלפט און מען „פאקט״ אים שוין, ענטפערט ער ערשט, אז ער געטרויט ניט קיין משולחים און וועט זיין נתינה אפשיקן אליין אין אפים אריין; קריגן אויס־געזידלט פון יעדן מין אויסוואורף פארוואס מען „באדערט״ אים (איך בין אליין געווען אן עדות ווי א משולח האט פריער געקראגן אויסגעזידלט און ערשט דערנאך האט מען אים במחילה ארויסגעווארפן); אננעמען זיך מיט יסורים און וויטאקן צו זען אזעלכע אידן וואס וואלטן מיטן גאנצן הארצן געוואלט געבן פאר א וואוילטעטיקן אנשטאלט און זיי האבן נעבאך אליין ניט; און איבערגעגריזעט ווערן פון פארדרום צו זען אזעלכע אויסגעפרעסענע פארשוינען וואס זיינען רייך ווי קורח און הארט ווי א שטיין צו פילן יענעמ׳ס געוויין.

און נאך דעם אויבנאויסגערעכנטן צעטל פון ארבעט, בא די אלע אומ־מענשלאכע באדינגונגען ווי דעם משולח קומט אויס צו לײדן, סיי פיזיש און סיי גייסטיק, איז ער דער יעניקער, וואס רוט ניט ווי א בין ביז ער דערלעבט צו זען א געזאמלטן סכום פאר זיין אנשטאלט.

ה.

משולחים אלס פראדוקטיווער און עקספלואטירטער קלאס

לויט דעם גאנצן ביז איצט ארומגערעדטן ענין זעט איר, אז די דאזיקע פראגע רירט ניט אן בלויז איין אנשטאלט און איין צענדליק מענשן וואס ארבעטן אויף דעם געביט. דאס איז א פראבלעם פאר אלע אונזרע וויכטיקע נאציאנאלע אנשטאלטן פונם געזעלשאפטלאכן שטאנדפונקט, און א בלוטיקע לעבנס־פראגע פאר הונדערטער אידישע פאמיליעס פונם קלאסן שטאנדפונקט. משולחים פון ישיבות, קאלעקטארס פון לאקאלע אנשטאלטן און חברות און פארשטייער פון וועלטלאכע נאציאנאלע וואוילטעטיקע אנשטאלטן, אט די אלע מענשן בילדן א באזונדער פראדוקטיוון קלאס אינם אידיש־געזעלשאפט־לאכן לעבן. אלס א קלאס זיינען זיי די איינציקסטע וואס שאפן די מעגלאכ־קייטן אז אונזערע נויטיקע און וויכטיקע אנשטאלטן זאלן האבן א קיום, און

אַלס אַ קלאַס זיינען זיי די איינציקסטע צו ליידן די שרעקלאַכסטע דערנידע־רונגען וואָס אַ מענשלאַכע פאַנטאַזיע איז גאָרניט ביכולת זיך פאָרצושטעלן. לאָמיר זיך ניט שעמען און זאָגן, אַז אין גאָר גאָר אַ סך אידישע מקומות קלינגט דאָ דער נאָמען משולח ווי אַ באַזונדער זידל־וואָרט. ווייל דער וואָס איז באַשעפטיקט אין דער פּראָפעסיע איז אַלעמאָל גרייט צו געזידלט ווערן אויפן ערגסטן אופן. ווער רעדט נאָך אַ משולח מיט אַ באָרד, ער איז גאָר אַן אומגליקלאַכער. אויף אים, אַז אַן אויסוואורף כאַפּט זיך ארויף צו זידלען און צו טאַדלען, איז עס טאַקע „הימל עפן זיך". אַ באָרד — דאָס איז גאָר אַ „מכה אשר לא כתובה בתורה" פאַר אַ פאָרשטייער וואָס איז באַשעפטיקט צו זאַמלען געלט פאַר א וואוילטעטיקן אַנשטאַלט.

די עלטערע אידן האַלטן אין איין דערציילן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין צוליב זייער באָרד צוריק מיט עטלאַכע צענדליק יאָר, ווען זיי זיינען נאָר וואָס אריבערגעקומען קיין אַמעריקע. וויפיל שטיינער זיי האָבן עס ארייג־געכאַפּט פון די באָרפיסע ווילדע שקצים, ווען די לעצטע האָבן זיי דערזען מיט זייערע בערד אין די גויאישע גאַסן. אָט די אַלע מעשיות זיינען נאָך גאָר ניט קיין משל און קיין דמיון צו די אַלע יסורים וואָס אַ משולח האָט אויס־צושטיין דוקא צווישן אידן, ווען ער טוט זיין הייליקע און נוצלאַכע אַרבעט מיט אַזויפיל מסירות נפש. ער איז אויסגעשטעלט צו אַלע גיפטיקסטע פיילן פון יעדן וואָס האָט נאָר אַ טייוול אין האַרצן.

שולדיק אין דעם זיינען איניקע אורזאַכן, וואָס האָבן אין אַ משך פון יאָרן געבראַכט צו דער אומנאָרמאַלער לאַגע. (און שענדלאַך אומנאָרמאַל איז די לאַגע דערפאַר, ווייל אָט דער דאָזיקער ווילדער צעבושעוועטער מאַב, פון וועלכען דער משולחים־קלאַס ליידט אַזוי, איז דאָך אויסשליסלאַך אַ אידי־שער). איינע פון די אורזאַכן וויל איך דאָ פאַרצייכענען: אין יעדן אידישן ישוב איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל אידן וואָס זיינען מער אָדער ווייניקער אָנ־געזעען אין דער אָרטיקער קהילה צוליב זייער סאָציאַלער לאַגע אָדער צוליב אַנדערע טעמים. בטבע האָבן זיי אָבער ניט ליב צו געבן פאַר געזעלשאַפטלאַכע וואוילטעטיקע ענינים. איז אַז מען קומט נאָך צו זיי מאָנען פאַר לאָקאַלע צדקה, „פאַרבייסן זיי די ליפּן" און געבן, פשוט, פאַר בושה. פאָרט היימישע מענשן געקומען, מען דאַרף זיך טאָג־טעגלאַך מיט זיי טרעפן, קען מען קיין דבר־אחר ניט זיין. אָבער דרויסנדיקע צדקה, דאָס הייסט, אַז אַ נאַציאָנאַלער וואוילטעטיקער אַנשטאַלט וואָס איז ערגיץ דאָרטן „וויים איך וואו" שיקט זיי אַריין אַ בריף און בעט באַ זיי אַ ביישטייערונג, מאַכן זיי זיך טאַקע ניט ווויסנדיק און גיבן טאַקע גאָרניט. דאָ וועט דאָך קיינער פון די היגע איינוואוי־נער ניט וויסן, אַז דער דאָזיקער אָנגעזעענער בעל־הבית וויל ניט געבן קיין

צדקה׳ פאַר אַזאַ מין סאָרט „נותן״ איז אַ משולח פון אַ נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט ממש אַן אָנשיקעניש. ווייל אַז אַ משולח קומט, מיינט עס, אַז דער נאַציאָנאַ־לער אַנשטאַלט, נו, זיין פאַרשטייער, איז עס געקומען צו אַט דעם „נותן״ אהיים, און ארויסדרייען זיך סתם אַזוי און אים ניט געבן קיין ביישטייערונג, איז אים פשוט ניט פון די גרינגע זאַכן. ער האָט דאָ פשוט מורא (יאָ, אַזעל־כע פאַרשוינען זיינען אַלע מאָל „טרוסליווע״) אַז דורכן משולח זאָל דאָ אין זיין שטאָט ניט באַוואוסט ווערן וואָס פאַר אַ מין חשוב׳ער „נותן״ ער איז. זוכט ער זיך אַ תירוץ ניט צו געבן. גילט אים דער תירוץ איז אודאי גוט. אויב ניט, מוז ער טאַקע געבן — אָבער אַ האַרץ אויפן משולח טראָגט ער שוין און באַ יעדער געלעגנהייט זוכט ער שוין צווישן זיינע שטעטלדיקע באַ־קאַנטע צו באַפּלעקן דעם שיין און אויטאָריטעט פון יעדן משולח בכלל. וואָרים אין אמת׳ן איז דאָך טאַקע דער משולח דער איינציקער שולדיקער אין דעם וואָס אַזאַ „נותן״ ניט אַמאָל פאַר אַ דבר שבצדקה. וואָרים ווען ניט דער משולח, וואָלט דאָך טאַקע אַזאַ „נותן״ קיינמאָל ניט נענעבן׳ הייסט עס, אַז אַ משולח איז אַ צוטשעפעניש, אַן אָנשיקעניש וואָס מען קען זיך נאָר פון אים ניט אָפּטשעפּען. אַ משולח איז ניט קיין בריף פון אַן אַנשטאַלט, וואָס אַז מען באַקומט אים און מען לייענט אים איבער אַז מען וויל געלט, מאַכט מען זיך ניט ווייסנדיק און קיינער ווייסט אפילו ניט פון דעם. פון אַ משולח קען מען אַזוי גיך ניט פטור ווערן. איז די בעסטע עצה — מען באַהאַלט זיך אויס פון אים. דער משולח קומט דאָך ניט אויף אייביק: ער קומט דאָרטן אויף אַ טאָג אָדער צוויי, זעט מען שוין אַזוי דאָס צו „אַראַנזשירן״, אַז אַלע מאָל ווען דער משולח קומט, איז דער בעל־הבית ניטאָ...

דעוויי׳ל איז אַזוי אַרום יעדער סאָרט משולח „פאַרוויגט״ געוואָרן באַ אַ געוויסן סאָרט אידישן „נותן״ פאַר אַן אָנשיקעניש. נו, קען דאָך שוין קומען דער אָפּזאָץ פון דער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט און זיך נוהג זיין מיט אַ משולח, ווען ער קומט צו אים נאָך צדקה, שוין גאָר אויף אַ העסלאַכן אופן. באַ דעם אָפּזאָץ איז דאָך שוין קיין בושה אויך ניט פאַראַן. ער דאַרף דאָך ניט באַנוצן קיין שום דיפּלאָמאַטיע, כדי אָפּצוזאָגן אַ משולח. ער נעמט גלייך און הויבט אָן זידלען אָדער גאָר שילטן און ארויסוואַרפן׳ און נאָכדעם ערשט, ווען ער טוט שוין אָפּ אַזאַ „נאָבעלע״ שטיקל אַרבעט, לויפט ער אַרום אין גאַס צווישן די אידישע שכנים און אַזוי ווי די געוויסע בוליגאַנעס פלעגן אַמאָל שרייען נאָך אַ פאַגראָם „זשידי ביוטסאַ״ (אידן שלאָגן זיך), אַזוי אויך שרייען אַט די דאָזיקע פאַרשוינען „משולחים זידלען זיך״.

נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן

(דריטע אפטיילונג)

די פירער פון „האיאס“

(צענטראַלער אָפיס)

אברהם הערמאַן, פרעזידענט; לעאָן קאַמייקע, אדאָלף קאופלאַנד, איזראַעל סילווערשטיין, אַלבערט ראָזענטאַל, ה. ס. ליוואַי, מאַקס מייערסאָן, הערריס פּורוואו, העררי ק. וואולף, מאָררים וויינבערג, לעאָ ס. שוואַבאַכער — וויים פּרעזידענטן; העררי פישל, טרעזשורער; אהרן בענדזשאַמין, ערן סעקרעטאַר; אייזיק ל. אַסאָפסקי, הויפּט פּאַרוואַלטער; מאָררים אסאָפסקי; יוסף באַסקין; דר. ב. ב. בערקאָוויטש; דר. דזשיימס בערנשטיין; דזשאַן ל. בערנשטיין, געוועזענער פּרעזידענט און טשערמאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט; יעקב ה. כהן; יוסף איראָן; לואים פאַבריקאַנט; העררי פ. פירסט; איזראַעל פרידקין; סעמיועל גאָלדשטיין; אַדאָלף העלד; פּיליפּ הערש; רעוו. פּיליפּ יאַכעס; אַלעקסאַנדער קאַהאַן; מרס. לעאָן קאַמאיקאַ; יעקב דזשיי לעססער; לעווין־עפּשטיין; העררים לינעצקי; הרב מ. ז. מרגליות; רעוו. ה. מאַסליאַנסקי; יעקב מייזעל, אייראָפּייאישער קאָמישיאָנער; יחזקאל סאַראזאָן; נייטן שאָנפעלד; ב. שעלווין; אברהם י. ספּיראָ; ב. וולאַדעק; נייטן זווירן; מרס. נעטטי לעסער בערג, דר. עלייעס גינאַנדעס, אַקזילערי פּאָרשטייער.

אבטיילונגען אין אַמעריקע

באַלטימאָר — איזראַעל זילבערשטיין, פּרעזידענט; באָסטאָן — הערריס פּורוואו, פּרעזידענט; שיקאַגאָ — אַדאָלף קאָופּלאַנד, פּרעזידענט; פילאדעלפיא — הואווארד ס. ליוואַי, פּרעזידענט; סאַן פראַנציסקא — העררי ק. וואָלף, פּרעזידענט; סעאַטל וואַש. — לעאָ ס. שוואבאכער, פּרעזידענט; וואַשינגטאָן — ד ס. הוירשפעלד יוריסט קאָונסל; און אין עללים איילאַנד.

אבטיילונגען אין אויסלאַנד

האַוואַנאַ, קיובאַ; פּוילן; רומעניע; לאַטוויא; ליטא; דאַנציג; פּאַריז; פראַנקרייך; בערלין, דייטשלאַנד; קאָנסטאַנטינאָפּל, טערקיי; כארבין, כינאַ; און אין סאוט אַמעריקע.

א.

„האיאס“ און דער אידישער אימיגראנט

איינע פון די שענסטע געזעלשאפטליכע אויפטוהונגען אינם אידישן לעבן אין אמעריקע איז די „האיאס“, די „הכנסת אורחים ופדיון שבוים“, אדער ווי זי רופט זיך אין ענגליש „היברו שעלטערינג ענד אימיגראנט עיד סאסייעטי“. איר קאלאסאלע פארצווייגטע טעטיגקייט דורך אירע אפטיילונ־גען אין אמעריקע און איבער דער גארער וועלט, און איר הויפט־צענטר אין ניויארק (425 לאפאיעט סטריט) איז באמת אן אויסדרוק פון דעם אידישן צדקה אידעאל, צדקה ניט מצד רחמנות נור אויפריכטיגסטע גערעכטיגקייט — ניט לאזן א ברודער פאלן אין א צייט פון זיין נויט.

די באדינגונגען אין אונזער לעבן זיינען אזוי פארפלאנערט אז טאג טעגלאך ווערן אין זיי ארייגעכאפט ווי אין א פיש־נעץ גאנץ זעלבסט־שטענדיקע מענטשן, וועלכע נויטיגן זיך אין א געטרייער געזעלשאפטלאכער האנט, זי זאל קומען זיי ארויספלאנטערן פון דארטן.

אימיגראציע איז דער בולט׳סטער פונקט אין דעם א פלאנטער, און די „האיאס“ איז די מוסטערהאפטע האנט צו העלפן און צו פארגרינגערן ארויסצוראטעווען זיך פון אט דעם פלאנטער.

— ווער איז אן אימיגראנט? (מיר מוזן איבער א ניים די פראגע שטעלן, ווייל א סך געוועזענע אימיגראנטן אדער קינדער פון אימיגראנטן ווילן זיך פון איר ארויסדרייען.) אן אימיגראנט איז א מענטש וועלכער איז געבוירן, געוואקסן און דערצויגן אין א בעשטימטער סביבה, שפראך און טראדיציע; געוועזן גוצלאך און באשעפטיגט אין א געוויסן געביט פון וואנען ער האט געצויגן זיין חיונה; א פאראנטווארטלאכער משפחה מיטגליד און א זעלבסט־שטענדיקער מיטבירגער אין זיין קרייז, אין זיין געזעלשאפט. מאכט זיך א מאמענט מיט אזעלכע סיבות, אז ווי פון א שטורם־ווינט ווערט אט דער דאזיקער איינגעזעסענער בירגר ארויסגעשליידערט פון זיינע לעבנס פאזיציעס אין זיין היימישער געבורט־שטאט און לאנד, און מוז אוועק אין אזא לאנד וואו עס הערשט א גאנץ נייע און פרעמדע צו אים שפראך, וואו עס הערשט א נייער ארט לעבן פון וועלכן ער האט ביז איצט קיין אנונג ניט געהאט;

ער מוז זיך נעמען צו אַזאַ סאָרט אַרבעט, אַזאַ מקור פרנסה, צו וועלכע ער איז ניט געוואוינט געווען; ער מוז ווערן אַ נייגעבוירענער מענטש. מיט אַ מאָל ווערט אַ רעדעוודיקער מענטש שטום. אין דער היים איז זיין קרייז האָט זיין וואָרט געהאַט אַ אָרט, אַ ווירקונג; מ'האָט אים געהערט און ער האָט יענעם געקענט הערן, און דאָ ווערט ער אינמיטנדריינען אַ אימיגראַנט און קען ניט רעדן. אַפן וועג קומט אים אויס דורכפאָרן און פאַרווילן אין פאַרשידענע לענדער, אומעטום מוז ער האָבן אַ געוויסן נויט־וועגדיקן פאַרקער מיט מענטשן און אומעטום איז ער שטום. קומט ער שוין אין דעם נייעם פונקט, דאָרט וואו ער וויל מאַכן זיין נייע היים איז ביז וואַנען ער קומט צווישן זיינע אייגענע, איז ער דערווייל ווי אַ צעטומלטער. פאַר־מוטשעט און פאַרמאַטערט פון דער שווערער נסיעה איבערן ים, פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט פון זיינע פאַמיליען אינטערעסן אין דער היים, מוז דער געדאַנק שוין אָנהויבן טראַכטן און אַרבעטן „וואָס וועט מאָרגן זיין?" צענדליגע יאָרן ענערגיע, אויפטו און האָרעוואַניע האָט ער דורכגעמאַכט ביז אַצינד, און איצטער איז עס אַלעס ווי אין ים אַריין. אָנקומענדיק מיט דער שיף צו דעם נייעם ברעג, ווען ער באַגעגנט זיך פנים אל פנים מיט דעם נייעם סאָרט לעבן, ווען ער דאַרף ענטפערן אויף די ערשטע פראַגעס וואָס די אימיגראַציע־באַאַמטע פרעגן אים, ווען ער דאַרף נאָכקומען די ערשטע פאָדערונגען פון דעם אימיגראַציע־געזעץ און ווער רעדט נאָך, ווען ער קען זיי ניט נאָכקומען. אָט דאָ אין דעם שיידוועג דערפילט ער ביז צו דער טיפעניש פון זיין נשמה די גאַנצע פאַרלענגנהייט, די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין פאַרפלאָנטערטער לאַגע.

ווי אַ קליין קינד דאַרף ער דאָ זיך אָנהויבן לערנען גיין אינם שווערן ניט־קלאָרן וועג פון זיין נייעם סאָרט לעבן און ער האָט ניט ווער ס'זאָל זיין וועג־ווייזער זיין. אין אַזאַ לאַגע קען קיין חכמה ניט העלפן און מיט קיין געלט קען מען דאָ גאָרניט מאַכן. איז מען נאָר אַ אימיגראַנט (אין דעם שטאַנד ווי אַלע אונזערע אימיגראַנטן זענען) דאַן קען מען זיך אַליין ניט העלפן אין דעם פלאָנטער פון עלנדקייט. אין אַזאַ לאַגע איז נויטיג אַן אויפריכטיקער אונאייגננוציקער וועגווייזער, אַ האַרציקע געטרייע גאַסט־פריינדלאַכקייט, אַזוי אַ ברייטן אידישן „שלום עליכם" וואָס ווערט געגעבן ניט בלויז פאַר יוצא זיין, נאָר טאַקע מיט אַן ערנסטער כונת צו מקרב זיין יענעם, אַרויסווייזן דעם וואַנדערער אַ אידיש ברודערלאַך האַרץ, אַ נאָענטן אינטערעס צו פירן אים און העלפן אים ביז וואַנען ער וועט צוקומען צו אַ געוויסן זיכערן רו־פונקט.

אַט דאָס איז די „האַיאַס“, די „הכנסת אורחים ופדיון שבוים“, די „היברו שעלטעריגג ענד אימיגראַנט עיד סאָסייעטי“ „האַיאַס אָף אַמעריקע“.

ווער עס איז ניט צופיל פאַרטאַראַמט און צעטומלט און קען זיך צוקוקן און אָביעקטיוו אָפּשאַצן אַ שיינעם אויפטו אין געזעלשאַפטלאַבער טעטיקייט, דער מוז באַוואונדערן אַזאַ גראַנדיעזן געזעלשאַפטלאַכן אויפטו ווי „האַיאַס“ איז. אין דער דאָזיקער וועלט באַרימטער אָרגאַניזאַציע, פונם ערשטן טאָג אָן פון איר אנטשטייאונג (צוריק מיט עטלאַכע און פערציק יאָר) ביז היינטיקן טאָג, איז פאַרקערפּערט דער אמתער אידעאַל פון אידישער טראַדיציאָנעלער גאַסטפריינדלאַכקייט, דער ריינסטער וועג פון אונזער פאָלקס־טימלאַכן הכנסת־אורחים געפיל.

ב.

ווי ווערט געטאָן די אַרבעט פון „האַיאַס“

אינטערעסאַנט און זייער דערפרייענדיק איז דאָ אָנצואווייזן אויף דעם אופן, ווי אַזוי די „האַיאַס“ פירט איר טעטיקייט, וועלכע איז איצט פאַר־צווייגט איבער דער גאָרער וועלט. איר אַרבעט איז דאָך פאַרלויפיג אַ מצוה־דיגע. מ׳טוט הייסט עס מצוות מיט אידן. אַ איד קומט צו פאָרן אין אַ האַפן־פונקט עלענד און פרעמד, קומט מען צום באַן און מען באַגעגנט אים, מען פירט אים אַוועק אויף אַ סטאַנציע וואו ער האָט צו עסן און צו שלאָפן, נאַכער פירט מען אים צום קאָנסעל און מען העלפט אים אַרום אין זיינע שיף־עסקים, — וואָס הייסט עס, ניט קיין מצוה? צי אַז דער אימיגראַנט קומט שוין אין אַמעריקאַנער האַפן און דער פאָרשטייער פון „האַיאַס“ קומט אַרויף צו אים אויף דער שיף און גיט אים אָפּ דעם האַרציקן שלום עליכם און דער אימיגראַנט זעט אז ער איז דאָ ניט קיין עלענדער, סיי באַ אַ שווערע פראַגע פון אימיגראַציע באַאמטען און סיי נאַכער ווען דער האַיאַס־פאָרשטייער פירט אַוועק דעם אימיגראַנט אין דער שיינער האַיאַס־בילדונג, וואו דער אימיגראַנט פילט זיך ווי צווישן זיינע אייגענע, מיט עסן, מיט טרינקען, מיט שלאָפן און מיט באַלדיקע טעלעפאָנישע אָדער טעלעגראַפישע פאַרבינדונג מיט זיינע קרובים, — וואָס הייסט דען אַזאַ סאָרט אַרבעט אויב ניט קיין מצוה? קוקט איר זיך אָבער צו צום אופן, ווי די דאָזיקע אַרבעט ווערט דורכן „האַיאַס“, דורך זיינע פאָרשטייער געטאָן דאַן זעט איר, אַז ניט מיט קיין מצוות האַנדעלט מען דאָ. דער טויער פון „האַיאַס“ סיי אין צענטער (425 לאַפאַיעט סטריט) און סיי אין די פאַרשידענע אָבטיילונגען איבער דער

גאַרער וועלט מאַכט אויף אַ טראָפּן ניט צו פילן, קיינעם ניט, אַז ער טוט דאָ מיט וועמען ס'ניט איז אַ מצוה.

אין דער גאַנצער טעטיקייט פילט זיך דאָ אַ פאַמיליען־חוב און ניט מער. אַזוי ווי אין באַציהונג פון עלטערן צו קינדער קען ניט זיין דער באַגריף, "מצוה", אַזוי איז עס אין דער טעטיקייט פון „האַיאַס". מיר איז אויסגעקומען אין מיין געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט צו באַזוכן אַ סך, אַ סך וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן פונם גרעסטן פאַרנעם פון פאַרשידענע צענטראַלע שטעט אין אַלע טיילן וועלט, סיי אידישע און סיי ניט אידישע, איך האָב נאָך אין ערגיץ ניט געטראָפן אַזאַ ניט־דיסציפּלין אין דער באַציהונג פון די „געהאָלפענע" צו זייערע העלפער, ווי איך האָב עס געזען אין „האַיאַס".

— סטייטש! וואָס הייסט? — וועט אַן אַנדערער פרעגן — ווי איז עס ניטאָ קיין דיסציפּלין אין אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע? טאָ וואָס פאַר אַן אָרדנונג קען דאָרט זיין?!

יע. אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער גרעסטער אויפטו אין דער טראַדיציאָנעלער אידישער הכנסת אורחים, ווי די „האַיאַס" איז. אָרדנונג איז שוין גראַדע דאָ פאַראַן אויפן שענסטן אופן. איר וועט אַריינגיין אין די פאַרשידענע אַבטיילונגען פון „האַיאַס", זעט איר פאַר זיך אַ גאַנצע מלוכה. דער אָפּיס איז אויפן מאָדערנסטן אופן; די קיכן, די גרויסע פליישיגע און מלכיגע קיכן, וואו רעביצן ראָטה און מרת מעי בלום פירן די באַלעבאַטישקייט, שימערירן פון ציכטיקייט און אָרדנונג, ווי מ'וואָלט דאָ צוגעגרייט עסן פאַר פרינצן; מ'דאַרף גיין אויף בילעטן אָנקוקן ווי די רעביצן גייט אַרום „איבער די טעפּ", פאַרזוכן דאָס געקעכץ, אַז ס'זאָל זיין וואָס געשמאַקער. מיט וואָס פאַר אַ כונה זי טוט עס. די עס־צימערן זיינען געריי־ניקטע און געוואַשענע, ניט ווי אַ אָרט וואו הונדערטע מענטשן עסן דאָרט פון אינדערפרי ביז אויף דער נאַכט, נאָר ווי אַ קליינער פאַמיליען־עס־צימער, וואו אַ פאָר־פאָלק עסט דאָרטן זייער מאָלצייט; גייט איר אַריין אין די ליכטיגע און לופטיגע שלאָף צימערן, וואו די ווייסע אויסגעפוצטע בעטלאַך מיט זייער ציכטיקע ריינע בעט־צייג שעמערירט אין אויג, ווערט איר פאַרוואונדערט פון דער אויסערגעוויינלאַכער אָרדנונג וואָס איר טרעפט דאָ. אָרדנונג יע, די פּינקטלאַכע און די שענסטע; אָבער דיסציפּלין — דאָס ניט. ווייל אַזאַ אַנשטאַלט ווי אמתע אידישע הכנסת אורחים דאַרף זיין און ווי די „האַיאַס" איז עס פאַקטיש, דאָ טאָרן די באַזוכער ניט זיין אונטער אַ דיסציפּלין. דאָ דאַרפן זיי זיך פילן ווי אין זייער אייגענער היים, צווישן זייער אייגענער פאַמיליע. דאָ דאַרפן זיי אָפּהיטן און זיי היטן טאַקע אָפּ פול־

שטענדיק די אָרדנונג וואָס הערשט דאָ אין יעדער ווינקאַלע, אָבער דיס־ציפּלין — דאָס איז ניט קיין עסק פאַר אַזאַ אַנשטאַלט.

איר קומט אַריין אין די מאָלצייט־שטונדע (8 אינדערפרי, צי 12 בייטאָג אָדער 6 פאַרנאַכט) איר טרעפט דאָרט מחנות־ווייז אָרימע־לייט, פּשוט'ע הונגעריקע אָרימע־לייט. זיי זיינען טאַקע ניט קיין אימיגראַנטן, אָבער הונ־געריקע אידן זיינען זיי דאָך, אידן וואָס האָבן ביידע גוטע זאַכן: „אַ מאָגן אַ געזונטן און אַן אַפּעטיט אַ שטאַרקן", נאָר אין קליינִיקייט פעלט זיי — זיי האָבן ניט קיין געלט, אַריינצוגיין אין רעסטאָראַן און זיך קויפן אַ מאָלצייט. נו, טאָ וואו'זשע זאָלן אַזעלכע אידן גיין שטילן זייער הונגער אויב ניט אין זייער פאָלקס־אַנשטאַלט „האיאס"? זיי זיינען דאָך אברהם אבינו'ס אייניק־לאַך, איז אַז זיי זיינען הונגעריק גייען זיי אין זייער זיידנס, אברהם אבינו'ס הכנסת אורחים (אויף 425 לאַפאַיעט סטריט), וואו עס וואַרט אויף זיי אַ מאָלצייט מיט דער ברייטער האַנט. אָרימע לייט זיינען אָט די דאָזיקע אידן, אָבער קיין נאַראָנים זיינען זיי שוין גראָדע ניט, זיי ווייסן וואוהין גיין אָפּ־עסן אַ גוטן מאָלצייט און נאָך אַ זיס גלעזל טיי דערצו.

אַנטקעגן וואָס'זשע זאָג איך עס? איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס גראָדע אָט צווישן די דאָזיקע אברהם אבינוס אייניקלאַך געפינען זיך אַזעלכע, וואָס צוליב זייער טרויעריגער לאַגע און באַדינגונגען ווי זיי זיינען דערצויגן געוואָרן, ווייסן זיי ניט ווי זיך צו האַלטן צווישן מענטשן. טרעפט אַ מאָל אַז אייניגע וואָס קומען עסן פירן זיך ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין, זיי שטופּן זיך, צום ביישפּיל, בשעתן אַריינגיין אין עס־צימער כדי צו פאַר־כאַפּן דעם וועג פאַר אַן עלטערן און שוואַכערן, צי בשעת'ן עסן היטן זיי ניט אָפּ דעם נויטיגן דרך־ארץ. דערזעט עס דער אויפזעער פון הכנסת אורחים, בייזערט ער זיך אוים אויף זיי, אָבער אין זיין בייזער פילט זיך ניט קיין ברעקעלע טאָן פון אַזעלכן וואָס וויל באַטאָנען אַז „אויב דו אָרימאַן קומסט אהערצו עסן, באַדאַרפסטו זיך האַלטן אנדערש". עס איז ניט אַ דערמאָנונג פון דיסציפּלין אפילו; עס איז נאָר אַן אויסרייד, וואָס יעדער פאָטער דאַרף מאַכן צו זיין קינד, ווען ער פירט זיך ניט אויף ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

ג.

אין אינפאָרמאַציאָנס אָפּטיילונג פון „האיאס"

אַזוי איז אויך אין די געשעפטלאָכע אָנגעלעגנהייטן. קומט אַריין, צום ביישפּיל, אין אינפאָרמאַציאָנס ביורא פון „האיאס". הונדערטער און הונ־דערטע פערזאָנען סיי פון ניויאָרק און סיי פון דער פּראָווינץ קומען אהינצו

פרעגן עצות פארשידענע, פארשידענע, מכח אימיגראציע. פארשטייט זיך אז אידן קומען אהין מיט גאנצע פעק צרות און זיי וואלטן וועלן אז דער „האיאס" זאל אויסשיטן די אלע פעק מיט צרות צו זיך אין קעלער אריין און זאל זיי דערפאר געבן איין קליינינקן שטיקעלע פאפיר — א וויזע, אז זייערע אייגענע זאלן קענען אריינפארן קיין אמעריקע אויסער דער קוואטע. אמת, צווישן אט די דאזיקע באזוכער זיינען פאראן אויך אידן מיט איינ־זעניש. זיי פארשטייען אז אזא זאך, פאדערן פון שלוגער'ן, צי פון מאליצ'ן, וואס גיבן דא ארוים די „האיאס־אינפארמאציע, איז צו־פיל. ווייל די רעגירונג אין וואשינגטאן האט אויך א דעה. נאר, וואס'זשע דען, א קלייניקייט וואלטן זיי יע געוואלט בעטן באם „האיאס", אז זייערע אייגענע וואס ווארטן דארטן אין ריגא צי אין ווארשע, אין קאוונע, צי אין בוקארעשט, זאלן באם קאנסול דארטן פארשריבן ווערן אין די ערשטע פון ריי. „האיאס" דארף דא טאן ניט „הימל עפן זיך": „האיאס" האט דאך אירע אפטיילונגען און מענטשן אין די אלע לענדער, טא זאל זי אוועקשרייבן א בריף צו אירע מענטשן און זיי זאלן עס פועל'ן באם קאנסול דארטן.

דא אין דער אינפארמאציאנס־ביורא, ווי דארטן אין עס־צימער, קומען אויך גאנצע מחנות, אן עין־הרע. ניט מער, אהערצו פאר אינפארמאציע קומען אידן בעלי בתים און טאקע פרעזידענטן אויך. אנדערע קומען מיט מאשינען און אנדערע מיט די אונטער־ערד באנען און הויכבאנען, אלע וועגן פירן אויף 425 לאפאיט סטריט. און נאך א זאך, אהערצו קומען ניט קיין „נעמער" אהערצו קומען מענטשן מיט פאדערונגען: „מיר זיינען מיט־גלידער", זאגן זיי, צו „האיאס", „איר מוזט אונז וויזן, טענה'ן זיי, וואס איר קענט עפעס אויפטאן". און זיי ווילן ניט, אט די שטאט בעלי בתים, איר זאלט זיי גלויבן. זיי נעמען טאקע בשעת מעשה ארוים א פאפירל און זיי באווייזן אייך שווארץ אויף ווייס, אז פאר צוויי יארן און אפשר פאר פינף יארן האבן זיי געגעבן פאר „האיאס" א דרייערל. אנדערע פונם זעלבען סארט תקיפים ווילן, אז טאקע דא א אין אינפארמאציאנס־ביורא זאל מען זיי אויסהערן פריער פאר אן אנדערן, כאטש זיי זיינען נאר־וואס אריינגעקומען. א ניט — שרייט ער. און ניט נאר שרייען. שרייען איז פאר אים ווייניק. ער סטראשעט, דער תקיף: „איך וועל אייך וויזן, הויבט ער א האנט, וואס איך'ל טאן. איך קום צו מיר אין שטאט אריין וועל איך אזוי מאכן, אז קיין פעני וועט בא אונז קיינער ניט געבן פאר „האיאס", נא מאר!"

אט דא בא אזא גערודער וואלט יע אמאל כדאי געווען אויסצולערנען אביסל דיסציפלין אזא צעבונטעוויטן תקיף, ער זאל א צווייטן מאל וויסן, מיט וואס'ר דרך ארץ ער דארף אריינקומען אין א אידישן אנשטאלט צווישן

אידן, וואו מענטשן זיינען זיך ממש מוסר נפש צו טאָן דאָס בעסטע וואָס ס'נאָר מעגלאַך און אויב עס לאָזט זיך ניט טאָן, איז אין דעם קיינער ניט שולדיק, נאָר אויסערלאַכע אומשטענדן.

אָפט מאָל קומען אהערצו אַזעלכע מענטשן נאָך „עצות“, און זיי האָבן גאָר קיין אַנונג ניט וואָס פאַר שוועריקייטן עס איז פאַראַן אויפן געביט, וואו „האיאָס“ איז טעטיק. מענטשן וואָס קוקן קיינמאָל ניט אַן קיין אידישע ציישונג, קיינע געזעלשאַפטלאַכע פּראָבלעמען אינטערעסירן זיי ניט און זיי קומען אין „האיאָס“ מיט אַזעלכע אויפפירונגען און מיט אַזאַ האַלטונג, אַז עס איז ממש אַ חרפה. דאָך ענטפערט מען זיי רואיק אין אַ געלאַסענעם טאָן, ווי עס פאַסט פאַר דער אָרדנונג פון אַזאַ חשוב'ן אַנשטאַלט.

ד.

אין אַרבעט־ביוראָ פון „האיאָס“

אינטערעסאַנט איז צו באַזוכן די אַרבעטס־ביוראָ פון „האיאָס“, דאָרט וואו אַרבעטסלאָזע קומען און פאַרלאַנגען מע זאָל זיי ערגעץ איינאָרדענען אין אַ פאַבריק אָדער אַנדערשוואו, זיי זאָלן קענען האָבן אַ זעלבסטשטענדיקע חיונה. זיצן זיך די באַזוכער רוהיק אויף די בענק אַרום צימער און וואַרטן אויף זייער ריי ביז מען וועט זיי אויפנעמען אין צווייטן צימער און זען וואָס מען קען טאָן פאַר זיי. און איר זאָלט זען ווי שלוגער אָדער האַרוויץ פרייען זיך ווען עס גיט זיך זיי איין צו פאַרזאָרגן די אַרבעטסלאָזע מיט אַרבעט.

דאָ איז דער שטילסטער ווינקל אין דער גאַנצער גראַנדיעזער געביידע מיט אירע פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. דאָ זיינען מענשן אָן פּרעטענזיעס. דאָ זיינען נאָר אָרנטלאַכע האַרעפּאַשניקעס, וואָס זוכן אַרבעט צו פאַר־דינען חיונה. פילן זיי, אַז אויב זיי האָבן ערגעץ אַנדערש קיין אַרבעט ניט געקראָגן ביז איצט, זיינען אין דעם שולדיק געוויסע אַלגעמיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן, און „האיאָס“ וועט געוויס פאַר זיי טאָן דאָס בעסטע צו פאַרזאָרגן זיי מיט לעבנסמיטל דורך אָרנטלאַכע אַרבעט.

איר קומט אַריין אין אָט דעם שטילן אַרבעט־זוכנדיקן ווינקל, פילט איר אין זיך אַ געפיל פון דרך־ארץ צו אָט די אָרנטלאַכע ברויט־זוכנדיקע מענטשן, און עס טראַכט זיך אַ וואונש: הלואי וואָלטן אידן אַר־בעטס־געבער וואָס מער זיך געווענדעט צו דער אַרבעטס־ביוראָ פון „האַ־יאָס“, וואָלט דאָך „האיאָס“ געהאַט די מעגלאַכקייט צו באַזאָרגן וואָס מער

אידישע אַהנטלאַכע אַרבעטסלאָזע מיט אַ כשר פאַרהאַרעוועטן שטיקל ברויט.

ה.

אין פאַרוואַלטונג און מיטגלידערשאַפט אָפּטיילונג

קומט איר אַריין אין דער העכסטער אָפּטיילונג פון „האיאס", דער הויפּט נערוו פון וואַנען עס שפּרייטן זיך אויס די פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרט־לאַכסטע און פאַרצווייגטסטע האיאס טעטיקייטן איבער דער גאַרער וועלט. איר באַזוכט דעם אויבערשטן טייל פון אַפּיס, דאָרט וואו די פאַרוואַלטונג געפינט זיך. עס ווערט דאָ דורכגעפירט אַלע פּלענער פון איינגאַמע און אויסגאַבע פאַרן „האיאס" ביודזשעט. אַט דאָ, פילט איר, איז דער פּולס פון אַט דעם גראַנדיעזן אָרגאַניזם וואָס דאָס אידישע פאָלק, דורך זיינע צרות, ענערגיע און אונטערנעמונגס־קראַפט, האָט געשאַפן און האָט עס אַ נאָמען געגעבן „הכנסת אורחים ופדיון שבוים" — „האיאס".

רעכטס זיינען די טירן אין די צימערן וואו דער הויפּט־פאַרוואַלטער, אייזיק אַסאָפּסקי, אַרבעט. באַ אַ דאָפּלטן טיש פול און פול פאַרוואַלגערט מיט דאָקומענטן, צושריפטן, טעלעגראַמעס און אַנדערע נויטיקע פּאַפּירן, זיצט אַט דער אַנגעשטרענגטער־שווייגנדיקער יונגערמאַן און האַלט אין איין אַרבעטן. מען דאַרף ענטפערן אויף די בריף וואָס קומען אָן פון די „האיאס"־אָפּטיילונגען איבער דער גאַנצער וועלט. זיי פאָדערן געלט צו קענען אָנפירן מיט דער פאַראַנטוואָרטלאַכער אַרבעט. אַנדערע פאַרלאַנגען פאַרגרעסערטע סכומים צוליב אומדערוואַרטעטע פאַרגרעסערטע טעטיקייטן. אַנדערע פרעגן אויף אַנווייזונגען. עס טרעפט אויך, אַז אינמיטן דער אַרבעט קומט אָן אַ וויכטיקע דעלעגאַציע פון אַ פרעמדע שטאָט אָדער לאַנד, מען דאַרף זיי אויפנעמען. אינמיטנדרינען קומט אָן אַן אַנקלאַגע, אַ קריוודע וועגן אַ געוויסן געביט, מוז מען עס אויסגלייכן און צורעכט מאַכן. דאָ דאַרף מען ענטפערן אויפן טעלעפאָן, דאָ דאַרף מען דיקטירן דער סטענאָ־גראַפיסטין, מיס געלב, וואָס צו שרייבן, דאָ דאַרף מען אויסהערן פּריילין פּאַליי, וועלכע זיצט דאָ אַ גאַנצן טאָג אַריינגעטיפט אין אירע פּעק מיט אַרבעט. עס זיינען אָנגעקומען אַ פּאַרטיע אימיגראַנטן, מוז מען זיי פאַר־זאָרגן, און דאָ דרייט דער געדאַנק וואו נעמט מען היינט צו מאַכן די נוי־טיקסטע געלט־צאָלונגען; דאַרף מען זיך ווענדן צום „מעמבערשיפּ דע־פּאַרטמענט" געוואויר ווערן וואָס הערט זיך מיט דער קאַסע, צי עס זיינען אַריינגעקומען פרישע געלטער?

דער פאַרוואַלטער פונם „מעמבערשיפּ דעפּאַרטמענט“, דער באַוואוסטער אידישער שריפטשטעלער דוד אײנגאַטאָוו, איז עס פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער גאַנצער פינאַנציעלער אײננאַמע פון אַט דעם גראַנדיעזן וועלט אַנ־שטאַלט. זײַן אַרבעט איז אַרויסצוקריגן וואָס מערער געלט פון די אידישע ישובים און שטעט איבערן לאַנד, דאַרף מען שיקן בריף, דאַרף מען האַלטן אַן אויג ווי גייט די אַרבעט פון די קאָלעקטאָרס אין די פאַרשיידענע טעַ־ריטאָריעס, אין דעם געגנט דאַרף מען שיקן פרישע קרעפטן, אין יענעם געגנט דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלן דרייוו, דערווייל דאַרף מען אַרויס־שיקן טויזנטער בריף צו די שול־פּרעזידענטן פאַר אַ יום־טוב־דיקן אַפּיל; קומען אָן באַריכטן פון די קאָלעקטאָרס, דאַרף מען זיי איבערקוקן און זען ווי די אַרבעט גייט דאָרטן ביי זיי — איז אין קאַנווערט פאַראַנען מזומנים ווערט לעבדיק אין האַרצן, זײַנען אָבער פאַראַנען אויך „צוזאַגענישן“, דאַרף מען איבער אַ נײַעם שרײַבן צו די צוזאַגערס, אַז זיי זאָלן האַלטן וואָרט און וואָס פריער אַריינשיקן זייער ביישטייערונג. מען מוז האָבן געלט, מען מוז פירן אַזאַ גראַנדיעזע אַרבעט, דער קאָפּ ממש הויבט זיך אין דער לופטן, צופיל פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן, צופיל האָט דער קאָפּ צו טראַכטן.

זעט איר אים זיצן אויף זײַן בימה, אין גרויסן זאַל, אָדער „אַרומ־שוועבן“ צווישן די טישן מיט אַ צעשויבערטן שוואַרצן קאָפּ האָר איז זײַן געדאַנק שטענדיק באַשעפטיקט. נעמט ער אויף די ליטעראַטן, קינסטלער און שרײַבער, אַט טאַקע אויף דער בימה, איז דער געדאַנק אַלץ פאַרנומען מיט „האַיאַס“. אין מיטן אַ ליטעראַרישן געשפּרעך דערליידיקט ער אַ וויכ־טיקע אַפּיס־אַרבעט דורך דער שטענדיק אַרבעטזאַמע סיידי בראַון, ער דער־האַלט און ענטפערט דערביי פאַרשיידענע טעלעגראַמעס און טעלעפאָנס, טוט ער אַ פרעג ביי מיס פרענקל וועגן קאָנגרעגיישאָן־אַרבעט, גיט אַ פאַראָרד־נונג צו מיס מעלענדזשער און מיס פריילאַך אַרויסצושיקן באַלד בילס אין די און די שטעט, מיס לעווינסאָן דאַרף אים באַלד צושטעלן אַ באַריכט פון אַ געוויסן קאָלעקטאָר, און מיס קליין וועגן אַ געוויסער שטאָט, מיס גאָלד־וואַסער איז דאָרטן פאַרטיפט אין איר בוכהאַלטעריע, צושטעלן אויסקינפטע וועגן אַ רעכענונג פון אַ פאַרשטייער, לויפט דערווייל אונטער אַן עקסטרא אַרבעט וואָס ער דאַרף פאַרזאָרגן דורכן „מעילינג דעפּאַרטמענט“, וואו פּי־ליפּ וויינריטש האַלט דאָרט אין איין קלאַפּן אויף די אַדרעס־מאַשינען. דערווייל דאַרף מען אויסיגעפינען ביי מיס טייטשמאַן וועגן אַ קאָפּיע פון אַ בריף און מען דאַרף אַן ענטפער דיקטירן דורך מיס פּעפּער.

אַ מינוט, אַ סעקונדע ווערט דאָ גענומען אין חשבון. ניטאָ קיין צייט. וועלטן מיט אַרבעט וואַרטן דאָ אויף אַ תיקון. ניט איינמאָל וואונדער איך

זיך, וואו נעמט זיך צו אים אַט די גרויסע קינסטלערישע רו מיט וועלכע עס אַטעמען זיינע מאָנומענטאַלע ליטעראַרישע ווערק.

דאָ לויפן אַריין און אַרויס די טעלעגראַף־אינגלאַך וואָס ברענגען אַהער־צו טעלעגראַמעס פון אַלע עקן לאַנד אין אַמעריקע און פון אַנדערע לענדער. איר זעט דאָ אַ פאַרשיידנאַרטיקן פּערזאָנאַל ביי די שרייב־מאַשינקעס און ביי דער קאַסע, ביי דער רעגיסטראַציע און געלט־רעכענונג.

ביי אַ באַזונדער טיש זיצט דער שטענדיק שווייגנדיקער און אַנגע־שטריינגטער בוכהאַלטער דזשיי האַלוואַ, אַ ספרדישער יונגערמאַן, און ביי אַ צווייטן טיש, אַרומגערינגלט שטענדיק מיט אידן און מיט פרויען, זקנים, מיטעל און יונגע, זיצט דער זוכנדיקער און גיך־רעדנדיקער עצה־געבער, אַקון. מענשן קומען מיט וויכטיקע פראַגעס, דאַרף דער געדאַנק האַלטן אין איין זוכן און דאָס מויל אין איין רעדן. פאַרענדיקט ער די אַרבעט דאָ, נעמט ער זיך דיקטירן בריף דורך די סטענאָגראַפערינס, די טענענבוים׳ס און מיס פלאָרענס, טאַקע היינט דאַרף מען אָוועקשיקן ענטפערס איבער דער גאַרער וועלט צו די וואָס פרעגן זייערע שריפטלאַכע עצות.

דאָ זיצט דער מיטליעריקער, גרויער און רירעוודיקער נאָטאַרי פּאָבליק קראַסקין, וואָס באַשטעטיקט די חתימות פון די פּערזאָנען, וועלכע שיקן דורך „האַיאַס" זייערע פאַרשיידענע עמיגראַציע־פּאַפּירן אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן. האָבן עס מר. שוסטער אָדער מיס לילנבלום די פּאַפּירן אָנגע־שריבן און די באַזוכער האָבן זיי אַהערצו אַרויפגעבראַכט.

אין סאַמע פראָנט זיצט ביי אַ באַזונדער טיש דער אַלטיטשקער פּאַט־ריאַרך ר׳ דובאָווסקי, מיט זיין לאַנג־לאַנגער און ברייט־ברייטער באָרד. איר ווייסט ניט וואָס אַט די שיינע באָרד טראַכט זיך — גרוי ווערן אָדער שוואַרץ ווערן. שטענדיק, אין אַ רעקל און אין זיידענער יאַרמולקע, האַלט ער אין איין אַריינלייגן בריף אין קאָנווערטן, פאַרקלעפּט זיי און קלעפּט אויף זיי אַרויף פּאָסט־מאַרקעס. הונדערטער און טויזענטער בריף גייען דורך דורך זיינע הענט. אַט דאָ באַקומען זיי עס זייער תיקון, אַז אַנקעגל סעם זאָל זיי וועלן אָוועקפירן, וועלן אָנקומען פריילאַכע ענטפערס, וועט די קאַסירן מיס האָוזדאָרף, אַ אידישע טאָכטער פון דייטשלאַנד, קענען טאָן איר אַרבעט אָן אָפּהאַלט

איר לאָזט זיך אַרויסגיין, באַגעגנט איר אונטן אין גרויסן קאָרידאָר אַ אידן וואָס דראַפּעט זיך אויף לייטערס, שטענדיק מייסטערוועט ער, אַט דער איד, אַקסער. ער איז דער „אינזשענער" פון דאַנען. ער איז פאַראַנט־

וואָרטלאַך פאַרן וואוילזיין פון דער גאַנצער געביידע, עס זאָל חלילה אַ שפּענדעלע, אַ צוועקעלע ניט פעלן. ס'איז אַ פאָלקס פאַרמעגן, דאַרף מען עס אָפּהיטן.

און דאָ לויפט דורך דער משגיח פון הכנסת אורחים, רבי ראָטה, אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. וואָס טוט מען? עס זיינען אָנגעקומען נאָר־וואָס מיט דער שיף נייע אימיגראַנטן און ער וועט זיי מוזן איינאָרדענען אין דער אַלגעמיינער זאַל. ווייל די אַלע איינצלנע צימערן זיינען פאַרנומען מיט די ווייבלאַך און זייערע קינדער, וועלכע וואַרטן אויף זייערע פאַר־פאַלענע שפּייזער. זיי האָבן זיך דאָ אַרומגעוואַשן אַט די נאָר־וואָס אָנגעקומענע אימיגראַנטן, זיי זיצן שוין דאָ אויבן אין ליכטיקן גרויסן עס־צימער און בייסן־איבער, — אָבער נאָכן עסן וועלן זיי געוויס וועלן אָפּ־רוען, איז עס איצטער רבי ראָטה אַזוי צעטראָגן אין זיינע רעיונות און זוכט אַ פּלאַן ווי בעסער זיי איינצואָרדענען.

דאָ גייען מענשן אין „היאַס"־באַנק אַוועקשיקן געלט צו זייערע איי־גענע אין דער אַלטער היים. ה' רובענטשיק דערציילט מיר, מיט וואָסער אַן איבערגעבנהייט אידן שיקן דאָ אין די טויזנטער דאָלאַר שטיצע צו זייע־רע קרובים. קופּער פירט עס דאָ די באַנק־געשעפטן ביי דער מיטאַרבעטער־שאַפט פון מיס סטאַלאָף, מיס סילווערסטיין און מיס טענענבוים. אַלע געלט־אָפּעראַציעס זיינען דאָ פאַררעגיסטרירט יעדער ענין באַזונדער. די פּינקטלאַכקייט מוז דאָ זיין אין גרעסטן גראַד. ס'איז אַ באַנק. איר זאָלט אָבער זען ווי היימיש די אידן פילן זיך דאָ, בשעת זיי קומען אין זייער באַנק, אין זייער „היאַס"־באַנק. דאָ פילט זיך ניט די טרוקענע אַרויפגע־צויגענע אָפיציעלע שטילקייט ווי אין אַן אַנדער באַנק. דאָ פילט איר אַ שטילקייט פון אַ רוהיגער אייגענער פאַמיליע.

אַרויסגייענדיק פון באַנק באַגעגן איך מיס שאַכט און קאָרנבליט. זייער אויפגאַבע איז צו באַגעגענען די שיפן מיט די אָנגעקומענע אידישע אימי־גראַנטן. האָבן זיי עס דאָ געבראַכט אַ נייע פאַרטיע געסט. און עס טוט זיך און עס ראַשט זיך — אימיגראַנטן זיינען געקומען, פרישע געסט. לויפט די רביצן מיט אַ ווייס פלעשל אין האַנט. צווישן דער אָנגעקומענער פאַרטיע אימיגראַנטן איז פאַראַן אַ קליין אימיגראַנטקעלע פון אַ האַלב יאָר אַלט, דאַרף מען עס באַזאָרגן מיט אַ „באַטל".

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, אַ קיילאַכדיק יאָר כסדר, האַלט עס דאָ אין איין באַוועגן זיך. די גרויסע טירן זיינען דאָ שטענדיק און שטענדיק אָפן, אפילו ביינאַכט, ווען דער גוטער און רוהיק רעהנדיקער מר. לעוויט איז אויף דער וואַך צו פאַרזאָרגן אַלעמען אין דער בעסטער

אָרדענונג. דאָ קומט אַ פּאָליסמאַן און ברענגט צו פירן אַן עלטערע פרוי. זי ווייס ניט וואו צו גיין און האָט ניט קיין אַדרעס. נעמט מען זי אַריין ביז עמיצער פון דער פאַמיליע וועט פרעגן אויף איר. פון באַנהויף קלינגט די „טרעוולינג עיד סאָסייעטי", אַז דריי אידן זיינען אָנגעקומען און ווייסן ניט וואוהין צו גיין. זיי האָבן דאָ קיינע באַקאַנטע און אין אַ האָטעל קענען זיי ניט פאַרפאָרן — ס'איז דאָרט קיין מזוזות ניטאָ.

איך גיי פאַרביי דעם צימער, וואו דער גוטער אַרבעטער־טוער, מר. הירש בלאַק, טוט אַזוי געטריי זיין „האַיאַס"־אַרבעט צווישן די אידישע ראַדיקאַלע און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, און עס טוט מיר אַ צי צו דעם ליבן יונגן דיכטער חיים קרול, וואָס זיצט דאָ ביים אַריינקום אין פאָדער־צימער, אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרקלערטער.

צו אים ווענדן זיך עם די אַלע באַזוכער נאָך אַ צעטל, כדי צו וויסן וואוהין אָנצוקומען מיט זייערע ענינים. ליגן אויף זיין טיש אויסגעלייגט פאַרשיידענע נומערירטע פּעקעלאַך. ראָזעווע פּאַפּירלאַך גיט ער צו די וואָס דאַרפן אויסמאַכן אַפּידייוויטס, סערטיפיקאַטן א. ד. ג. בלויע פּאַפּירלאַך גיט ער צו קריגן עצות, ווייסע פּאַפּירלאַך גיט ער פאַר געלט שיקן, קלע־נערע צעטעלאַך — פאַר בירגער פּאַפּירן אַרויסצובאַקומען. יעדערן קוקט ער אַריין מיט זיינע שטילע גוטע אויגן, זאָרגפול קוקט ער זיי נאָך ביז זיי גייען פּונקט צו די טישן ווי ער האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן חלילה ניט פאַרבלאָנדזשען פון דרך הישר.

און ווען איך בין שוין אויפן טראָטואַר אין פראָנט פון דער אימפּאָ־זאַנטער „האַיאַס"־היים, הויב איך ערשט אויף מיינע אויגן צו אָט דעם גרויסן געזעלשאַפטלאַכן בינשטאָק, וואו מענשען זיינען אַזוי ערנסט פאַר־טיפט און איבערגעגעבן אין זייער הייליקער פאָלקס־אַרבעט.

קאָמיטע-לייט

(פערטע אַבטיילונג)

קאָמיטע לייט

א פריִיענדיקע דערשיינונג אויפֿן געביט פֿון צדקה־טעטיקייט איז די קאָמיטע, וועלכע העלפֿט ארום דעם פֿאָרשטייער פֿון אנשטאַלט, ווען ער קומט אין א אידישן ישוב איינצוזאַמלען באַ די אידישע איינוואוינער זייערע ביישטייערונגען. אין די מערסטע אידישע ישובים זיינען אַזעלכע קאָמיטעס פֿאַראַן. על פּי רוב זיינען זיי, מענער אָדער פֿרויען, פֿאַרנומען מיט זייערע טאָג־טעגלאַכע באַשעפֿטיגונגען. קומט א פֿאָרשטייער פֿון א נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אנשטאַלט, באַפֿרייען זיי זיך פֿון זייערע אייגענע ענינים און גייען ארום מיטן פֿאָרשטייער צו באַזוכן די אָרטיקע אידישע איינוואוינער לטובת דעם אנשטאַלט, וועמען זיי סימפּאַטיזירן. די ארבעט איז ניט קיין גרינגע און מאַנכע מאָל אויך ניט קיין אַנגענעמע. די חשוב'ע קאָמיטע שטויסט זיך אַמאָל אָן אין אַזעלכע „נותנים", וועלכע זיינען באַ מיר פֿאַרצייכנט אונטערן נאָמען „ניט־געבנדיקע געבער". ס'הייסט אנשטאָט צדקה, גיבן זיי בזיונות. די קאָמיטע באַגרייפֿט אָבער די וויכטיקייט פֿון דער ארבעט און רעכנט זיך ניט מיט קיינע שוועריקייטן.

פֿריער מיט יאָרן זיינען אַזעלכע קאָמיטעס געווען אין א גרעסערער צאָל און כמעט אין אַלע אידישע ישובים. איצט זיינען די שוואַכערע פֿון די קאָמיטע־לייט „ארויסגעפֿאַלן", זיי פֿילן זיך ניט גענוג שטאַרק אין מוט צו באַגעגענען זיך מיט די אויבנדערמאָנטע „ניט־געבנדיקע געבער". געבליבן אויף זייער הייליקן פּאָסטן זיינען די שטאַרקערע אין מוט, נאָר א קלענער אין צאָל און אויך ניט אין יעדער שטאָט. אָבער דאָרטן וואו אַזעלכע קאָמיטע־לייט זיינען נאָך דאָ, זיינען זיי עס דער הויפּט שטיץ־ און שוץ־פּונקט פֿאַר אונזערע נאַציאָנאַלע אנשטאַלטן.

זייענדיק אויף מיין טור, האָב איך געהאַט דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן צו באַקאַנען זיך נאָענט מיט דער באַוואוסטזיניקער ארבעט פֿון אַזעלכע קאָמיטע לייט אויף די ערטער. איך האָב גאָרניט גענוג ווערטער אויסצודריקן מיין באַגייסטערונג פֿאַר אַזעלכע האַרציקע טוער. אויסער דעם וואָס זיי אַליין לאָזן זיך קאָסטן געלט און צייט, גאַנץ אָפֿט איבער זייערע מעגלאַכקייטן, זיינען זיי דאָך די דערמוטיקערס און באַגייסטערערס פֿאַר די אָנגעקומענע אנשטאַלט־פֿאָרטרעטער אין זייער פֿאַרמאַטערנדיקער ארבעט.

אלע מיינע באקאנטשאפטן מיט אזעלכע קאמיטע־לייט האב איך אומיש־נע פארצייכנט באזונדער, זיי זאלן דינען אלס א ביישפיל וואס הייסט באַוואוסטזיין, געפיל און געזעלשאפטלאכע פאראנטווארטלאכקייט.

איך טו עס ניט נאר כדי די אנשטאלטן, זייערע פארשטייער און ביי־שטייער זאלן וויסן די באדייטונג פון אט די געטרייע אומבאצאלטע קאמיטע־לייט. איך טו עס אויך דערפאר, ווייל איך וויל, אז זיי אליין, די קאמיטעס אויף די ערטער, זייערע פרויען, מענער און קינדער, זאלן וויסן די נוצלאכ־קייט און די גרויסע וויכטיקייט פון זייער ארבעט. איך וויל, אז די קאמיטע־לייט זאלן זיך פילן און שעצן דערהויבן אין זייער ארבעט לטובת דעם אנ־שטאלט, פאר וועמען זיי גיבן אפ זייער טייערע צייט.

מר. הערי סאנדלער, עלמיירא, נ. י.

ער און זיין פרוי זיינען פארנומען אין זייער „דריי גודס ביזנעס", ארבעטן אליין אן אנדערע העלפער. דערצו נאך איז זייער גראטענע מיני ערשט פון שפיטאל ארויס, קען מען זי ניט לאזן אליין, און דא קום איך מיט מיין ארבעט. מיינט איר דאך, אז דער גוטער מר. סאנדלער האט ניט אוועקגעגעבן צוויי טאג נאכאנאנד צו באזוכן היגע אידן? אודאי האט ער עס געטאן און נאך ווי געטריי און פינקטלאך. און ווי פריילאך זיינען עס געווען די גוטע מרס. סאנדלער און זייער גראטענע מיני, ווען מיר האבן זיי אפגעגעבן דעם רעפארט, אז די ארבעט גייט גוט.

מר. אב. סטימערמאן, עלמיירא, נ. י.

ער האט מורא געהאט, אז ער וועט ניט טויגן צו אזא ארבעט. אין שול וואו ער איז וויים־פרעזידענט טוט ער דארטן זיין שול־ארבעט שווייגנדיקער־הייט, אבער צו אזא פאראנטווארטלאכער ארבעט ווי נעמען געלט פאר א גרויסן אנשטאלט, וואלט אן אנדערער זיך בעסער אויסגעטויגט — זאגט ער.

מר. אגוז האט אים אבער געזאגט, אז ער דארף זיך אנהויבן איינגע־וואוינען צו אזא ארבעט אויך. און ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן, האט ער זיך נישקאשע אויסגעטויגט מיט זיין קאטערינקע.

מר. און מרס. אב. קעטער, בינגהאמטאן, נ. י.

ערשט מיט א פאר טעג צוריק האט ער געהאט אן אפעראציע אין האלז, האט ער אפילו זיך ניט געקענט אפגעבן מיט זיין „ריעל עסטייט ביזנעס". איז אבער געקומען צו אן ארבעט טאן פארן אנשטאלט, איז אוים טענות.

דאָן איז מען געזונט און מען דאַרף אַרויספאָרן איבערן שטאָט. דאָס ער־שטע מאָל פאָרן זייביידע, צום צווייטן מאָל פאָרט שוין מרס. קעטער אַליין און די אַרבעט גייט ניט צו פאַרזינדיקן.

מר. אב. מעסי, בינגהאַמטאָן, נ. י.

אַ גאַנצע דין תורה האָט ער געהאַט צו שליכטן. ער האָט באַשטימט אַ צייט אַרויסצופאָרן איבערן ישוב, זיך זען מיט די אידן און נעמען זייערע ביישטייערונגען און עס איז אים גאָר פון זינען אַרויס, אַז זיין פרוי, וואָס האָט פאַר אונז צוגעגרייט אַ גוטן מיטאָג, דאַרף ערגעץ נויטיק צופאָרן.

מען איז אָבער מיט דער דין תורה צו קיין רב ניט געגאַנגען. עס איז רעכט געווען, און די אַרבעט איז אַוועק אַ גאַנג.

מר. י. אגוז, עלמיירא, נ. י.

דאָס איז אַ שטרענגער „גלאַוונע קאָמאַנדויעשטשי". אַ מינוט האָט ער מיר ניט געלאָזט רוען. ער האָט גראָד ניט קיין מאַשין. האָט ער מיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפירט איבער די אידישע געשעפטן און געהאַלטן אין איין נעמען און נעמען. ס'איז אַ איד וואָס פאַר אַ אידישער וואוילטעטיקייט איז אים די גאַנצע וועלט קאַרג. און ערשט פון אַוונט זיינען אים נאָך פאַר־בליבן עטלאַכע ווייטע וויזיטן, האָט ער ניט געטרוט, ער מוז קריגן אַ מאַשין.

צום געזעגענען זיך מיט מיר, זאָגט ער מיר אַז למען השם באַם צווייטן מאָל, אַז איך וועל דאַרפן קומען קיין עלמיירא, זאָל מען אים פון אַפּים לאָזן וויסן מיט אַ פּאָר טעג פריער, וועט שוין אַלעס זיין „אָל ראַיט".

מרס. ס. מיילמאַן, יוטיקא, נ. י.

צען אַ זייגער אין דער פרי איז שוין לעבן מיין האָטעל געשטאַנען אַ שיינע מאַשין און געוואַרט אויף מיר אַרויסצופאָרן פראַוון וויזיטן. איך קום צו צו דער מאַשין, טרעף איך דאָרטן אַ שיינינקע בעיבעלע ליגט און שפּילט זיך מיט אירע צאַצקעלאַך.

— וואָס איז דאָס? — פרעג איך ביי דער גוטער מרס. מיילמאַן. באַ־קאַנט זי מיר קודם כל מיט איר שיינער שנור וואָס זיצט באַם רעדל און דאָן דערקלערט זי מיר, אַז זי אַליין קען ניט טרייבן קיין מאַשין, האָט זי געבעטן דער שנור, אַז זי זאָל זיין אונזער שאָופער. „נו, טאָ וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן מיט דער בעיבי? — האָבן מיר זי אויך מיטגענומען און זאָל זי אויך זיין אין אונזער קאָמיטע". און די צופרידענע באָבע ענדיגט

איר דערקלערונג מיט אַ געשמאַקן קוש אין די פּוכלינקע בעקעלאַך פון איר שיין אייניקל.

מר. און מרס. אב. נייטהען, יוטיקא, נ. י.

ער האָט קיין איין מינוט קיין צייט ניט. ער קען ניט איבערלאָזן זיין גרעסטן אין שטאָט „דזשאַנק יאַרד". בעט ער דער פרוי, אַז זי זאָל אַרויס־פאָרן מיט מיר איבערן שטאָט. אַמעריקאַנער געבוירענע און רעדן אַ זאַפּ־טיקן אידיש. מרס. נייטהען ווייזט אָן אויף אירע פּיצלאַך קינדער, אַז זי קען זיי ניט איבערלאָזן. איר פאָטער, דער אַכציק־יעריקער, שאָקלט צו מיט זיין לאַנגער, ברייטער, גרויער באָרד, אַז ס'איז אמת.

האָבן זיי אָבער אַ געראָטן מיידל, נעמט זי איר מאַשין און פירט מיך אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער די יוטיקער גאַסן צו פּראָוון מיינע וויזיטן.

ישעיה ליבערמאַן, יוטיקא, נ. י.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט אים ביי אַן אַרבעטער־רינג מיטינג, וואו ער איז סעקרעטאַר. דערוויייל בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער פאַרמאָגט אַ טראָקל און פירט דערמיט אַרום פרוכט און גרינוואַרג צו פאַרקויפן. איך האָב ניט געוואָלט דעם לאַכנדיקן ישעיה'ן שטערן אין זיין פרנסה. איך האָב אָבער קיין אַנדער עצה ניט געהאַט, איך האָב אים געמוזט מאָביליזירן אויף אַ טאָג מיט אַן אָוונט. דערפאַר, אָבער, האָב איך אַרויסגעוויזן מיין לייטיש־קייט אויך: איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון דער גוטער מרס. ליבערמאַן און ישעיה האָט מיך אויף זיין טראָקל געבראַכט אין זייער ציכ־טיקער היים, און איך האָב ביי זיי געגעסן „סאַפּער".

ר' ש. מלמד, בינגהאַמטאָן, נ. י.

אַ געקרוינטער איד איז אָט דער ר' שמואל. איר קומט אַריין צו אים אין דירה, זיינען אַלע ווענט באַהאָנגען מיט קרוינען. אַלע מוסדות אין ארץ־ישראל האָבן אים צוגעשיקט „נזר־גבאות'ן". זיי האָבן אים געקרוינט, הייסט עס, פאַר אַ גבאי, פאַר זיין גוטע אַרבעט, וואָס ער טוט פאַר זיי. זיינע געראָטענע קינדער זיינען שוין אויסגעגעבן און קיין עין הרע ניט מיט אַ פיינעם באַשטאַנד. איז ער „דיד דאַ באַבאַ" מיט זיין ערלאַכער באַלעבאָס־טע, דאַרף מען דאַך אין זינען האָבן כלל זאַכן. נו, נו, האָט ער שוין איינ־מאָל אין זינען. הלואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן.

מר. סליפקין, טערריטאַון, נ. י.

ביי זיינע עלטערן האָב איך טאָקע מיין סטאַנציע געהאַט. זיצט דער זקן שטענדיק איבער דער גמרא און די זקנה האָט אין זינען איר באַלע־באַטישקייט ווען זי ווערט פאַרטיק מיט איר סידור. בין איך געווען צופרידן פון מיין סטאַנציע ביי די אַלטע סליפקינס, אַקוראַט ווי איך בין געווען צו־פרידן מיט מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם יונגן סליפקין. זייענדיק פאַרנומען אין זיינע געשעפטן, האָט ער דאָך אוועקגעגעבן אַ סך אַרבעט פאַר זיין קהלה, אַלס פּרעזידענט, און האָט נאָך אויך אָפּגעשפּאָרט די צייט, וואָס איך האָב פון אים פאַרלאַנגט פאַר מיין אַרבעט.

מר. דאַימאַנד, האַדסאַן, נ. י.

קומענדיק צו אים אין הויז, איז ער געווען אין זיין אויטאָמאָביל־גאַ־ראַדזש, וואו ער און זיינע פּייאיקע זין זיינען באַשעפטיקט. דאָך האָט זיך מיין אַרבעט באַלד אָנגעהויבן. די גוטע מרס. דאַימאַנד האָט באַלד צוגע־רופן איר גערעטן מיידל און באַלד געגומען אַלע מיינע אָנווייזונגען, זיי פאַנאַנדערגעסאָרטעוועט און פּינקטלאַך זיי אויסגעלייגט לויט די גאַסן, כדי „אַז דער מאַן וועט קומען, זאָלן מיר נאָר אָפּעסן און באַלד אַרויספאָרן צו דער אַרבעט".

און אַזוי איז עס טאָקע געווען. מר. דאַימאַנד איז זייער ביזי. אַ מינוט איז טייער.

מר. ראָזנבערג, האַדסאַן, נ. י.

— לאָמיר נאָר צופאָרן אַהיים, — בעט ער זיך ביי מיר, — וועלן מיר עפּעס איבערבייסן און זיך באַלד נעמען צו דער אַרבעט. די גוטע באַלע־באַסטע האָט סערווירט אין דער גיך דעם שיינעם טיש אין זייער רייכער הויז און האָט אונז נאָר מקנא געווען, וואָס מיר'ן איצט טאָן אַזאַ גוטע אַרבעט.

און די אַרבעט איז טאָקע בפירוש געווען, ניט נאָר אַ גוטע, נאָר טאָקע אַ גרויסע אויך. ער האָט ניט ליב קיין האַלבע אַרבעט. אז געטאָן, זאָל זיין געטאָן.

סעמיועל רייכלער, יוטיקאַ, נ. י.

ער איז פון די אָנגעזעענסטע יוריסטן, אַ פּרעזידענט אין היגן טעמפּל און אַקטיוו אין אַלע גרעסערע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. איך „באַ־זעץ" זיך אין זיין שיינעם אָפיס און ווער דאָרט אַ גאַנצער „בעל־הבית".

דאַרף איך צוגרייטן רשימות, צעטלען און פּאַפּירן — טוען עס פאַר מיר די ניט־אידישע טייפּריײטערינס פון זיין אָפיס. זיי זיינען אזויפיל באַשעפטיקט מיט זייער אייגענע אָפיס־אַרבעט, עס איז אָבער קיין תירוץ ניט. מיין אַר־בעט איז אויך נויטיק — זאָגט זייער גוטער בעל־הבית. דאַרף מען צוגרייטן מיינע אַן אַרבעט פאַר די היגע ענגלישע צייטונגען, רופט ער אַרויס זיין ברודער, אַן אָנגעזעענער זשורנאַליסט אין דער היגער פּרעסע, און די אַר־בעט ווערט געטאָן מיט דער גרעסטער פּינקטלאַכקייט. טעלעפאָנירט ער און רופט אָפּ צו זיך אין אָפיס די פּערזאָנען וועמען ער וויל אָרגאַניזירן אין קאָמיטעס פאַר אונזער אַרבעט. און ערשט נאָכדעם ווער איך געוואָר, אַז אָט די צוויי העכסט־אינטערעסאַנטע ברידער רייכלער זיינען קינדער פון אַ גרויסן פאָטער, אַן אָנערקענטער תּלמיד־חכם אין דער אַלטער היים, וואָס זיין תורה און רבנות איז געווען ביי אים ניט קיין באַשעפטיקונג, נאָר גייסט און געפיל.

מר. סעמיועל גרינסטיין, סאַפפערן, נ. י.

גייענדיק פאַרטראַכט אין גאַס, הער איך אַן אויטאָמאָביל־סיגנאַל. כ׳קוק זיך אַרום, זע איך אין אַן אויטאָמאָביל זיצט אַ שוואַרצכיינעוודיקער יונגער־מאַן און מאַכט צו מיר מיט דער האַנט. צוגייענדיק צו אים, פרעגט ער מיר אין אידיש: „וואָס איך טו דאָ“. פרעג איך אים: „צי ער קען מיך?“ זאָגט ער: „ניין, ער קען מיך ניט. נאָר אים שיינט, אַז איך בין דאָ פאַר אַ אידישן געזעלשאַפטלאַכן ענין“. דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויב מיט עפּעס מעגלאַכעס מיר אַרויסהעלפן. פרעג איך אים זיין נאָמען. זאָגט ער מיר.

ווען אים האָב איך אַ סך זיך אָנגעהערט צו גוטן, אָבער איך האָב בשום אופן אים ניט געקענט טרעפן ניט אין זיין שיינער רייכער דירה און ניט אין זיין אָפיס. ער האָט פון מיר צוגענומען אַלע איבערגעבליבענע אַנווייזונגען און איך בין טאַקע באַלד אוועק צום באַן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין אָפיס אָנגעקומען פון אים אַ בריף מיט אַ טשעק אויף דעם סכום וואָס די אַנווייזונגען האָבן אָנגעטראָפן.

מר. און מרס. וואַקסמאַן, יוטיקאַ, נ. י.

זי איז זייער פאַרנומען אין איר אַמט אַלס פּרעזידענטין פון דער היגער פּרויען־מזרחי אָרגאַניזאַציע. זי האָט אָבער פאַראַיאָרן צוגעזאָגט דער רבי׳צין שאַפּיראָ, אַז ווען זי וועט זיך אויסלערנען טרייבן איר מאַשין, וועט זי פאָרן מיט אונזער פאַרשטייער איבערן שטאָט צו פּראָווען וויזיטן. איז זי עס איצ־

טער מקיים איר צוזאָג. זי קען אָבער מער ווי ביז 5 פאַרנאַכט ניט פאָרן. מען מוז צוגרייטן „סאַפּער". מאַכט זי מיט איר אָפּ, און באַלד פון אונט ווערט מר. וואַקסמאַן מיט מיר אַרויספאָרן.

מר. בלומנער, טערריטאַן, נ. י.

דאָס איז אַ היימישע נגידי'שע הויז, אַ רוהיקע אידיש־אַריסטאָקראַ־טישע אַטמאָספער. אַ פּינקטלאַכקייט אין אַלע זייערע פירונגען. אַזוי איז מר. בלומנער, אַזוי איז מרס. בלומנער און אַזוי זיינען זייערע קינדער דער־צויגן. נאָר אין איין זאַך איז דאָן מר. בלומנער ניט געווען פּינקטלאַך — אין זיין געזונט. קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. איך האָב באמת אים געוואָלט דעם מאָל באַפרייען פון מיין אַרבעט, האָט ער אָבער ניט געוואָלט. האָט ער מיך פאַרהאַלטן ביי זיך אויף פולער סטאַנציע ביז איבער נאַכט און די גאַנצע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט דער גרעס־טער פּינקטלאַכקייט. ערשט נאָכדעם האָט ער מיר שלאָפערהייט באַגלייט צו דער באַן. אַזוי וויל ער. גיי טו אים עפּעס.

מר. היימאַן מאַרוויל, יוטיקע, נ. י.

אַ גאַנצע וואָך איז ער פאַרנומען אין באַנק, וואו ער און די קאַפּל ברידער זיינען די אייגנטימער, בלייבט אים איבער נאָר דער זונטאָג, פאָרט ער דאָן אַרום מיט מיסעס מאַרוויל קיין סערעקיוז צו זייער גרעסטענער בת יחידה, מרס. רהיע, ל. קאַפּמאַן, פאַרהייראַט צו אַ באַוואוסטן לאָיער אין סערעקיוז, מר. סאל קאַפּמאַן.

דעם מאָל, זיינען זיי ניט געפאָרן קיין סערעקיוז און אַרום געפאָרן מיט מיר פראָווין וויזיטן. אָפּגערעט האָבן מיר „אַן אַרבעט טאָן 2 שעה". אַז די 2 שעה זיינען פאַראיבער, נעם איך אַרוים מיין זייגערל און דערמאָן אים, בעט ער זיך ביי מיר: „נאָך אַ פּאָר וויזיטן". און די פּאָר וויזיטן זיינען זיך קיין עין הרע ניט אַזוי צעוואַקסן, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון די היגע מיטגלידער זיינען דורך אים באַזוכט געוואָרן. ס'איז שווער צו רעדן אידיש, וייל פופציק יאָר אין אַמעריקע, וואו ער איז געבוירן, האָבן אַ ווירקונג. זיין שיינע וואוינונג איז ווייט פון אידישן צענטער, אָבער אַלעמאָל ווערט איר אים טרעפן אינם אידישן געגנט און רעט אידיש. עפּעס ציט אים אַהין.

מר. קאַנטראָוויץ, קאהאָס, נ. י.

קומט אינהערפרי שפּאַנט ער זיך איין זיין פערד און וועגעלע און פאָרט זיך אַרוים איבער דער סביבה. מאַכט זיך אים צו קויפן פּעקלאַך אויסגע־

לייענטע צייטונגען, אַלטע מעטאַלן און נאָך אַזעלכע אַלטוואַרגן, האַנדלט ער עס איין און וויפיל גאָט גיט דאַרטן ריוח איִנם משך פונם טאָג, קומט ער זיך אַהיים און איז צופרידן. שבת איז זיין טאָג, דאַן אַרבעט ער ניט; און אַז איך בין געקומען איז ביי אים אויך, זאָגט ער, שבת. גייען מיר אַרויס איבערן שטעטל צו זעען זיך מיט די אידן. מיר קומען אַריין אין אַ גרויסער „דריי גוד סטאָר" און דער אייגנטימער, אַ האַלב־חושים'דיקער, באַפאַלט אים מיט זידלערייען און מיט געשרייען „פאַרוואָס מ'האַלט אין איין שנאָררען". דער גוטער קאַנטראַוויץ פאַלט אָבער ביי זיך ניט אַראָפּ. „ווען מיר זאָלן וועלן, זאָגט ער, זיך ערגערן פון אַזעלכע באַגעגענישן, וואָלט די וועלט גע־דאַרפט אונטערגיין". „און די וועלט, זאָגט ער, איז אַ שיינע, מ'טאָר זי ניט לאָזן אונטערגיין".

מר. מאָזעס לואיס, יוטיקע, נ. י.

ער איז עס געווען דער אפוטרופוס פאַרן דערפאָלג פון אונזער אַרבעט. זיין סטאָר איז עס געווען דער הויפּט־שטאַב צו שאַפן די ערשטע פאַרבינ־דונגען מיט די היגע אַקטיווע געזעלשאַפטלאַכע טוער. אויף אַ רוהיקן באַ־שיידענעם אופן, ווי עס איז צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער אין אַלגעמיין, האָט ער אונזער אַרבעט דורכגעפירט ווי געוואונשן. אַ דאַנק דעם ערשטן אָנגעזעענסטן געזעשאַפטלאַכן אָרט וואָס ער באַזיצט אין דער היגער אָר־טאָדאָקסישער קהלה און צוליב זיין אויטאָריטעט אַלס רייכער געשעפטס־מאַן, איז ער פראָמינענט פאַרטראָטן אין אַלע געזעלשאַפטלאַכע און וואויל־טעטיקע אַקציעס. שטילערהייט איז ער אומעטום דער טאָן־געבער.

איִנם זעלבן גייסט האָט ער דערצויגן זיינע קינדער: ה. מאיער לואיס — אַ דזשאָדזש אין יוטיקאַ קאורט, ה. מאוד לואיס — דאָקטאָר מעדיצין אין ניו יאָרק, דזשייק איז מיט אים אין די קלאָדינג ביזנעס און העראָלד שטודירט לאָו אין קאַלעדזש אָף סערעקיוז.

מר. סעמועל קארמאַן, יוטיקע, נ. י.

אַ יונגערמאַן וואָס פירט זיינע געשעפטן מיט אַ סיסטעם און אַזוי טוט ער אויך זיין וואוילטעטיקע אַרבעט. ביי אים איז אַלעס איינגעטיילט אין הוצאה און הכנסה. טאָ פאַרוואָסזשע, פרעגט ער, זאָל צדקה זיין אַן אויס־נאַם. ער געדענקט, זאָגט ער, גאַנץ גוט אַלע זיינע איבערלעבונגען אין דער אַלטער היים און אויך ביז וואַנען ער איז געקומען צו זיין איצטיקן שטאַנד, דערפאַר זאָגט ער, איז ניטאָ מיט וואָס צו איבערנעמען זיך אויב מ'איז יע וואוילטעטיק.

מר. יונה העווין, יוטיקע, נ. י.

אין דער אַלטער היים, נאַווא פּאַלטאַווקע, כערסאָנער גובערני, אין רוסלאַנד, האָט ער מיט זיין משפּחה זיך באַשעפטיקט מיט ערד אַרבעט. קומענדיק קיין אַמעריקע, אין פּעטערסאָן נ. דזש. נעמט ער זיך צו שניידעריי. ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען האָב איך אים באַמערקט אַ גראַד־ליניקע רוהיקייט, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון אַזאַ געלונגענע קאָמבינאַציע — לאַנדווירטשאַפט און מלאכה. ער איז אַקטיוו אין היגן אַרבעטער־רינג און אין אַנדערע געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייטן, און אומעטום, אין אַלע זיינע טעטיקייטן מערקט זיך די איבערגעזאָגטע גראַדליניקייט.

מר. סאָלאָמאָן, גלענס פאָללס, נ. י.

עס איז געווען זייער אַ הייסער זומער־טאָג, ווען איך האָב אים געטראָפן אַרבעטנדיק ביי אַ גרויסן פּרעס־מאַשין און מרס. סאָלאָמאָן — ביים שניידער־טיש. נאָך אַזאַ הייסן אַרבעט־טאָג איז געווים נויטיק פון אוונט אַרויספאָרן אויף דער פרישער לופט. ער האָט אָבער, דער אַמעריקאַנער געבוירענער יונגערמאַן, אַז היינט מוזן זיי פאַרבויגן זייער פּערזענלאַכן פאַרגעניגן און מיר אַרויסהעלפן אין מיין אַרבעט. מאַכט ער באַלד די נויטיקע אַרענדזשמענטס מיט זיין געראָטן מיידל, זי זאָל צוקומען פאַרנאַכט מיט איר מאַשין און מיר זאָלן אַרויספאָרן פּראָווין וויזיטן.

מאָררים קלאַוז, ליטל פאָללס, נ. י.

זיצט אַ יונגערמאַן אין זיין מעבל־געשעפט, איז אַריינגעטאָן אין מסחר און דער געדאַנק איז שטענדיק פאַרנומען מיט ליטעראַטור און געזעלשאַפטלאַכע פּראָבלעמען. איצט, זאָגט ער, האָט ער אַ געלעגנהייט זיך אַביסל אַרויסטאָן פונם טאָג־טעגלאַכן הו־האַ. איך מוז ניט אַנדערש אָננעמען זיין איינלאַדונג און פאַרברענגען מיט אים און מיט זיין פאַמיליע ביי אוונט־ברויט.

מרס. קושניר, דאַנקווירק, נ. י.

זי איז אַקטיוו אין אַלע אָרטיקע געזעלשאַפטלאַכע אידישע אינטערעסן. איך האָב איר גראַדע ניט געטראָפן אין איר גרויסן דריי־גודס סטאָר, בין איך צוגעפאָרן אין איר שיינער היים. זי האָט מיר באַקאַנט מיט אירע געראָטענע קינדער, וועלכע זי דערציט אין אַ שיינעם אידיש־מענטשלאַכן אופן און דאָרט האָב איך טאַקע געלעקטשורט פאַר דער אינטערעסאַנטער פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואו זי איז פּרעזידענטין. אַ יונג־פרוי אַ בר דעת אין אַלע

אינזכיטן, פאַלשטענדיק אַמעריקאַניזירט און ס'האָט זיך ביי איר אָפּגעהיט דער גאַנצער אידישער חן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גערעכטנער אידישער טאָכטער.

א. רובינשטיין, דאַנקווירק, נ. י.

ער האָט געטראָפן אונזער פאַרשטייער אין אַן אַנדער שטאָט, האָט ער אים אויפגעפאָדערט אריינקומען קיין דאַנקווירק און שאַפן דאָרט אַ מיט־גלידערשאַפט פאַר אונזער אַנשטאַלט. פון דאַן־אָן איז עס זיין חזקה צו טאָן אונזער ארבעט אין זיין קהלה. מאַכט זיך אַז ער אַליין האָט קיין צייט ניט ארויסצופאָרן מיט אונזער פאַרשטייער, פאָרט אַרויס זיין גוטער איסר, די אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן פּינקטלאַך.

באַלאָטין ברידער, דאַנקווירק, נ. י.

דער געדאַנק איז שטענדיק פאַרנומען, ווי בעסער און צופרידנשטעלנ־דיקער פירן זייער גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר, און שטענדיק און שטענדיק איז זייער אידישע האַנט און געדאַנק פריי פאַר וואוילטעטיקע ענינים. עס ווערט פּשוט פריש אויף דער נשמה צו באַגעגענען אַזעלכע מענטשן.

הערריי נייטהען, אַמסטערדאַם, נ. י.

כ'האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין אַ שבת'דיקן בין השמשות. און טאַקע באַלד נאָך הבדלה האָט ער מיך אָנגעהויבן ארומפירן צווישן די היגע אידן. ס'איז אַ סגולה, זאָגט ער, צו פרנסה, אַז אידן גיבן צדקה „אויף אַ פּולער וואָך". און אינטערעסאַנט ווי דער יונגער אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן ווערט אומעטום באַגעגנט. מ'קען שוין אים דאָ, אַז ער האָט אַליין ליב צו געבן פאַר וואוילטעטיקע ענינים און האָט ליב אַז אַנדערע גיבן. טוען אים די היגע אידן צוליב, און וואו ער קומט נאָר אריין באַגעגנט מען אים מיט אַ שיינער אויפנאַמע.

באַטעיעוויע, נ. י.

אַ מאָדנע שטעטעלע איז עס. די עטלאַכע גוטע אידן וואָס איך האָב דאָרטן באַגעגנט וואָלטן געקענט צו נוץ קומען אַלס קאָמיטע לייט אין אַ גאָר גרויסער שטאָט. דאָ אין אַזאַ קליינינקער אידישער קהלה האָבן זיי ניט וואו אויסצונוצן זייער ברייטע גוטהאַרציקייט. צו אַזעלכע היגע אידן וואָס קענען גיבן און ווילן ניט — איז דאָך ניט שייך צו גיין און צו זיי אַליין, צו אַט די גוטע געבער, דאַרף מען דאָך קיין קאָמיטעס ניט. ווילן זיי דאָך אָבער פאָרט מיטאַרבעטן מיט מיר, טוען זיי אַזוי: נעמט דער יונגער ה.

קריגער און גיט מיר אין דער גיך זיין טשעק און ווייזט מיר „אַט דאָ באַלד" צו מעקס שאָענבערג. דער, ווידער, דערזעט שלום'ן (דאָס איז דער גוטער סעם וואָרצמאַן) רופט ער אים אריין און באַקאַנט מיך מיט אים. נעם איך צו אַ טשעק ביי שאָענבערגן און כאַפּ זיך אַרויף מיט שלום'ן אויף זיין טראָק און מיר פאָרן אַוועק צו דזשיי פאַרבער, אין זיין הרייגודס סטאָר, דערציילט ער אונז אַז ער אַליין וואוינט שוין אין ניו יאָרק און מיט דער היגער סטאָר פירט־אָן זיין זון סעם. ער רופט צו דעם זון און עצה'ט אים, ער זאָל אָנהאַלטן די צדקה־צאָלונגען אַזוי ווי אַלעמאָל. פאָלגט אים דער זון און ווייזט אונז דערוויילאָן אַ „גיכערן־וועג" צו סאָלאָמאָן בענדער. ר' שלמה'ן טרעפן מיר פונקט ווי ער ענדיקט איינצייען קנעפּלאַך אין אַ גאַרניטער און זיין וואַרמעס וואָרט שוין אויף אים. וויל ער ניט אַנדערש. נאָר מיר זאָלן מיט אים מיט־עסן. דערפאַר פאַרשפּאַרט ער אונז אַ „גרויסע אַרבעט". ער דערציילט אונז, אַז צו דזשאָו ברענמאַן דאַרפן מיר ניט גיין אַזש אַ היים, מיר קענען אים זען אין דער פאַבריק, וואו ער אַרבעט — טאַקע אַט דאָ באַלד, נאָר די באַן־רעלסן אַריבערגיין. דאָ באַקאַנט שוין אונז ברענמאַן מיט נאָך צוויי גוטע אידן, מיט פיליפּ גנעסין און מיט מעקס ווינקעלמאַן, וועלכע אַרבעטן טאַקע דאָ מיט אים צוזאַמען. ווילט זיך זיי דוקא פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן אַ סך אַ סך זאַכן וואָס זיי וואָלטן ביי מיר וועלן פרעגן. איך קום דאָך פאַרט, זאָגן זיי, פון דער גרויסער וועלט. האַלטן אָבער די מאַשינען אין איין דרייען זיך, מוזן די אָרנטלאַכע אַרבעטס־לייט אין דער גיך פאַרענדיקן אונזער גע־שפּרעך און איך מיט שלום'ן לאָזן זיך אַוועק צו זיין ברודער הערי. הויבט זיך־אָן צווישן אַט די צוויי ברידער אַ גאַנצע מחלוקה: הערי וויל איך זאָל ביי אים עסן אָוונט־ברויט און שלום זאָגט „איינמאָל ניין — ער איז בילכער". אויסגעפירט האָט שלום. ערשט נאָך אָוונט־ברויט האָט ער מיך אַוועקגעפירט צו זיין שוואָגער מעקס פּיעס, דער פּרעזידענט פון דער היגער קהלה, און פון דאַנען מיט אַנגענעמסטע איינדריקן בין איך שוין אין אַ גרויסן אויטאָמאָביל אַפּגעפאָרן מיטן יונגן פּיעס צום באַן, וועלכער האָט מיך אין פינף מינוט אַרום אַוועקגעפירט פון אַזעלכע האַרציקע אידן.

הרב א. סעמיועלס, עלמאירע, נ. י.

אַריינקומענדיק אין זיין אויפנאַמס־צימער לויפט מיר אַנטקעגן אַ 5 יאָריקע מיידעלע מיט בלויע אויגאַלאַך און גאָלד־ווייסע האָר און טוט מיר אַ פרעג אין אידיש: „ווילסט זען מיין פּאַ?" איך שטיי און באַטראַכט אַט דעם גרויסן פאַרשוין, און עס ווערט מיר באַלד קלאָר, וואָס אידישע דערציאונג מיינט.

דער רב איז דאַ פאַקטיש דער פאַראַנטוואָרטלאַכער דערציער פונם יונגן דור. די היגע מוסטערהאַפטע תלמוד תורה איז אינגאַנצן אונטער זיין אונ־ערמידלאַכע אויפזיכט. ער איז איר גרינדער געווען און ער איז אויך איר פייאיקער פירער, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע אידישע ענינים ווערן דאַ דורך אים געפירט מיט דער גרעסטער איבערגעבנקייט. אַט דער בלאָנדער הדרת־פנים׳דיקער יונגערמאַן, דער אויפריכטיקער „איש תם וישר״, דער בעל השלמות אַלס געלרנטער און אַלס בעל מדות טובות איז אַ איד אַ רב אַן שום פאַרפּוצונגען, און אַזוי איז געווען די אויפנאַמע און מיטאַרבעט וואָס ער, די רביצין און קינדער האָבן געגעבן צו אונזער פאַרשטייער.

מר. מאָררים גלאַדקאַ, עלמאַירא, נ. י.

ווען רבי סעמועלס האָט אים טעלעפאָנירט אַז איך בין דאַ אין עלמאַירא און מר. גלאַדקאַ האָט אים געענטפערט, אַז ער קומט באַלד מיך זען, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דער זקן שבחבורה. איך האָב גע־וואוסט, אַז מר. גלאַדקאַ איז פון די אָנערקענטע און געשעצטע רייכערע בירגער אין דער היגער קאַמיוניטי. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז פון די אינטערעסאַנטעסטע פערזענלאַכקייטן און אַקטיוו אין געזעשאַפטלאַכע טעטיקייטן. אָבער דערהערנדיק, אַז ער פאָרט באַלד צו צומיר מיך מקבל פנים זיין, האָב איך אַנדערש ניט גערעכנט, נאָר אַז ער איז אַ יונגערמאַן און טוט דאָ זיין פליכט פון גאַסטפריינדלאַכקייט.

ווען איך האָב אָבער דערזען פאַר מיר דעם שלאַנקן גרייז־גרויען בנעימות׳־דיקן מר. גלאַדקאַ, האָב איך געפילט צו־גיין צו אַט דעם נאָבעלן אידן און בעטן ביי אים אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס איך האָב אים מטריח געווען צו מיר און איך בין ניט געגאַנגען פריער צו אים.

עס איז אָבער נאָר געווען געגוג זיין ערשטער האַרציקער שלום עליכם וואָס ער האָט מיר געגעבן מיט אַזאַ לעבעדיק־דירעקטער באַוועגונג, אַז איך האָב זיך גלייך אָנגעהויבן פילן אין זיין געזעלשאַפט ווי מיט אַ יונגן ברודער. און עס איז מיר געוואָרן פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס אַזאַ ליבער פאַטריאַרך רעכנט זיך קיינמאָל ניט מיט זיין טרחה.

אויף מאָרגן בין איך געווען ביי אים מיט אַ וויזיט אין זיין אָפיס. דאָרט האָט ער מיר באַקאַנט מיט זיינע געראָטענע זין, געבוירענע און געשטודירטע אין אַמעריקע און ווייסן אַזוי אַלעם וואָס עס טוט זיך איצט אידישן געזעל־שאַפטלאַכן לעבן.

באמת האָב איך געדענקט ניט צו מטריח זיין מר. גלאַדקאַ מיט קיינע קאַמיטע־אַרבעט. ער איז יאָרן און יאָרן גענוג געגאַנגען פאַרן „האיאס״,

איצט דאַרפן שוין יונגערע פון אים פאָרזעצן די אַרבעט וואָס ער האָט אָנ־געפאַנגען. איך האָב גערעכנט, אַז מר. גלאַדקא וועט זיך באַנוגענען נאָך דער מיט, וואָס ער וועט טעלעפאָנירן אין אייניקע ערטער וועגן אונזער אָנ־געלעגנהייט. ער האָט זיך אָבער ניט באַנוגענט נאָר מיט אַזאַ אָפיס־אַרבעט און איז טאַקע געגאַנגען פּראָווין וויזיטן אויך.

און אינטערעסאַנט איז געווען צו זען ווי אַ פּאַטריאַרך טוט אַזאַ אַרבעט. ער גייט צו יענעם אין די ביזנעס און הייסט געבן געלט פאַר די אידישע וואַנדערער, און גרויסע ביזנעס־לייט, אַמעריקאַנישע, באַגעגענען דעם רעס־פּעקטאַבעלן מאַררים גלאַדקא, מיט דעם דרך ארץ וואָס אים קומט.

צענדליקער און צענדליקער יאָרן פון גרעסערע פאַרלאַנגען צו שטייגן וואָס העכער און העכער אויפן לעבנס־לייטער, טראַגנדיק אויף זיך אויך דעם עול הצבור, האָבן אַ קאַפּיטשקאָלע איינגעבויגן די פּלייצע ביי דעם הויך־שלאַנקן מאַררים גלאַדקא, אָבער יונג און פילנדיק איז ער אין זיין גייסט. אַ סך אַ סך יונגערע דאַרפן זיך לערנען פון אַט דעם בכבוד׳יקן זקן החבורה ווי צו זיין געטריי און איבערגעגעבן אין כלל אַרבעט.

מר. אַלפערט, דזשאַנסטאַון, נ. י.

איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין גלאָווערסוויל, נעבן זיין שיינע היים אין אַ זונטיק, האָט ער מיך איינגעלאַדן קיין דזשאַנסטאַון, וואו ער האָט זיין קונסט־פּלאַץ פון פרויען קליידער. דאָרט, זאָגט ער, וועט ער שוין זען אַן אַרבעט־טאָן, אַז די וואוילטעטיקע אידן זאָלן ביי אונז אויף דער רשימה זיין. און אַזוי איז טאַקע געווען. אינמיטן סאַמע פּדיון לאָזט ער איבער זיינע קאַסטימערינס און גייט צופוס זיך זען מיט די אָרטיקע אידן לטובת אַ וואוילטעטיקן עניין. און די אידן ווייסן שוין, אַז אַלפערט קומט, דאַרף מען געבן געלט, ווייל זיין נתינה זעלבסט איז דאָך צווישן די גרעסטע אין שטאָט.

סעם שוואַרץ, גלאָווערסוויל, נ. י.

דאָס קינד איז ביי אים געווען ערנסט שלאַף, האָב איך געוואָלט וויסן ווי ס׳פילט, פרעג איך ביי אים טעלעפאָניש און ער ענטפערט מיר: „צום באַדויערן איז מיין קינד ערנסט שלאַף און איך קען איצט ניט פאָרן מיט אייך“. אַ גוטער סעם, מיך אינטערעסירט ניט מער ווי צו וויסן דעם גע־זונד־צושטאַנד פון זיין קינד און אים ליגט גאָר אין געדאַנק פאָרן מיט מיר פאָרן אָנשטאָלט, און באַדויערט וואָרום ער קען איצט ניט פאָרן.

אין אַ פּאָר טעג־אַרום האָט ער טעלעפאָנירט צו מיר די פריילאַכע בשורה, אַז דאָס קינד פילט שוין בעסער און היינט וועט ער מיט מיר אַרומפאָרן אויב איך וויל.

מאַקס פּאַדזשעוואָסקי, גלאָווערסוויל, נ. י.

דער בוכהאַלטער אין זיין שאָפּ־אָפּיס ווייסט שוין, אַז אַזאַ מאַן ווי איך קום און פרעג זיך אויף מר. פּאַדזשעוואָסקי, איז עס מסתמא ניט פאַר ביזנעס נאָר צוליב „קאַמיוניטי פּוירפּיס“. טו איך אים צוליב און זאָג אים, אַז ער איז גערעכט. זאָגט ער מיר די בשורה, אַז מר. פּאַדזשעוואָסקי פאָרט היינט ספּעשל קיין ניו יאָרק און וועט דאָרטן פאַרווײַלן אַ פּאָר טעג. פון דעסטוועגן בעט איך אים, ער זאָל אים לאָזן וויסן, אַז איך בין דאָ אין אָפּיס. געדויערט ניט קיין צוויי מינוט און דער שטענדיק־פּאַרטראַכטער און פריי־לאַכער פּאַדזשעוואָסקי קומט אַריין מיט זיין רחבות׳דיקן שלום עליכם און עס פאַרפירט זיך אַ געשפּרעך. איך דערמאָן אים, ער זאָל זיך אָקאָרשט ניט פאַרגעסן, אַז ער דאַרף היינט פאָרן קיין ניו יאָרק. ענטפערט ער מיר, אַז ער וועט זען פּרוּוון טעלעפאָנירן אַהינצו, אפשר וועט ער קענען די נסיעה אָפּ־לייגן. אין אַ פּאָר שטונדע אַרום קנאַלט דער טעלעפאָן אין מיין האָטעל. מאַקס פּאַדזשעוואָסקי קלינגט. ער זאָגט עס מיר אָן די פריילאַכע נייס, אַז די נסיעה קיין ניו יאָרק איז אָפּגעלייגט, וועט ער באַלד אַרומפאָרן מיט מיר.

מר. אכטער, ראָטשעסטער, נ. י.

זיין גרויסע דריי־גודס סטאָר איז אביסל ווייטלאַך פון צענטער. עס האָט אָבער געלוינט זיך באַמיען און גיין אביסל ווייטער כדי צו באַקאַנען זיך מיט אַזאַ אידן און טאַקע אויך מיט זיינע געראָטענע קינדער.

ער האָט ניט גערוט, מר. אכטער. עס זיינען נאָך פאַראַנען, זאָגט ער, אַ סך אידן וועלכע דאַרפן זיין מיטגלידער צו אונזער אַנשטאַלט. איך פיל, אַז ער האָט יסורים דערפון, און איך האָב געזען אַז ער האָט פאַרגעניגען ווען אים גיט זיך איין, צו באַקומען נאָך און נאָך מיטגלידער.

מר. ד. וואַלין, ראָטשעסטער, נ. י.

ער איז דאָ דער אָפיציעלער פאַרזאָרגער פון אַנשטאַלט. אַז עס קומט אונזער אַ פאָרשטייער, זעט ער זיך צום ערשטן מיט אים. דעם מאָל איז ער געווען זייער פאַרנומען מיט זיין ניי־אויפגעבויעטן האָטעל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַרויסענדיקן. אָבער צו אונזער אַרבעט קער זיך דאָס ניט אָן. אַ האָטעל, זאָגט ער, בויט מען דאָך פאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס קענען באַ־

צאָלן פאַר אַ צימער. טאָ וואָס׳זשע זאָלן טוען אַזעלכע וואָס קענען ניט צאָלן? מוז מען דאָך אַן ארבעט־געבן פאַר זיי! איז אינמיטן זיין האָטעל־ארבעט, כאַפּט ער זיך ארויס און גייט פּראָווען וויזיטן צווישן די היגע אידן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אַנגענומען זייער איינלאַדונג און איך בין געווען אין זייער רייכער היים מיט אַ ספּעציעלן וויזיט, וואו איך האָב זיך באַקאַנט מיט זייערע געראָטענע קינדער און אויך מיט זייער זון, דאָקטאָר וואָלין, ספּעציאַליסט פאַר קינדער קראַנקהייטן.

מר. וויליאַם היימאַן, ספּרינג וועלי, נ. י.

אין זיין „דריי־גודס סטאָר" איז געווען מיין ארבעטס־פּונקט פאַר דעם אַ זומער פלאַץ. איז מיר עפּעס קשה׳דיק געוואָרן, אָדער שווער געוואָרן אויף מיין געמיט, בין איך אינדערגיך אריין צו אים אין זיין סטאָר, זיך אוסדערציילט און ווייטער אוועק צו דער ארבעט. ער האַלט אַז אַ מענטש דאַרף אַלעמאָל זיין אַן אָפּטאָמיסט, מ׳טאָר זיך קיינמאָל ניט נעמען צום האַרצן. בא אַזאַ אידן איז אַלעמאָל גוט איבערצוּוואַרטן אַ טרוקענעם רעגן.

מר. א. רוסאַקאָף, דזשיימסטאַון, נ. י.

איך בין שולדיק אַ גרויסן דאַנק צו מר. זימערמאַן, וואָס ער האָט מיר באַקאַנט מיט מר. רוסאַקאָף׳ן. אָט דאָ אין דער שטאָט האָב איך ממש אויפ־געכאַפּט דעם אָטעם. דער גוטער רוסאַקאָף לאָזט מיך ניט טראַכטן וועגן מיין ארבעט, אפילו אַ מינוט ניט. ער זאָגט אַז ער טראַכט שוין פאַר מיר. און מיר דאַכט אַז ער איז טאַקע גערעכט. ווארן איין מינוט האָב איך געטראַכט אַן אים, האָט עס מיר געקאָסט אַ פאַר דאָלער. דאָס איז געווען ווען איך בין אַנגעקומען אין שטעטל, שפּעט ביינאַכט, האָב איך אים ניט געוואָלט שטערן זיין רו און בין פאַרפאָרן אין אַ האָטעל. אויף מאָרגן, זעט איר, אַז ער האָט געטראַכט, האָט שוין מיר קיין פּעני אפילו ניט געקאָסט; ער איז צוגעקומען צום האָטעל און האָט פאַרנומען אַלע מיינע זאַכן צו אים אין זיין שיינער היים, וואו איך האָב זיך געפילט מיט אים און זיין ווערטע פאַמיליע ווי אַ מענטש פילט זיך אין זיין אייגן אנגענעם פּלאַץ. ער האָט נאָר צו מיר אַ טענה, ווארום איך בין אַזוי שפּאָרזאַם אין מיין שרייבן. ווען איך שרייב אים, זאָגט ער, נאָר אַ פּאַר ווערטער בעפאָר איך קום צו פאָרן, וואָלט געווען ניט אַנדערש נאָר אַן אסיפה פון אַלע ארטיקע אידן און זאָלן זיי, זאָגט ער, הנאה האָבן. ס׳קען זיין אַז ער איז גערעכט, מ׳דאַרף עס אַמאָל פּרוּאוון טאָן.

ס. בלום, בינגהעמטאָן, נ. י.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים אינם לאָר־אָפיס פון מר. טשערנין און גאָלד, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער וואָלט געקענט זיין אַ גוטער קאַמיטע־מאַן. אַ יונגערמאַן מיט סימפּאַטיש־אידישע און ענערגישע געזיכטס־שטריכן איך באַקאַן זיך מיט אים און דערציייל אים מיין איינפאַל. צעלאַכט ער זיך און זאָגט: „דער איינפאַל איז אַ גרויסאַרטיקער, ניט מער — וואָס קיין צייט איז ניטאָ". ער דאַרף עקסטרע אוועקפאָרן מאָרגן אינדערפרי, מוז ער זיך צוגרייטן צו דער נסיעה.

ער האָט אָבער געפונען אַן עצה: ער האָט באַלד טעלעפאָנירט צו זיין שאָופער, ער זאָל מיך אַרומפירן איבערן שטאָט, ווי איך וועל אים הייסן.

גרשון מערימסקי, האָטשעסטער, נ. י.

איך טו ביי אים אַ פרעג: „צי ער וואָלט האָבן צייט צו זיין אין מיין קאַמיטע אויף אַ פאָר שטונדן". ענטפערט ער מיר, אַז ער אַליין האָט שוין דערפון געטראַכט. ער בעט ביי מיר די „אָפיס צעטלען" און באַטראַכט זיי. — „דאָס איז ניט אויף קיין פאָר שטונדן — זאָגט ער — נאָר עני־וועי די אַרבעט וועט שוין אָפגעטאָן ווערן".

און גרשון איז אַ וואָרטס־מאַן. נאָך מער — ער האָט ניט יוצא געווען נאָר מיט די וויזיטן לויט די צעטלען. ער האָט שוין אויסגעזוכט „נייע" אידן צו וועמען מיר זיינען געפאָרן און גענומען ביישטייערונגען.

מרס. וואָלבערג, האָטשעסטער, נ. י.

איך זאָל ניט געווען זיין אין איר שיינער היים און זען איר פּינקטלאַכע באַלעבאַטישקייט און אירע געראָטענע דערוואַקסענע קינדער, וואָלט איך געקענט מיינען, אַז אָט די סימפּאַטישע יונגע אידישע טאָכטער איז פריי פון אַלע שטוב־פליכטן, דערפאַר האָט זי צייט צו פאַרנעמען זיך מיט געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט מער ווי אירע קרעפטן דערלויבן איר. זי האָט קען מען האָבן אַ באַגריף וואָס פאַראַנטוואָרטלאַכקייט מיינט. איך האָב געזען ווי זי פירט די וויכטיקע זיצונגען פון איר פרויען אָרגאַניזאַציע (איינע פון די וויכטיקסטע אין שטאָט) און איך האָב געפילט איר געטרייע אַרבעט, ווען זי איז מיין קאַמיטע געווען.

דער וועטער איז ניט גוט, זי פילט זיך ניט געזונט, און זי טוט איר געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט מער ווי אירע קרעפטן דערלויבן איר. זי האָט פשוט קיין צייט ניט זיך צוהערן צו זיך, זי איז שטענדיק פאַר־אַרבעט מיט אַלע וויכטיקע געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייטן. שטענדיק פאַר־אַרבעט און פאַר־אַרבעט.

מעקס אַלין, ראָטשעסטער, נ. י.

כ'האָב זיך באַקאַנט מיט אים אין דער ליובאַוויטשער שול ביי א חסיד'ישער הילולא און זעענדיק וואָס פאַר יונגערמאַן ער איז, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז פּאַסיק צו זיין אין אַ קאַמיטע פאַר מיין אַרבעט. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: צי ער האָט צייט. האָט ער מיר געענטפערט: „אַז מען האָרף מוז זיך שוין צייט געפונען".

ר' דוד ניעמקין, ראָטשעסטער, נ. י.

אין ראָטשעסטער איז פאַראַן איינע פון די שענסטע „תלמוד תורה'ס" איבערן לאַנד, איז עס מר. ניעמקין איר פּאַרוואַלטער; ער איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר איר פּראָגרעס, ער איז שטענדיק פאַרנומען און אויסער דעם איז ער שטענדיק אַקטיוו אין אַלע אַנדערע וויכטיקע געזעלשאַפטלאַכע ענינים.

אַז איך בין אָנגעקומען מיט מיין אויפגאַבע קיין ראָטשעסטער, האָט ער זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט, מיט עצות, מיט אָנווייזונגען און טאַקע מיט אַ גאַנג אויך. ער האָט ניט קיין אויטאָמאָביל, גייט ער צופוס, אַ ברירה האָט ער. מ'מוז, זאָגט ער, אַרבעטן צו זיין אַ איד.

באַררים הייטאָוויץ, ראָטשעסטער, נ. י.

ער האָלט מיך אין איין דערמאָנען „אַז אַלע יאָר אַרבעט ער מיט אונזערע פאַרשטייער, ווען זיי קומען קיין ראָטשעסטער". איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט אים נעמען צו מיין אַרבעט, ווייל איך ווייס ווי שווער אַ סטאָליר האָרעוועט אויף זיין פּרנסה. אַ גאַנצן טאָג שטייט אָט דער ערלאַכער הייטאָוויץ און האָרעוועט מיט דער זעג און הובל, איז פאַר אים דער אָוונט נויטיק צו אוסרועןן זיך. אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען. אָבער ער האָט אַנדערש פאַרשטאַנען. ער זאָגט, אַז די בעסטע מנוחה איז, ווען מ'טוט אַ גוטע זאַך. און וואָס קען נאָך זיין בעסער, זאָגט ער, ווי אַז מ'טוט אַ וואוילטעטיקע אַרבעט.

מר. האָלענדער, ראָטשעסטער, נ. י.

דער בית היתומים אין ראָטשעסטער איז ניט נאָר אַ אידישער אַנשטאַלט, נאָר ער איז פול און פול מיט אידישן חן. זיין אויסערלאַכער אויסזען און זיינע אינערלאַכע איינריכטונגען זיינען פונדאַמענטאַלע אידיש. ער איז ניט שרייענדיק, ווי אַנדערע אַזעלכע אַנשטאַלטן אין אַנדערע שטעט. שטיל, באַשיידן, צניעות'דיק פונקציאָנירט אַז אַנשטאַלט אַ מוסטער. אין דעם

איז פאַראַנטוואָרטלאַך מר. האַלענדער, דער פאַרוואַלטער, זיין ווערטע פרוי און פערסאָנאַל.

איינגאַנצן זיין צייט, ענערגיע און פייאיקייט איז געווידמעט צו זיין הייליקער אַרבעט און דאַך האָט ער נאָך געפונען גענוג צייט צו טאָן ערלאַך אונזער אַרבעט אויך.

מר. ראָזענבערג, ראָטשעסטער, נ. י.

איך שטיי אין שול און פיר אונטערהאַנדלונגען מיט אַ קאָמיטע־מאַן „ווען מיר זאָלן מאָרגן אַרויספאָרן צו דער אַרבעט". איך באַמערק ווי לעבן מיר דרייט־זיך־אַרום אַ יונגערמאַן אַ פאַרהאָרעוועטער, און איך זע, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן. גיב איך אים אַ געלעגנהייט, ער זאָל מיר זאָגן וואָס ער וויל. רופט ער זיך אָן: „איר'ט אַנטשולדיקן. איך הער, אַז איר דאַרפט אויף מאָרגן אַ מאַשין, איך וואָלט אייך וועלן פאָרלייגן מיינע, איך ווייס אָבער ניט צי זי איז לכבודכם".

אויף מאָרגן, אַז איך בין מיט אים אַרומגעפאָרן אין זיין „סוכּה אָן אַ דאַך" בין איך געוואָר געוואָרן אַז אויסער דעם וואָס ער איז אַ ערלאַכער און אַ האַרציקער יונגערמאַן איז ער אויך אַ פאַרהאָרעוועטער בעל מלאכה. אַ פלאָמבער איז ער.

זילבערבערג ברידער, נאַיאַגראַ פאָללס, נ. י.

איך בין אַריינגעקומען אין זייער גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר, וועלכער איז באַרימט אינם גאַנצן געגנט, איז צו מיר באַלד צוגעקומען אַ ניט־אידישער אַנגעשטעלטער און באַגריסט מיר זייער העפלאַך. ער דערקענט אין מיר, זאָגט ער, אַז איך בין אַהער געקומען צוליב געזעלשאַפטלאַכע אינטערעסן, וועט ער צו מיר באַלד אַרויסרופן פּאָול'ן.

איך באַדאַנק אים און איך ווייס אַלץ ניט ווער איז עס דער פּאָול? אים פרעגן האָב איך ניט געקענט, ווייל תּוך כּדי דיבור איז ער שוין ניט געוואָרן. אָבער אין אַ מינוט אַרום איז מיר שוין אַנטקעגן געקומען אַ שלאַנקער שיינער בחור און מיט אַ נאַטירלאַכן שמייכל שטעלט ער זיך פאַר מיר פאַר: „פּאָול זילבערבערג" און ער זאָגט מיר אַז ער דערוואַרטעט דעם פּאַ יעדע סעקונדע. בעט ער מיך אַרויף אויבן אינם גרויסאַרטיקן שיינעם אָפיס. ס'האָט געדויערט אַ צוואַנציק מינוט ביז זיין פאָטער מר. לואיס ס. זילבערבערג איז געקומען, אָבער אַ סעקונדע האָב איך דאָ ניט געפילט לאַנגווייל. דער שיינער און דערצויגענער בחור'ל האָט מיך אויף אַ ווײַלע ניט געלאָזט אַליין. זיצט ער און רעט מיט מיר, ער וויל הערן עפּעס נייס פון דער גרויסער

אידישער וועלט, ער וויזט מיר אַלע אידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן, וועלכע זיינען נאָך־וואָס דערהאַלטן געוואָרן. ער לייענט אַלעס, וואָס עס איז גע־דרוקט אין ענגליש וועגן אידן און אידישע פּראָבלעמען.

און אָט קומט אריין דער שלאַנקער און מיט אידיש־מענטשלאַכן חן, מר. לואיס ס. זילבערבערג. פאול הויבט זיך באַלד־אויף אינם כבוד פון זיין ליבן פאַ און מיט פרייד באַקאַנט ער מיך מיט אים. עס הויבט זיך־אָן אַ אינטערעסאַנטער ליבער געשפּרעך. אָט דער גרעסטער ביזנעסמאַן איבערן גאַנצן געגנט וויל ניט אַנדערש נאָר מיט מיר זיצן אין זיין באַזונדערן פּירשטלאַכן קאַבינעט און רעדן מיט מיר וועגן אידישע אינטערעסן.

ער מאַכט מיר באַקאַנט וואָס עס טוט זיך אין זייער רעפאָרם־טעמפּל. זיי האָבן אַ פעדעריישאַן פון זייערע מיטגלידער, און אַלערליי צדקות צאָלן זיי דורך זייער טעמפּל.

איז אָבער מר. זילבערבערג אַזויפיל ברייטהאַרציק אַז ער קען זיך ניט באַנוגנען בלויז מיט זיינע גרויסע נתינות דורכן טעמפּל, גיט ער בסוד, אַז קיינער זאָל ניט וויסן אויך אַ גרויסע נתינה צום אַנשטאַלט אויסער דער קאַסע פון זייער פעדעריישאַן.

איך האָב זיך געפילט ממש באַגייסטערט פון אַזאַ שיינער אידישער פאַמיליע אין אַמעריקע. אַ געפיל פון אַ העכערן סאָרט דרך־ארץ רופט ביי אייך אַרויס אַזאַ אַנגענעמע באַקאַנטשאַפט.

אין שטאָט בין איך נאָכער געוואָר געוואָרן אַז אָט דער גענאַנטישער דעפּאַרטמענט סטאָר ווערט פרייטאג פאַרנאַכט געשלאָסן און עפנט זיך ערשט שבת אָוונט נאָך הבדלה.

בערל גילמאַן, נאַיאגרא פאָלס, נ. י.

איך בין צו אים געקומען מיט אַ גאַנצער טענה: „זענט איר אַ פּרעזי־דענט ביי אידן, דאַרפט איר אַלע אַרבעט פּריסירן און באַלד אַרויספאָרן איבערן שטאָט". ענטפערט ער מיר: „יע פּרעזידענט, ניט פּרעזידענט, פאָרן דאַרף מען". ער קען אָבער די ביזנעס ניט איבערלאָזן. נעמט ער און טע־לעפאָנירט אַהיים און רופט אַרויס זיין גראַטענעם בחור'ל, ער זאָל באַלד צוקומען מיט דער מאַשין. מר. גילמאַן איז אַן אויסגערעכנטער געשעפטס־מאַן: ער האָט דאָ איצטער געטאָן צוויי גוטע זאַכן, מיר האָט ער אַרויס־געהאָלפן אין דער אַרבעט און דערוויל געוואונט־ער־איין זיין קינד צו טאָן גוטע געזעשאַפטלאַכע אַרבעט.

הרב שפּירא, יוטיקע, נ. י.

מיין ערשטער וויזיט איז געווען ביי רבי שפּירא. ער האָט געטאָן די ערשטע און אַלעמאָל די וויכטיקע אַרבעט פאַר מיין אויפגאַבע. די רבי׳צן האָט מיר געבעטן צו וואַרטן אין אָפּיס, דער רב איז גראָדע אין דער היים ניט געווען. אין אַזאַ אָפּיס האָט מען בכח צו זיצן אַליין אַ גאַנצן טאָג און אפשר אַ גאַנצע וואָך, און ס׳זאָל אַלץ ניט הייסן אַז מ׳איז אַליין. מ׳קען זיך דאָ ניט לאַנגווײַלן, אַז אַלע ווענט אַרום און אַרום פונם פּאָל ביז דער סטעלי זיינען פול און פול מיט געפּאַקטע שאַפעס ספרים מכל המינים. רבי שפּירא, אַ יונגערמאַן מיט אוניווערסיטעט בילדונג, זיצט טאַקע בפועל ממש און לערנט. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין יוטיקע אַ צוויי וואָכן, ביז איך די גאַנצע צייט געווען דאָרט אַ בן בית. די רבי׳צן וויל ניט אַנדערש, זאָגט דער רב, אַז איך זאָל עסן ביי זיי. אַזוי איז זי דערצויגן פון אירע באַרימטע וואוילטעטיקע עלטערן, מר. און מרס. פינק אין פּאַסייק, נ. דז. און אַזוי איז איר פירונג ביי זיך. האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען, אַז אין אַמעריקע קען מען זיין אַ רב פונקט ווי אין דער אַלטער היים. מ׳דאַרף עס נאָר וועלן. מ׳דאַרף דערצו האָבן אַ נאַטירלאַכע אייגנשאַפט. רבנות איז סוף כל סוף ניט קיין פּראָפעסיע; מ׳קען זיין אַ בקי בש״ס ופוסקים און דאָך זאָל מען אַ רב ניט קענען זיין. רבנות אַלס אַ פּראָפעסיע באַגראָבט זיך מיט איר טרעגער צוזאַמען. רבנות איז אַ גייסטיקע הויכקייט, וואָס דאַרף דערהויבן דעם משפיע און די מושפעים אַן שום אייגננוצקייט, און גאָרניט זעלטן קומט עס אויס ביי אַ סך שוועריקייטן און שטערונגען. אָט אַזאַ רבנות איז, לויט מיין אָפּשאַצונג, די רבנות פון הרב שפּירא. דאָס איז אַ פערזאָן וואָס טראָגט אין זיך אַ רבנות, אַ הויכקייט. דאָס מוזט איר דערפילן באַלד ביים אַריינקום. אַזוי איז דער רב, אַזוי איז די רבי׳צן מיט אַ טיפן פאַרשטאַנד צו קענען מענטשן, און אַזוי ווערן דערצויגן זייערע קינדער צפורה און מרדכי.

סעמיועל קארל, נאיאגרא פּאָלס, נ. י.

ניט קיין פאַרהייראַטער אַמעריקאַניזירטער יונגערמאַן און איז צווישן די ערשטע פאַראינטערעסירטע אין אונזערע וואוילטעטיקייטן. איך בין געווען ביי אים אין הויז, איך בין געווען איינגעלאַדן צו אָונט־ברויט מיט זיינע גוטע עלטערן. אַ פאַלשטענדיקע היימישע אַטמאַספער מיט אַלע איינצעל־הייטן. עפּעס ווי אויסגערעכנט איז אַריבערגעפירט געוואָרן אַ שטיק היימישע היים און מ׳האָט זי דאָ אופמערקזאַם אריינגעפלאַנצט אין דעם נייעם רייכן גאָרטן וואָס ס׳הייסט אַמעריקע. אַזוי פילט איר ווען איר זעט זיי אין זייער שיינער היים, אים, זיינע עלטערן און זיינע גראָטענע שוועסטערלאַך.

ה. וו. מאַרקוס, אַליען, נ. י.

אין דעם שטעטל בין איך אָנגעקומען דאָנערשטאָג שפּעט ביינאַכט און דורך אַ צופאַל האָט מיך דער טעקסי־מאַן צוגעפירט צום גרעסטן און שענסטן האָטעל. אין דערפרי ווען מר. מאַרקוס האָט מיך מקבל פנים געווען, האָב איך זיך פאַר אים געקלאָגט, אַז אַזאַ האָטעל איז צו טייער פאַר אַ פאַרשטייער פון אַ וואוילטעטיקן אַנשטאַלט. שמייכלט ער און זאָגט: „סיי ווי סיי זענט איר דאָ אויף מיינע הוצאות".

זיין ערשטע אויפנאַמע וואָס ער האָט מיר דעם אינדערפרי געגעבן איז געווען אויף אַן אָפיציעלן אופן אין די רייכע קלוב־צימערן פון די פאַרנעמסטע היגע ביהגער. אין זיין פרישן בלויען אַנצוג, מיט זיין בלאָנדן אַביסעלע גרוילאַכן קאָפּ־האָר און פראַנצויזיש בערדל, מיט זיינע רויטלאַכע באַקן און גלייכע שולטערן, האָט ער אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ מאַן פון אַ יאָר עטלאַכע און פערציק. זיין אויסשפּראַכע איז אַ ווייכע און אַ געלאַסענע. אויגן מיט אַ גלייכן אָפענעם בליק. אַ געזיכט אַ פאַלשטענדיק רוהיקע און אַביסעלע פאַרטראַכט. אונזער גאַנצער געשפּרעך האָט זיך געפירט אויסשליסלאַך אַרום דעם ענין, וועגן וועלכן איך בין אַהער געקומען. אַ זאַכליכער געשפּרעך אויף אַ סוחר׳ישן אופן. איבערגעקוקט די צעטלען פון אָפּיס, אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פאַר זונטאָג, געוואָר געוואָרן, אַז זיין נתינה איז אַזוי פיל וויפיל אַלע היגע אידישע נתינות צוזאַמענגענומען, געזעגנט זיך מיט אים און בין אַוועק פון אַזאַ וויזיט אַ באַגייסטערטער און גוט געשטימט. עס האָט מיר פּשוט הנאה געטאָן, צו באַגעגענען זיך מיט אַ האַרציקן גוטן אידן. אָבער איך זאָל וויסן ווער אָט דער מר. מאַרקוס איז אין אַלגעמיין, ווייס איך ניט.

דערוויל איז עס פּריוויט בייטאָג. איך האָב נאָך אַ סך שרייב־אַרבעט צו טאָן, קום איך אין מיין רייכן האָטעל (וואָס די הוצאות זיינען ניט אויף אונזער חשבון) און מאַך זיך היימיש. פאַרנאַכט, אַזוי אַ האַלבע שעה פאַר ליכט בענטשן, גיי איך אַרויס איבערן שטאָט און לאָז זיך גיין אין שול אַריין. קומט מיר אויס צו פרעגן ביי אַ פּאָליסמאַן, וואו די היגע אידישע שול איז. ענטפערט ער מיר, אַז קיין רעגעלע שול האָבן נאָך די היגע אידן ניט, נאָר אייטש דאַבליו (אַזוי רופט מען דאָ מר. מאַרקוס׳ן, ביי זיין ערשטן נאָמען) האָט זיי אָפּגעגעבן אַ גרויסן זאַל אין זיין בילדונג אויף דער הויפּט גאַס, איז דאָרטן דאַוונען זיי און דאָרטן איז די היברו סקול און אַלעס איז דאָרטן. ווער איך דערוויל הייסט עס געוואָר, אַז מר. מאַרקוס איז אַן אייגנטימער פון אַ בילדינג אויף דער הויפּט סטריט.

איך קום צו גיין אין דער דאָזיקער שול זע איך נאָך קיינעם ניט, נאָר מר. מאַרקוס דרייט זיך אַרום מיט אַ האַנטוך און ווישט די בענק. איך וויל אים ניט שטערן אין זיין אַרבעט און זעץ מיך אַוועק אויף אַן אָרט און ווער פאַרטראַכט. דער עולם הויבט זיך־אָן דערווייל צענויף קומען, מ'דאַרף זיך שטעלן דאַוונען, ווערט מר. מאַרקוס „ביזי" מיט סידורים פאַנאַנדערטיילן צו די עלטערע און צו די יונגערע.

גייענדיק צוריק פון שול ווער איך דערווייל געוואָר, אַז דער גרויסער שיינער האָטעל וואו דער טעקסימאַן האָט מיך דורך אַ צופאַל אַריינגעפירט איז אויך אייטש דאָבליו'ס און דער גרויסער פּאַלאַץ וואו ער האָט מיך היינט אינדערפרי אויפגענומען איז אויך זיינער. דער איד וואָס איז געגאַנגען מיט מיר, האָט אָנגעהויבן אויסרעכנען אַ צעטל פון „פּראָפּערטי", אַז איך האָב אים געבעטן רחמים ער זאָל „סטאָפּן", דער קאָפּ האָט מיר פּשוט אָנגעהויבן שווינדלען. איך בין דאָ איבער'רעש'ט געוואָרן ניט פון דעם, וואָס איך הער אַ „גוואַלדאַוונע ניים", אַז ס'איז פאַראַן אַ איינער וואָס איז אַזוי רייך. איך בין דאָ איבער'רעש'ט געוואָרן גאָר פון עפּעס אַנדערש, פון אַ גאָר וויכטיקערע דערשיינונג: אַזאַ מיליאָנער און אַזוי באַשיידן. און עס קומט ביי אים אויס עפּעס אַזוי נאַטירלאַך. איך רעד אָפּ מיט דעם מיליאָנער אַ שטונדע נאָכאַנאַנד בשעת ער גיט מיר זיין האַרציקע אויפנאַמע, און איך זאָל עס אויף אַ האָר פילן, אַז דאָ זיצט פאַר מיר אַ איד וואָס פאַרמאָגט אַזאַ רייכקייט!

צום געזעגענען זיך זאָגט מיר מיין באַגלייטער: אויב איך וועל אים דערלויבן צו קומען נאָכן עסן אין מיין האָטעל, וועט ער מיר עפּעס מיט־ברענגען אַ שיינע זאַך. אַרום צען אַ זייגער טרעף איך מיין אידן אין דער „לאָבע" פון מיין האָטעל און ער ווייזט מיר אַ צייטונג וואו „אייטש דאָבליו" איז פאָטאָגראַפירט מיט פּרעזידענט רוזוועלט און איך לייען דאָרט אַ גאַנצע היסטאָריע:

קיין אַמעריקע ברענגט אים זיין מוטער, ווען ער איז נאָך אַ יונגל געווען און הויבט־אָן אַרבעטן ביי זיין ברודער אין סטאָר אין מאָביל, אַלאַבאַמע. נאָכער אַרבעט ער אין ניו יאָרק און אין ברוקלין, און צוריק מיט אַ פופציק יאָר פאָרט ער אַריבער קיין אַליען, וואו ער הויבט אָן האַנדלען פאַר זיך ביז ער דערגרייכט צו אַזאַ גרויס עשירות און זאָגט: „גענוג האַנדלען". ער ווערט דאָ פּרעזידענט פון „טשעמבער אָף קאָמערס", ער ווערט דאָ דער טשערמאַן פון דער אינדאַסטריעל קאָמיטע, ער ווערט דאָ „אייטש דאָבליו". אָט דער נאָמען ווערט דאָ אַרויסגערעדט פון אַלעמען מיט אַזאַ דרך ארץ, מיט אַזאַ ליבשאַפט. און, אמת זאָגנדיק, איז עס גאָר קיין חידוש ניט: אַ מענטש וואָס איז אַ משך פון 70 יאָר איז ער אַלץ געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל

ביז ער איז צוגעקומען צו דער גרעסטער שטופּע פון אָנערקענונג און רייכקייט, אַ מענטש וואָס אין אַ משך פון 30 יאָר, אַז ער טראָגט מיט זיך אַ געניאַלע אידייע פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג פון אַ פּלאַן פון נייע „געלט ביללס“, וועלכער איז געליבט געוועזן פון פּרעזידענט רוזוועלט און נאָך אַזעלכע פּאָליטישע גדולים, — אַט אַזאַ מענטש, וואָס אין זיין רייכסטער שטופּע, פאַרט ער אַליין אַרום אַצינד איבער די אַרומיקע שטעטלאַך לטובת דעם פאַר־אייניקטן אידישן רעליף און אין אַליען, איז עס אַ באַשיידענער האַרציקער איד און אויב איר קענט אים נים, וועט איר דענקען אַז איר זעט דאָ פאַר זיך אַ היימישן משכיל, וואָס פאַרמאָגט קיין זאַך נים, נאָר אַ אידיש האַרץ.

מאָזעס, ראַלף און אייק, גלאָווערסוויל, נ. י.

איך בין אַריינגעקומען אין אָפּיס פון זייער גרויסער „גלאָוו פעקטאָרי“, די „אינפאָרמיישאָן“־מיידל נעמט ביי מיר צו מיין וויזיט־קאַרטל און זי פרעגט טעלעפאָניש, אויב זי קען מיך צולאָזן אין קאַבינעט?

אַריינקומענדיק אינווייניק טרעף איך דעם גוטן ראַלף זיצנדיק שלאָפער־הייט אין „אָרם־טשער“. עס ווערט מיר זייער נים היימלאַך אויפן האַרצן. איך האָב שוין נים געטראַכט וועגן מיין אַרבעט וואָס וועט דאַרפן ליידן אַז דער מיטאַרבעט פון אַזאַ וויכטיקן קאָמיטע מאַן. מיר האָט פּשוט ווי געטאָן, וואָס ער איז נים ביים געזונט.

דערוויל באַקאַנט ער מיך מיט זיין ברודער אייק, אויך אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן און ס׳אַנטוויקלט זיך אַן אַלגעמיינער געשפּרעך וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע און ליטעראַרישע ענינים. אויסער זייערע גרויסע פּעאַי־קייטן אין האַנדלס פראַגן, זיינען אָט די געראָטענע ברידער גאַנץ גוט באַ־האַוונט אין ליטעראַטור. אין זייער געשפּרעך וועגן אידישע פּראָבלעמען וויזן זיי אַרויס „אַ געזונטע לאָגיק און דערצו פילט זיך ווי דער גאַנצער ענין „אידישקייט“, אין די ברייטסטע באַגריפן, איז זיי נאָענט נים בלויז צום שכל, נאָר אויך צו זייער האַרצן.

זיצנדיק שלאָפערהייט אויף זיין שטול, האָבן מיר דאָך אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט. מיט זיין הילף זיינען צוגעקומען אַ סך נייע מיטגלידער, אָבער אינטערעסאַנט איז געווען צו זען אים געזונטערהייט ביי אַ געזעל־שאַפטלאַכע אַרבעט. צום צווייטן מאָל האָט ער מיך איינגעלאַדן צו אַ מיטינג אין זייער קאָמיוניטי סענטער, ער איז געווען אַקטיוו צו שאַפן עטלאַכע און אַכציק טויזענט דאָלער פאַר אָט דעם ענין. איז ער געווען באַשעפטיקט וועגן זייער לאָקאַלער גרויסער אַרבעט. דאָס האָט אים אָבער לחלוטין נים

געשטערט צו אינזינגען האָבן אַן אַרבעט־טאָג, טאַקע אויף אַט דעם מיטינג, פאַר אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט.

מר. איזידאָר קאַללמים, טעררימאַן, נ. י.

ער איז באַוואוסטזיניק אויפן געביט פון וואוילטעטיקייט. עס איז צו באַגריסן, זעענדיק אַזאַ גרעסטענעם אַמעריקאַניזירטן יונגערמאַן מיט אַזאַ גרויסן ביזנעס פאַרנעם און האָט אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע וועגן צדקה.

אין געשפּרעך מיט מיר וועגן פאַרשיידענע אַנגעלעגנהייטן, זאָגט ער מיר, צום ביישפּיל, אַז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג דורך פּראַקטיק, אַז וואָס מער צדקה ער גיט, אַלץ מערער קען ער געבן.

און מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז מר. איזידאָר קאַללמים איז אַזוי באַשיידן, אַז אַלע מאָל גיט ער צדקה איבער זיינע כחות און אַלע מאָל זוכט ער אויס אַזעלכע וועגן פון „מתן־בסתר“, אַז ער וויל ניט מען זאָל וויסן פון זיין צדקה וואָס ער גיט.

ער איז שוין אין אַמעריקע עטלאַכע און צוואַנציק יאָר, אַמעריקאַני־זירט אויפן שענסטן אופן און איר זאָלט הערן ווי אַזאַ יונגערמאַן רעדט אַזאַ גוטן אידיש.

אינטערעסאַנט איז צו קענען אויך זיין נאָבעלע פאַמיליע. געהייראַט האָט ער אין אַמעריקע. זיין פרוי איז געבוירן אין דער זעלביקער שטאָט פון וואַנען ער קומט. זייערע דריי שיינע קינדער זיינען דערצויגן אויך אין דעם זעלביקן גייסט ווי זייערע עלטערן — פילן די נויט פונם צווייטן. ניט נאָר זיי האָבן אַן אינטערעס צו העלפן איינעם, ווען ער ווענדט זיך צו זיי נאָך הילף, נאָר זיי זוכן אַליין אַלע מיטלען צו געוואויר ווערן ווער עס איז אַ נויטבאַדערפטיקער, און אויף אַ באַשיידענעם וועג ציינן זיי אים ארויס זייער באַרמהאַרציקייט.

מר. היימאַן שוואַרץ, נאַיאַק, נ. י.

ניט קוקנדיק וואָס זיין שוואונג איז אַזוי גרויס אין האַנדל און אין ריעל־עסטייט, איז זיין האַרץ שטענדיק פילנדיק צו אידישע געזעלשאַפטלאַכע אינטערעסן.

ער איז אַלע מאָל פון די ערשטע נותנים פאַר וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. זיין וואַרימע אויפנאַמע אין אַזעלכע ענינים דערמוטיקן די מאַנער צו טאָן זייער אַרבעט מיט נאָך מער ענערגיע. מר. שוואַרץ קען מיט רעכט פאַר־רעכנט ווערן צווישן דער קאַטעגאָריע צדקה־געבער, וועלכע ווערן באַצייכנט אין תלמוד אונטערן נאָמען „המפיים מתברך בי״א“.

מרס. לאַיעוו, סקענעקטעדי, נ. י.

אין איר דראַג־סטאָר האָב איך זי דעם ערשטן מאָל געזען. זייער באַשעפטיקט איז זי דאָרט געווען. בין איך אָן אַ זייט געשטאַנען און צווישן מיינע צעטלען געזוכט. האָט זי דאָס שנעל באַמערקט און אַ מינוט מיך ניט געלאָזט שטיין.

זי האָט געוואוסט, זאָגט זי, וועגן וואָס איך בין צו איר געקומען, דערפאַר דאַרף מען מיך פריער איידער אַנדערע קונים צופרידן שטעלן.

פרעגט זי וויפיל איז איר יערלאַכעביישטייערונג. אַ קנייטש ווייזט זיך אויף איר גוטן געזיכט. עס איז איר, ווייזט אויס, אַזאַ סכום שווער צו געבן. אירע צאַרטע הענט אַרבעטן אָבער ביי אַזאַ געלעגנהייט גאַנץ גיך. הערט זיך שוין דער קלונג פון דעם רעגיסטער, און איר נתינה איז שוין ביי מיר אין האַנט.

איך פיל מיך ניט איבעריק באַקוועם. איר אַפּטייק (דראַג־סטאָר) איז טאַקע פול מיט סחורה, קונים זיינען טאַקע פאַראַן און וואַרטן אויף זייער ריי. הייסט עס, אַז פרנסה איז ברוך־השם דאָ. דאָך איז מיר אויסגעקומען אַביסל שווערלאַך צו נעמען ביי איר דעם געגעבענעם סכום און ביי איר ניט פרעגן פריער „אפשר איז דער סכום צו גרויס פאַר איר?"

איך האָב זיך באַנוצט מיט די אָנגענומענע ווערטער לויט דער עטיקעט־פאָדערונג און האָב איר אַזאַ פראַגע געשטעלט.

האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— יאָ, אָבער ווער מעג זיך דען רעכענען מיט אַזעלכע שווערקייטן? אונז, געבער, איז נאָך אַלץ גרינגער צו געבן, איידער די נעמער צו נעמען.

מער האָב איך דאָן מיט איר ניט געקענט רעדן. ניט איר צייט און ניט מיין איבעראַשונג האָבן דערצו דערלויבט. האָב איך זיך מיט איר גע־זעגנט און מיט מיין בלייפעדער פאַרצייכנט.

— „אַ אינטערעסאַנטע אידישע טאָכטער".

ראַביי דזשייקוב ס. מינקין, ראָטשעסטער, נ. י.

מיר האָבן אָפּגערעדט זיך באַגעגענען אין זיין טעמפּעל. צו דער אָפּגע־רעטער מינוט האָב איך אים געטראָפן זיצנדיק אין זיין רייכן קאַבינעט, וואו אָט דער פייאיקער גייסטיקער פירער טוט דאָ זיין פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט פאַר זיין קהלה.

אין אַ באַזונדער בריף האָט ער אויפגעפאָדערט אַלע טעמפּעל מיטגלידער צו געבן זייערע ביישטייערונגען פאַר אונזער אַנשטאַלט און אין אָפּיס זיינען צוגעגרייט געוואָרן אַלע זייערע אַדרעסן. די דאָזיקע אַרבעט איז דורך אים געטון געוואָרן ווי מיט אַ באַזונדער ערנסטקייט און אויפריכטיקייט.

ער איז אַ גראַדואירטער נאָך פון יוראָפּ, וואו ער האָט אַ סך געלערנט אין די גרויסע ישיבות און אַלע זיינע רייכע ידיעות, זעט מען, זיינען ביי אים די גייסטיקע כלי־זיין צו דינען מיט זיי, לויט זיין אויפפאַסונג, דעם אידישן קיבוץ, וועמען ער איז באַרופן צו פירן און צו אינזינען האָבן.

מר. אייזיק (יצחק) פליישמאַן, פּאָוקיפּסי, נ. י.

ער און זיינע גראַטענע קינדער זיינען זייער באַשעפטיקט אין זייער גרויסן מעבל־געשעפט. ער האָט קיין צייט ניט אפילו אַ מינוט, מ׳דאַרף אינזינען האָבן יעדע קלייניקייט אום צו פרידן שטעלן די קאַסטימערס. ער האָלט אַז אַ געשעפט האַלט מען טאַקע צוליב פּרנסה, אָבער דער עיקר איז „צופרידנשטעלן יענעם״.

און אַזוי גייט ביי אים די ליניע אויך בנוגע צו וואוילטעטיקע אידישע ענינים — „מ׳דאַרף צופרידנשטעלן אַ צווייטן״. ווי עס ווייזט אוים געדענקט ער נאָך די מעשים פון זיין גוטן פאָטער אין יאַנאָווע, קאָוונער גובערניע. מיר איז באַקאַנט אַ פאַקט, ווי נאָך דער גרויסער שרפה אין יאַנעווע, צוריק מיט עטלאַכע און צוואַנציק יאָר, איז זיין פאָטער געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיין וואוינונג די ליובאַוויטשער חסידים צום דאַוונען, און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט ביז אַ נייע שול איז אויסגעבויט געוואָרן.

מר. מאַיעראָף, קאָהאָס, נ. י.

אַריינקומענדיק אינם אָפּיס פון זיין קוילן־יאַרד, דערלאַנג איך מיין צעטל צו אַ בלאָנדן יונגנמאַן, וואָס זיצט איבער די גראַטעס ביי אַ שיינעם שרייב־טיש. לויט זיין אויפנאַמע וואָס ער האָט מיר געגעבן האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז ער איז דאָ אַ היימישער מענטש און ווייסט אויך פון אונזער אָנשטאַלט. דערפון אַליין האָב איך זיך געפילט גוט געשטימט. עס איז פאַרט אָנגענעם, אַז מען קומט אַריין צו יענעם און איר ווילט אים פאַראינ־טערעסירן אין אַ וועלכע ס׳איז ניט וואוילטעטיקע אַרבעט, איז דאָס ערשטע וואָס מאַכט אייך גוט פילן — זיין פריינטלאַכע אויפנאַמע.

און אַזאַ אויפנאַמע האָט מיר דער יונגערמאַן געגעבן, ווען איך בין אין אָפּיס אַריינגעקומען. פון אָנפאַנג האָב איך געדיינקט, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז עס מר. מאַיעראָף, צו וועמען איך האָב מיין צעטל געהאַט. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז מר. מאַיעראָף אַליין איז ניט געווען דאָן אין אָפּיס, און דער יונגערמאַן איז זיין זון. אָבער אינטערעסאַנט איז געווען צו זען, ווי אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, אַבי ער האָט נאָר אַ גוטע דערצי־אונג ביי אידישע עלטערן, אינטערעסירט זיך מיט אידישע אָנגעלעגנהייטן.

פאַרברייננגנדיק אזוי אין אָפיס, האָב איך באַמערקט, ווי דער יונגערמאַן קוקט דורכן פענסטער און שמייכלט. דערביי רופט ער זיך אָן צו מיר: „דער טאַטע איז שוין דאָ. אין זיינע ארבעטס־קליידער איז ער". דער אַמעריקאַניזירטער יונגערמאַן האָט, ווייזט אויס, גערעכנט, אַז איך שאַץ אַ מענטשן לויט זיינע קליידער, האָט ער מיך געוואָלט דערפאַר צוגרייטן פריער, איך זאָל זיך חלילה ניט אַנטוישן און האָט מיר פאַרגעשטעלט זיין טאַטן נאָך איידער איך האָב אים געזען.

עס איז אָבער נאָר געווען גענוג, אַז ר' אברהם מאַיעראָף איז אַריינגעקומען און ביים ערשטן שלום־עליכם וואָס ער האָט מיר אַזוי אידיש־ברידערלאך געגעבן, האָב איך שוין דערפילט מיט וועמען איך רעד דאָ. „ערלאך", איז צו אַ באַגרענעצטע מיינונג צו זאָגן וועגן אַזאַ מענטשן. ער איז נאָך מער ווי ערלאך. ער איז נאַטירלאך. רעדנדיק מיט אים, פילט איר, אַז דאָ זיצט מיט אייך אַ פערזאָן אָן שום פאַרב און מאַסקעס. קלאָר, ווי די נאַטור, און ווי אויף זיין שטערן וואָלט געווען אויסגעקריצט די דריי באַוואוסטע ווערטער „שחורה אני ונאוה"—דאַכט זיך פאַרסאַזשעט און פאַרשוואַרצט פון קוילן, שטויב און שווערע ארבעט; אָבער ווי שיין און לויטער איז זיין גייסט. איר פילט, אַז איר האָט דאָ פאַר זיך אַ איד אין נאַטירלאכסטן זין פון וואָרט, ווייל ער איז אַ מענטש פון נאַטירלאכסטן זין פון וואָרט. פאַרפירן מיר אַ געשפרעך אויף אַ ליטעראַרישער אָדער אַ געזעלשאַפטלאכער טעמע, פילט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. אומעטום איז ער באַהאַוונט, און אין זיין רעדן פילט איר, ווי ביי אים איז אַ פולסטע האַרמאָניע צווישן מח און האַרץ.

ראַביי פיליפּ בערנסטיין, ראָטשעסטער, נ. י.

זיצט זיך אַ יונגערמאַנטשיק אין אַ פירשטלאַכן אָפיס, איך ווייס ניט צי ער איז שוין פאַרהייראַט צי ניט, זעען זעט ער מיר אויס, ווי פון אַ יאָר צוואַנציק. אַ שיינער סימפּאַטישער פנים מיט פאַר'חלומ'דיקע אויגן וואָס קוקן אין דער וועלט אַריין מיט אַ טיפן פאַרשטאַנד. ער זיצט אַנטקעגן מיר, רעט מיט מיר און קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין און איך זע אין זייער ברייט־עפנונג, אַז זייער בליק איז נאָך ווייטער.

און דער יונגערמאַנטשיק באַזיצט אַ גייסטיקע קראַפט, אַ דענקענדער מח איז ביי אים, און ער איז דער גייסטיקער פירער פון אַ היסטאָרישן רעפאָרם טעמפּל.

איך בין עס געקומען צו אים וועגן מיין מיססיע. ער האָט עס אָנגעשריבן אַ בריף צו זיינע מיטגלידער לטובת דעם אַנשטאַלט וועמען איך האָב

פּאָרטראַטן, האָב איך אויף זיין שרייב־טיש געפונען אויסגעפּוצט־שטיין א פאָטאָגראַפיש בילד פון זיין רבי'ן דר. סטיפאן וויז. זיצט ער אַזוי פאַר־טיפט אין זיינע רעיונות און האַלט א ליניע צו אַט דער בילד.

חזן בערענסאָן, יוטיקע, נ. י.

איך געדענק ניט ווען ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם בעסערן איינדרוק, וועלכן איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן? צי אין דער שטונדע, וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים ביי'ם רב אין שטוב, ביי זייער א וויכטיקן געשפּרעך, אָדער בשעת איך האָב געהערט זיינע זיסע תפלות אין זיין שול, די עלטסטע אין שטאָט?

ווי די מעשה איז, — אַט דער גראַטענער יונגערמאַן, א מושלם בכל המעלות, אַז ביי מיר פאַרצייכנט צווישן די שענסטע באַגעגענישן אין מיין טור. ער איז א באַרימטער חזן, ער איז א באַרימטער שוחט, ער איז א באַרימטער מוהל און ער פאַרמאָגט אַנדערע מעלות אין זיך. אָבער צו יעדער מעלה באַזונדער און צו אַלע מעלות אינאיינעם קומט נאָך איין „קלייני־קייט" — „מענטש".

ער קען ניט איינזיצן

אונזער ניישאַנאַל דירעקטאָר רב לאַמעד, איז אינגאַנצן אַנטמוטיקט און אַנטוישט פון די היגע אידן.

— שוין. מער גייט ער צו זיי ניט, צו די היגע אידן! — טוט ער א מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער איז זיך מיאש פון א לאַנג־פאַרלוירענער זאַך און האָט שוין מער ניט די האָפענונג צו קריגן זי נאָך אַמאָל.

זיין טשעק פאַרן אַנשטאַלט וויל ער מיר געבן, אפילו צוויי מאָל ווי פאַר יאָרן. נאָר גיין צו די היגע אידן און מאָנען ביי זיי געלט — דאָס וועט ער ניט טאָן פאַר כל המאַיאַנטעקעס אין דער וועלט. ער וויל ניט קריגן געזידעלט פון זיי. ער איז שוין, זאָגט ער, אַזוי פיל דערעסן ביי די היגע אידן, אַז טאָמער דערזעט מען אים אין א אידיש הויז אָדער אין א אידישער קלייט, אַנטלויפט מען פון אים ווי פון א גזלן, אָדער מען זידלט אים אַזוי פיל אויס, אַז ער מוז אין דער גיך כאַפּן און אַנטלויפן.

פאַר פאַרדראָס צולאַכט ער זיך:

— איך האָב זיך, זאָגט ער, אַזוי פיין אַרויפגעאַרבעט זינט איך בין נעוואָרן אַ קהלשער פאַרזאָרגער, אַז איך קען מיט אַ היגן אידן אויף איין ברעט ניט שטיין — אָדער ער אַנטלויפט פון מיר אָדער איך אַנטלויף פון אים. איך וועל שוין באַלד אַ אידן ניט קענען זאָגן „גוט־מאָרגן" אפילו. זיי האָבן מורא פאַר מיר, טאָמער וועל איך ביי זיי אַ נדבה בעטן.

איך שטיי אַלץ און הער ווי דער גוטער איד גיסט אויס פאַר מיר זיין ביטער האַרץ און עס נעמט מיר ניט קיין חשק אפילו מיט אַ וואָרט ניד אָנצורופן. נו, טאַקע — וואָס זאָל איך אים זאָגן און וואָס האָב איך אים צו זאָגן? ווייסן ווייס איך פון אים, נאָך איידער איך האָב אים פער־זענלאַך געזען. איך האָב געהערט וועגן אים, נאָך איידער איך בין אַהערצו געקומען, און אפילו דאָ, צווישן די היגע אידן, „וואָס קענען אים ניט אָנ־קוקן", איז ער געשעצט און געקרוינט. ערשטנס, איז ער טאַקע, קיין עין הרע ניט, אַ איד אַ גביר, און וואָסער איד האָט דען ניט קיין דרך־ארץ פאַר אַ גביר; וואָסער איד דערמאָנט אייך באַלד ניט, אַז „רבי מכבד עשירים" — רבי אַליין, דער גרויסער רבי, האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר אַ גביר, נו, זאָל אַ היגער איד קיין דרך־ארץ ניט האָבן פאַר אַ גביר? און, צווייטנס, ווייסט מען, אַז די ערשטע נתינה פאַר אַ דבר שבצדקה איז זיינע. איז ער טאַקע ביי זיי פון די שענסטע באַלעבאַטים. נאָר איין חסרון האָט ער, אַט דער רב לאַמעד — טענה'ן די שטעטלדיקע אידן — ער איז צופיל אַ דערקוטשליוועי אין צדקה־זאַכן. מען קען גאָר פון אים ניט אויסהאַלטן. עס האַלט שוין דערביי — גיט מיר צו פאַרשטיין אַ היגער איד — אַז מען שטייט אויף אין דערפרי, און מען גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און מען עפנט־אויף די טיר, דאַרף מען פריער דורך אַ שפּאַרונקאַלע אַרויסקוקן, צי מיסטער לאַמעד גייט ניט.

שפּעטער מיט אַ פּאָר שטונדן, ווען איך האָב שוין אַ שיינע עטלאַכע וויזיטן געפּראַוועט מיט אַן אַנדער קאָמיטעמאַן, באַגעגן איך רב לאַמעד'ן שטיין ביי אַ קאָרנער.

— וואָס טוט איר דאָ, רב לאַמעד? — פרעג איך אין אַ פריינטלאַכן טאָן.

טוט ער אַ שמייכל, ווי פאַרשעמט, און ענטפערט:

— איך קען ניט איינזיצן. איך מוז מיט אייך גיין.

צום אנדענק

מר. הארוויץ ע״ה, גלאווערסוויל, נ. י.

ער איז געווען א שאפער און א גרויסער אויפטוער אין זיין לעדער־פאבריק און איז אויך געווען א גענניאלער אויפטוער אויפן געביט פון צדקה. זיין אופן פון צדקה געבן איז געווען צו באוואונדערן.

ער האט באהערשט א סך שפראכן, איז אבער געקומען צו אים א משולח פון אן אנשטאלט, האט ער פרינציפיעל גערעט מיט אים נאר אידיש.

זייענדיק אין גלאווערסוויל האב איך פון אלעמען געהערט אט דעם גרויסן שאדן דורכן פארלוסט פון אזא גוט־הארציקן אידן. א שטאלץ איז ער געווען פאר דער גאנצער אידישער געזעלשאפט, און אויך די ניט אידישע בירגער, פון די אנגעזעענסטע אין דער קאמיוניטי, האבן געוואוסט ווי צו שעצן אזא חשוב׳ן בירגער פון זייער שטאט.

זיין גרויסע פירמע „בארביב לעדער קאמפאני״ ווערט איצט געפירט דורך זיין פייאיקן איידעם, לאיער בערנשטיין, דער מאן פון זייער געראטענער בת־יחידה.

מרס. הארוויץ האט איצטער אן אויפגאבע צו דערציען זייער יונגן בן־יחיד צו גיין אין די זעלבע אידיש־מענטשלאכע גוטע וועגן ווי דער אומ־פארגעסלאכער מר. הארוויץ איז געגאנגען.

די וואוילטעטיקייט און פערזענלאכקייט פון זייער גרויסן איידעם, מר. בערנשטיין איז א זיכערהייט, אז דער אנדענק פון מר. הארוויץ זאל פאר־בלייבן אויף שטענדיק, דאס איז אונזער איינציקע טרייסט.

מר. וויליאם וואולף ע״ה, פארט טשעסטער, נ. י.

א לאנדסמאן פון מיליטאפאל, קרים, רוסלאנד. געבארן ביי זיינע עלטערן ר׳ יעקב מיטניק אין וואסילעווקע, טאווריער גובערניע, קרים, רוס־לאנד.

1894 געקומען אין אמעריקע. קיין פריינט ניט געהאַט. די ערשטע פריינטלאַכע האַנט האָט אים אויסגעשטרעקט די „האיאַם", מיט עסן, טרינקען, שלאָפן און אויך פאַרזאָרגט מיט אַרבעט.

מר. ליפּקין פון ניו־יאָרק, אַ לאַנדסמאַן פון קורלאַנד, האָט אים געדינט ווי אַן אייגענער פאָטער ביים אַריינקומען אין אַמעריקע.

1898 חתונה געהאַט מיט רבקה מאָוף פון שאַוולי. 1905 פאָרן זיי אַריבער קיין פאָרט טשעסטער און זיין פיינט סטאָר איז איצט צווישן די גרעסטע אין דעם געגנט.

מר וויליאַם וואָלף איז איינער פון די וויכטיקסטע כלל־טוער אין פאָרט טשעסטער.

ניט קוקנדיק דעריף וואָס ער איז שטענדיק באַשעפטיקט אַלס אַ גרויסער ביזנעסמאַן, גיט ער אָפּ זיין צייט פאַר די וויכטיקע אַנשטאַלטן, ווי „האיאַם", דענוועזר האָספּיטאַל א. א.

ווען איך האָב אויף מיין טור באַזוכט פאָרט טשעסטער, האָט ער זיך געקלאָגט פאַר מיר אַז ער איז שלאָף. איך האָב בפירוש אים ניט געוואָלט מטריח זיין מיט מיין אַרבעט. ער האָט אָבער מיר דערקלערט, אַז ער וועט פילן אַ סך ערגער אויב ער וועט מיר ניט אַרויסהעלפן אין אונזער מיסיע.

אין אַ יאָר אַרום איז מיר אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער גוטער און וואוילטעטיקער איד, מר. וויליאַם וואָלף איז שוין מער ניטאָ צווישן אונז.

אַ שאָדן, אַ גרויסער שאָדן. איך בין אָבער זיכער, אַז זיינע גראָטענע זין, אַמעריקאַנער געבוירענע, לואיס און דוד, וועלכע זענען אַזוי גוט אידישדערצויגן, וועלן געוויס גיין אין די גוטע וועגן פון זייער גוטן טאַטן און דאָס וועט זיין אַ טרייסט צו זייער ליבער מוטער או צו אונזער געזעלשאַפטלאַכקייט.

ר' דוד טשערנין ע"ה, בינגהאַמפּטאָן, נ. י.

פאָרנדיק אַהין בין איך געווען זייער אויסגעמאַטערט פון צופיל אָנשטרענגונג. מיין איינציקע האָפנונג איז געווען, אַז אָט קום איך קיין בינגהאַמפּטאָן, דאָרט וועל איך שוין ניט דאַרפן אַזוי פיל האָרעווען און זיך אָנשטריינגען. דאָרט האָבן מיר אונזער שטענדיקן פריינד ר' דוד טשערנין. ער איז עס געווען דער ערשטער וואָס האָט אין דער דאָזיקער קהלה אָרגאַניזירט אַ מיטגלידערשאַפט צו אונזער אַנשטאַלט, ער איז עס געווען דער שטענדיקער אַקטיווער טוער פאַר אַלע געזעשאַפטלאַכע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן און ער וועט עס אויך דעם מאָל אַרבעטן און אַרויסהעלפן אונז אין דער וויכטיקער אַרבעט.

באַלד פון באַן־הויף פאָר איך גלייך צו זיין היים און — שוין מער ניטאָ אָט דער הארציקער ר׳ דוד. ערשט נעכטן אַכט טעג געוואָרן, אַז די היגע אידישע קהלה האָט אים צו זיין אייביקער רו אוועקגעפירט.

די נאַבעלע מרס. טשערנין באַגעגנט מיר ביי דער טיר מיט אַ געוויין: — ניטאָ שוין דוד! און אַ ציטער האָב איך געטאָן פאַר ווייטאָג און פאַר אנטוישונג.

איין טרייסט איז אָבער דאָ אין אונזער גרויסן פארלוסט — די געראָטענע קינדער וועלן נאָכפאָלגן די גוטע מעשים פון זייער וואוילטעטיקן פאָטער.

איך קען פערזענלאָך זייער גרויס געראָטענעם זון, לאָיער טשערנין. שטאַרקט עס אין מיר די האָפנונג, אַז זייערע קינדער וועלן אָנהאַלטן אויף שטענדיק דעם גוטן אָנדענק פון זייער גוטן טאַטן.

עדדי קאַרנביין ע״ה, נאיאגרא פאָללס, נ. י.

דאָס איז געווען אַ זיסער און הארציקער אידישער בחור׳ל. ער האָט נאָך דאָמאָלס פאָרטגעזעצט זיין שטודיום, האָט ער מיך גענומען אין זיין מאַשין און האָט מיך ארומגעפירט איבערן שטאָט צו זעען זיך מיט אונזערע ביי־שטייערער.

אַ גאַנצן טאָג פון אינדערפרי ביז אין אָוונט האָט ער געאַרבעט אַזוי געטריי און אַזוי איבערגעגעבן, אַז אפילו גיין אָפּעסן האָט ער זיך ניט גע־וואָלט פאַרגינען. כאָפּט ער אַ ביים זיצנדיק אין מאַשין און די הייליקע ארבעט, זאָגט ער, זאָל ניט געשטערט ווערן. און אומעטום וואו ער איז מיט מיר אריינגעקומען איז געוואָרן אַ שמחה: „עדדי, העללאו עדדי“. יעדערער האָט אים ליב געהאַט, אָט דעם הארציקן בחור׳ל.

אַ בן יחיד ביי זיינע עלטערן. גוט דערצויגן געוואָרן צוזאמען מיט זיין יונגערע געראָטענע שוועסטערל, איז ער געווען זייער צוגעבונדן צו זיי. איז געקומען פון אָוונט, בעט ער מיך אַנטשולדיקונג, „ער האָט צוגעזאָגט דער מוטער זיין פונקט 7 אינדערהיים, וויל ער ניט, זי זאָל איבערטראַכטן.

דער הארציקער עדדי האָט ניט געוואָלט, אַז זיינע טייערע זאָלן וועגן אים איבערטראַכטן אפילו אַ מינוט, איז געקומען דער אומ׳ברחמנות׳דיקער טויט און האָט אויסגעבראָכן אַזאַ זאַפטיקע זיסע צווייג.

אין אָנדערטהאַלבן יאָר ארום בין איך צופעליק געווען אין נאיאגרא פאָללס, און ביי זיין לויה געווען. איך האָב אָפּגעפירט צו דער אייביקער רו, מיין זיסן און הארציקן עדדי׳ן.

אַ טראָפּן פון אַ גאַנצן ים, אַ ביטערן.

כדי צו דערגענצן די גאַנצע בילד פון אונזער געזעלשאַפטלאַכקייט מוז איך דאָ ברענגען אויך די שאַטנדיקע זייט, וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט. איך האָב זיך אַ סך געישוב'ט צי איך זאָל עס טאָן. איך האָב זייער ניט ליב אָנווייזן אויף שלעכטע מענטשן אָדער שלעכטע מעשים אפילו. מיין גאַנג איז אַז דורך דעם וואָס מיר ווייזן־אָן אויף גוטע מענטשן און גוטע מעשים, לערנען זיך אַנדערע אַז שלעכטעס טאָן איז ניט שיין. עס איז אָבער אונטערגעקומען אַזאַ סבה, וואָס האָט אויף מיר געווירקט צו פאַרצייכנען אויך עטלאַכע פון די שלעכטע באַגעגענישן, טאַקע אַ טראָפּן פונם גאַנצן ביטערן ים שלעכטעס וואָס איך האָב דורכגעמאַכט.

צ ע ב ו ט ש ע ר ן

איך קום צום ביישפּיל אַריין צו אַ בשר־כשר קצב און איך גיב אים די אָנווייזונג פון אָפּיס, קיינע קונים זיינען גראָדע דאַמאָלט ניט געווען. דער האַלטנדיק אַ פאַרבלוטיקטן סיגאַר אין מויל, צעסאָרטעוועט ער מיט אַ האַק אין האַנט דאָס פלייש וואָס ליגט אויפן טיש. ער טוט מיך אַ קוק אָן און אינדערגיך אַ פרעג מיט רגזה: „וואָס איז עס“?! ענטפער איך אים. הויבט ער אויף די האַק אַנטקעגן מיר און טוט אַ קריץ מיט די ציין: — איר גייט ניט אַרויס? איך'ל אייך באַלד צעבוטשערן אויף חלקים.

נ י ט מ י י ן ג ל י י כ ן

איך גיי אַריין אין אַ גרויסער סטאָר און איך זע פאַר מיר דעם אייגנטימער. ער ענטפערט מיר ניט אויף מיין באַגריסונג. דערלאַנג איך אים דאָס צעטל פון אָפיס און פרעג אים „וואָס ער מאַכט?“ טוט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ אין פאַראויס און אַ ברום ווי אַ בוהיי: „אייער טאַטנס ביזנעס, וואָס איך מאַך?! זוכט זיך אייער גלייכן!“

ע ר א י ז פ ר אָ ד ו ק ט י ו ו

פון דרויסן ביים אַריינגאַנג אין שוך געשעפט, שטייט אַ טישל מיט אַ באַרג אָנגעוואַלגערטע שיך. דאָס איז פון די שיך וואָס זיינען אַרויס פון דער מאָדע, אַביסל ניט קיין גלייכע אין דער פאָר צי אין פאַרב, דאָרט וועט איר טרעפן אַ פאָר שיך מיט צוויי נעזער אַ שמאָלן און אַ ברייטן. קום איך אָן גראַד אין אַזאַ צייט, ווען דער אייגנטימער איז פאַרנומען אין דינגען זיך מיט אַ ניגערטע, וואָס האָט זיך דאָ אויף דעם מציאה־טיש אויסגעקליבן און צוגעפּאַסט אַ פאָר שיך. איך באַגריס אים און זאָג אים „איך וועל באַלד צוקומען“.

ווען איך בין געקומען צום צווייטן מאָל האָב איך שוין געוואוסט אַז ער איז אַ מיטגליד אין היגן אַרבעטער־רינג. איך דערלאַנג אים די אַנווייזונג פון אַפּיס, רירט ער עס אַפילו ניט אָן, ער קוקט נאָר אַריין וואָס דאָרט איז געשריבן און רופט זיך אָן צו מיר: „פון דעסטוועגן פאַרשטיי איך ניט. אַזאַ געזונטער יונגערמאַן האָט זיך ניט געקענט נעמען צו אַ נוצלאַכערע אַרבעט איידער צו זיין אַ משולח? זעט ווי מיר אַרבעטן אויף צו מאַכן אַ לעבן".

אַזאַ „שלום עליכם"

דער אַדרעס פון אַפּיס־צעטל איז פון זיין היים. זי איז זייער ווייט פון צענטער. אַז איך בין געווען אין געגענט פון די געשעפטן, בין איך אַריינגעגאַנגען צו אים אין געשעפט. נעמט ער ביי מיר צו דאָס צעטל און ווייזט מיר אויפן אַדרעס, אַז אַהין דאַרף איך גיין. ער גיט מיר אין דער גיך אָפּ דאָס צעטל און „אַנטלויפט" פון מיר.

פון אוונט בין איך געגאַנגען צו אים אַהיים. איך קלינג אָן אין טיר. די טיר עפנט זיך און ער באַווייזט זיך אויפן שוועל. איך האָב נאָך ניט אויסגעפייעט צו זאָגן גוטנאָוונט, טוט ער אַ שפּיי און אַ טראַסק מיט דער טיר.

צום זעקסטן מאָל

ביי מיין אַריינקום אין זיין „דזשולערי און פּאָון סטאָר" האָט ער פאַרענדיקט אַ „ביזנעס" מיט אַ איטאַליענערקע. אויף אַ משכון (אַ דימענד רינגל) האָט ער איר אַנטליען צען דאָלער און זי דאַרף אים דעם חוב אָפּצאָלן אין צען וואָכן. אַ דאָלער מיט פופציק סענט אַ וואָך. ער דערזעט מיך און טוט באַלד אַ זאָג „איי'ם ביזי". איך פאַרשטיי, אַז איך דאַרף ביי אַזאַ מאָמענט ניט זיין. שפּעטער מיט אַ האַלבע שעה קום איך צוריק אַריין, נעמט ער ביי מיר דאָס צעטל פון אַפּיס, טוט אַ קוק אין דעם און הייסט מיר קומען שפּעטער. איך פרעג אים „ווען?" ענטפערט ער מיר: „עני טאַים". אין אַ פּאָר שטונדע אַרום קום איך ווידער. דערזעט ער מיך נאָר אויף דער שוועל, טוט ער געשריי: „איי'ם ביזי". מיך האָט זייער אינטערעסירט צו זען מיט וואָס ווערט זיך אַזאַ וויזיט ענדיקן, בין איך זעקס מאָל געווען ביי אים און ערשט צום זעקסטן מאָל האָב איך פון אים באַקומען דעם ענטפער: „איי'ם נאָט אינטערעסטעט".

„געפּאַקט"

איך קום אַריין אין אַ פּרוכט סטאָר. איבער דער גאַנצער לענג פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט שטייט אַ קאָונטער און ביי דער לינקער זייט אַ דורכגאַנג. ביי אָט דעם דורכגאַנג שטייט אַ שיין אַנטוויקלט מיידעלע און דער־

זעענדיק מיך אויף דער שוועל פון אינגווייניק טוט זי מיט אַ קינדערש שטי־מעלע אַ זאָג „פּאַ איז׳נט היר“. עטלאַכע טריט הינטער איר שטייט איר עלטערער ברודערל, אַ יאָר 12, און בייסט נערוועז אַ נאָגל פון זיין פינגער.

מיט דעם וויזיט האָב איך פאַרענדיקט איין טייל פון אַ געגנט און איך האָב געדאַרפט אויסקאַרטעווען די צעטלען פון אַן אַנדער טייל. גיי איך צו צום קאָונטער, ס׳זאָל מיר זיין באַקוועמער אויסצופיילען די עטלאַכע צעטלען. איך דערזע ווי אַ ברייטער הויכער איד זיצט הינטערן קאָונטער איינגעבויגן אין דרייען.

אַ טעות אין אַ אות

אַ רייכער מעבל־געשעפט. אַ שיינער שלאַנקער יונגערמאַן ווייזט מיר אָן צום אייגנטימער. איך גיי צו אים צו און באַגריסנדיק גיב איך אים זיין צעטל פון אַפּיס. באַטראַכט ער עס און זאָגט: „איך צאָל ניט“. פרעג איך אים: „פאַרוואָס?“ ענטפערט ער מיר מיט כעס: „מיין נעים ספּעלט זיך מיט אַ „די“, ניט מיט אַ „טי“, ענד דאָנט באָדער מי“.

גיי זיי אַ נביא?!

אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג קום איך אַריין אין אַ מעבל־געשעפט. ביי אַ ברענענדיק אויוועלע טרעף איך דעם אייגנטימער און באַגריסנדיק אים, גיב איך אים די אָנווייזונג פון אַפּיס. לייענט ער זי איבער און זאָגט מיר, אַז די אָנווייזונג איז אויפן נאָמען פון זיין געשעפט. ער וויל איך זאָל צווישן מיינע צעטלען געפונען אַן אָנווייזונג אויף זיין פּערזענלעכן נאָמען. ווען איך דערלאַנג אים די צווייטע אָנווייזונג אויך, נעמט ער זיי ביידע און לייגט זיי צענויף אַזוי פּאַמעלאַך און געלאַסן, און וואַרפט זיי אַריין אין ברענענדיקן אויוועלע מיט אַ געשריי: „אַפילו אַ פּעני גיב איך ניט“.

איך בין געוואָרן אַ דערציטערטער און זאָג אים: „ניט צו געבן איז אייער ברירה, אָבער וואָס הייסט איר פאַרברענט די צעטלען פון אַפּיס? וואָס זענט איר, אַ פייערמאַכער?!“ דער איד הויבט אָן פלאַמען ווי אַ גזלן און שווייגנדיקערהייט נעמט ער מיך אָן מיט זיינע צוויי ברייטע הענט און בוכטשעט מיך אַרויס פון העט אויבן ביז פון יענער זייט טיר.

אין אַ פּאָר שטונדע אַרום, ווי איך בין אַביסל געקומען צו זיך און איך בין אַרויס פון מיין האָטעל, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ס׳ביי אים געווען אַ שרפה און מ׳זאָגט אַז ער האָט עס דעם פייער געמאַכט.

אונזערע צדקה געבער

(פינפטע אפטיילונג)

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג זיינען פאַרשריבן די נעמען פון די אידישע פאַמיליעס וועלכע טראָגן די לאַסט פון אונזערע געזעלשאַפטלאַכע וואויל-טעטיקייטן.

יעדער נאָמען פון די פאַרצייכנטע אידישע צדקה געבער איז ניט בלויז אַ נאָמען, נאָר טאַקע אַ לעבעדיק פילנדיק האַרץ, האָב איך דערפאַר געוואָלט פאַרצייכנען זיי דאָ אין די זעלביקע אותיות, ווי זיי זיינען פאַרשריבן אין די צדקה ביכער, כדי זיי זאָלן זיך דאָ לייענען אין זייערע נאַטירלאַכע קלאַנגען.

יעדער קלאַנג פון אַזעלכע נעמען איז מיר טייער און הייליק, ווייל די געפילן פון אַזעלכע געבער זיינען אַזוי. אויף מיין איצטיקן טור, האָב איך באַגעגנט „שטיינערנע הערצער" און שלעכטע כאַראַקטערע, וועלכע זייי-נען לחלוטין ניט פייאיק צו פילן אַ צווייטנס נויט. דערפאַר איז ביי מיר געווען פיל מאָל יום-טוב-דיקער דער מאָמענט, ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט די האַרציקע אידישע מענשן, וועלכע פילן יאָ אַ צווייטנס נויט.

די נתינות פון די פאַרצייכנטע געבער זיינען פאַרשיידענע — גרויסע און קליינע. איך מייד אָבער אוים די מאָס פון צאָל און איך שטרייך-אונ-טער די מאָס פון ווערט. איך בין דאָ בפירוש אויסן צו געבן אַנערקענונג יעדן ניט-פאַרמעגלאַכן דאָלאַר, ווייל איך האָב געזען דעם אופן ווי ער ווערט געגעבן.

איך שאַץ אויך אָפּ די ווערט פון יעדער רייכערער נתינה, ווייל איך האָב באַגעגנט אַ סך גבירים וואָס לאָזן ניט-צו קיין צדקה-מאַנער ניט נאָר צו זייער האַרץ, נאָר אפילו צו זייער שוועל.

איך פיל מיך פשוט גליקלאַך, וואָס מיר איז איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק צו פאַראייביקן אויף אַזאַ אופן די מעשים פון אַלע אידישע צדקה-געבער אָן אונטערשייד פון קלאַס.

לייענט דורך די נעמען אין אַ שטאָט, וואו איר זענט מער-ווייניקער באַקאַנט מיט די פערזאָנען, איר וועט טרעפן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס איר וועט זיך וואונדערן: „ווי איז עס מעגלאַך, אַז אַזעלכע ניט-פאַרמעגלאַכע זאָלן צאָלן פאַר נאַציאָנאַלע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן?" און איר זאָלט נאָך זען מיט וואָסער אַ האַרציקייט זיי גיבן עס זייער נתינה. וויפיל מאָל האָט זיך מיט מיר געטראָפן אויף מיין איצטיקן טור אַזעלכע באַגעגענישן,

וועלכע מען דאַרף זיי נישט נאָר באַוואונדערן, נאָר טאַקע פאַרשרייבן זיי אויף אייביק מיט גאָלדענע אותיות.

איך וויל דאָ דערוויילע פאַרצייכנען עטלאַכע פון די הונדערטער און הונדערטער בילדלאַך וואָס איך האָב אויף מיין וועג באַגעגנט, זאָלן זיי דינען אַלס ביישפּיל:

הערצל האָראָוויץ, בינגהאַמפּטאָן, נ. י.

ער איז דעם טאָג געווען פאַרנומען מיט זיין פּרנסה, האָט ער צוגע־זאָגט נאָר צוויי שעה אַרבעט פאַר מיין אויפגאַבע. האָט ער אָבער נאָר אָנגעהויבן, האָט עס אים שוין רוען ניט געלאָזט. גאַנצע צוויי טעג האָט דער דאָזיקער מערקווירדיקער יונגערמאַן אוועקגעגעבן, ניט גערוט און ניט געגעסן, ביז ער האָט די גאַנצע אַרבעט געענדיקט אויפן בעסטן אופן. זיין איבערגעבנקייט צו וואוילטעטיקע אַרבעט איז צו באַוואונדערן. דאָס איז אַ איד מיט אַ גאַנצע הארץ.

מ ר. ל. ב י נ ד ע ר, ניו ראָשעל, נ. י.

איך קום אַריין אין אַ בעקעריי מיט אַן אָנווייזונג אויף צען דאָלער. ער איז ניטאָ און זיין פרוי איז פאַרנומען מיט קונים. דערזעט זי מיך און פרעגט מיך וואָס איך פאַרלאַנג. גיב איך איר די אָנווייזונג פון אַפּיס. בעט זי מיר איך זאָל אַריינקומען שפּעטער מיט אַ שעה ווען איר מאַן וועט זיין. ווייל אויף אַזאַ סכום קען זי זיך אַליין ניט איינגעבן. קומענדיק צום צווייטן מאָל, טרעף איך שוין דעם מאַן אויך. איך באַקאַן זיך מיט אים און איך זאָג אים, אַז זיין נדבה איז צען דאָלאַר. בעט ער אַנטשולדיקונג און כאַפּט מיר אין אַ גרייז: „סאיז ניט קיין נדבה. דאָס איז אַ הייליקער חוב“.

מ ר. ה. פ ע נ י ג, ראָטשעסטער, נ. י.

איך קום אַריין אין שיינעם אָפּיס פון „וויליאַם בראַון מעטאַל קאָמפּאַני“, באַגעגנט מיך אַן איינגעבויגענער אַלטיטשקער איד, הערט אויס מיין פאַר־לאַנג און זאָגט צו מיר אין אַ צעבראָכענעם ענגליש: „משולחים קריגן דאָ קיין פעני ניט“. איך פרעג אים: צי ער איז דער בעל־הבית פון דאַנען? ענטפערט ער מיר: „נאָ דיפרענץ“. דערוויילע קומט אַריין אַ שלאַנקער אויס־געפוצטער יונגערמאַן און פרעגט „וואָס דאָ קומט פאָר?“ דער אַלטיטשקער דערקלערט אים דעם גאַנצן ענין. וויל דער יונגערמאַן ניט הערן די דער־קלערונג און בעט ביי מיר די אָנווייזונג פון אָפּיס. איך דערלאַנג אים אַ צעטל מיטן אַדרעס פון דאַנען. לייענט ער עס איבער און זאָגט מיר: „איר

דאַרפט האָבן נאָך איינע, איך צאָל באַזונדער". ער זאָגט מיר זיין נאָמען און איך געפין זיין צעטל אויך. בעט ער מיך אַריין צו זיך אין קאַבינעט און הייסט זיין סעקרעטאַרין אויסשרייבן צוויי באַזונדערע טשעקס: איינעם אויפן נאָמען פון אַפּיס און אַ צווייטן אויף זיין אייגענעם חשבון.

מר. וויין און זיינע קינדער פאָרט טשעסטער, נ. י.

עס איז געווען אַ שטאַרקע שטורעמדיקע בעפאַר מנחה. טרעף איך אין בית־המדרש אַ אידן, אין די העכערע מיטעלע יאָרן, זיצן ביי אַ טיש און לערנט. אין אַ ווײַלע אַרום באַמערקט ער מיך, גיט מיר אָפּ שלום און פרעגט מיך וואָס איך טו דאָ. ענטפער איך אים. בעט ער ביי מיר זיין צעטל און איך גיב אים. באַטראַכט ער עס אַזוי און רופט זיך אָפּ: „טוט נאָר דאָרטן אַ קוק צווישן אייערע צעטלאַך, איר דאַרפט דאָרט, דאַכט זיך, האָבן נאָך איין צעטל פאַר מיינעם אַ בחור, מיר דאַכט, אַז ער צאָלט אויך פאַרן אָנ־שטאַלט". איך הויב אָן זוכן צווישן מיינע צעטלאַך און איך געפין ניט בלויז איינעם נאָר גאַנצע פיר אָנווייזונגען מיט דעם זעלבן פאַמילע־נאָמען און אַדרעס, נאָר די ערשטע נעמען זיינען פאַרשיידענע. איך גיב זיי אים און זיין אידיש געזיכט שטראַלט פאַר שמחה.

— דאָס זיינען אַלע מיינע קינדער, אַ געזונט אויף זיי. יעדער פון זיי צאָלט. — זאָגט צו מיר דער צופרידענער טאַטע.

אויך מיר געפעלט עס זייער שטאַרק. איבערהויפּט געפעלט מיר, וואָס צווישן אַט די צעטלען איז אויף איינעם אָנגעשריבן אַ נאָמען פון פאַני. איך ווער געוואָר, אַז די דאָזיקע פאַני איז אַ יונגע מיידל מיט אַלע מעלות, זי איז באַשעפטיקט אין אַן אַפּיס אין ניו יאָרק, וואוהין זי פאָרט אַלע טאָג פון איר היים אינם קליינעם שטעטל, און פרייטאָג פאַרנאַכט איז אויס מיט דער אַרבעט — זי איז אַ שומרת שבת.

אַ „הייסער" געבער

אין אַ ברענענדיקן זומער־טאָג קום איך אַריין צו אַ שניידער. אַרבעט ער באַ אַ היציקן פרעס־מאַשין און פאַכט שונאי־ציון מיט דער נשמה. אַט דער דאָזיקער איד טראָגט אייך מיט פרייד זיין ביישטייערונג.

נחת פון דער ווייב׳ס צדקה

אַריינקומענדיק אין שטוב מיט מיין אַרטיקער קאָמיטע, גייט אונז אַנט־קעגן אַ קליינגעוויקסיקע מיטליעריקע פרוי און טראָגט אין האַנט אַ דאָלער.

דערמאָנט איר מיין קאָמיטע־מאַן דעם נאָמען פון אנשטאַלט, אנטשולדיקט זי זיך: „זי האָט געמיינט, אַז ס'איז סתם אַ נדבה", און פרעגט ביי אים וויפיל זי צאָלט. דער קאָמיטע־מאַן זאָגט איר דעם סכום, גיט זי עס און מיר גייען אַרויס. שפּעטער מיט אַ שעה זיינען מיר געווען אין אַן אָפיס פון אַ גרויסן „דזשאַנק־יאַרד". קומט אונז אַנטקעגן אַ קליינטשיק אידעלע און פרעגט אונז, צי מיר האָבן זיך שוין געזען מיט זיין קליין ווייבעלע? אַרויסגייענדיק פון דאַנען, דערציילט מיר מיין קאָמיטע־מאַן, אַז דער דאָזיקער אידעלע איז עס דער מאַן פון יענער פרוי. ער אַרבעט דאָ אין „דזשאַנק יאַרד" פאַר צוואַנציק דאָלער אַ וואָך.

ביי אַ שוסטער

גיי וויים, אַז דער אַדרעס אויף מיין אָפּיס־צעטל איז צו אַ שוסטער אין אָרימסטן טייל פון שטאָט און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט אין זיין ווערקשטאָט קענט איר אויסקויפן מיט אַ סכום פון צוויי ציפערן. אַריינגייענדיק טרעף איך אַ פאַרהאָרעוועטן אידן זיצן איינגעבויגן אויף אַ היימיש שוסטער־בענקעלע און קלאַפּט פלעקלאַך אין אַ שוך, וואָס איז מיט אַ רימען צוגעקרעמפּעוועט אויף זיין קני. אַליין אַרבעט אָט דער שוסטער. קיין העלפער האָט ער נישט. זיצט ער אַזוי פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, און כאַפּנדיק פון דער זייט אַ קוק אויף מיר, וואַרט ער איך זאָל „אַרויס מיט לשון". בא מיר איז אָבער, ווי צו להכעיס, קיין לשון ניט געבליבן. איך ווייס גאָר ניט ווי אָנצופאַנגען, בשעת כ'זע פאַר מיר אַזאַ עשירות. בין איך געפאַלן אויף אַן עצה: „איך דאַרף מיינע שיך צורעכט מאַכן". פאַרשטייט אָבער מיין שוסטער, אַז אויב נאָר צוליב פאַרריכטן שיך, וואָלט איך ניט געקומען אַזש אַהערצו, אַזוי ווייט, אין דעם אָרימסטן טייל פון שטאָט. מאַכט ער מיט מיר קיין סך טענות ניט און באַשווערט מיך, אַז איך מוז אים זאָגן וועגן וואָס איך בין צו אים געקומען. איך זע, אַז דעם אידן קאָסט עס געזונט. איך מוז אים דערציילן דעם אמת.

אים פאַרשפּאַרט אַן אַרבעט

פאַרנאַכט צו מנחה בין איך אַריין אין אַ שול. גייט צו מיר צו אַן עלטערער איד, גיט מיר אָפּ שלום און פרעגט מיך: צי איך בין אַ היגער? זאָג איך אים: ניין. גייט ער אַוועק און אין אַ ווײַלע אַרום קומט ער ווידער אַמאָל צו צו מיר, באַטראַכט מיך אַזוי מן הצד און גייט ווייטער אַוועק. צום דריטן מאָל האָט ער זיך שוין, ווייזט אויס, אָנגענומען מיט כח און

פאַרבייגייענדיק אַזוי נעבן מיר, טוט ער מיך אַ פרעג „צי ער מעג וויסן, וואָס איך טו דאָ, אויב איך בין ניט קיין היגער?" טו איך אים צוליב און זאָג אים. ווערט דער איד מלא שמחה. — „אויב אַזוי, זאָגט ער, האָב איך דאָך טאַקע געטראָפן". ער צאָלט אַלע יאָר פאַרן אנשטאַלט און אַזוי ווי ס'האָט זיך שוין יאָ געמאַכט אַז ער האָט מיך דאָ דערזען, וויל ער מיר בעטן אַ טובה און איך זאָל ביי אים נעמען זיין ביישטייערונג דאָ, וואָרים אַמאָל קען זיך מאַכן, איך זאָל קומען צו אים אַהיים און איך זאָל אים ניט טרעפן. און ער זאָל אַליין עם אַוועקשיקן אין אָפיס, איז פאַר אים שווער. ער נעמט אַרויס אַ טשעק-בלאַנקל פון זיין בוזעם-קעשענע און בעט מיר שוין „פאַר איין וועגס נאָך אַ טובה": איך זאָל טאַקע זיך מטריח זיין און אויספילן פאַר אים דעם טשעק. אַז אַלעם איז שוין דורך מיר אָפגעטאָן געוואָרן, טוט ער אָן זיינע ברילן, נעמט בא מיר ניט-געפרעגטערהייט פון מיין האַנט מיין פען, חתמ׳עט זיין טשעק מיט אידישע אותיות, ווינשעוועט מיר אַל-דאָס גוט און, אָפגעבנדיק מיר צוריק מיין פען אין האַנט אַריין, טוט ער שוין דערווייל אַ זאָג: „פאַרט מיר געזונט און זייט מצליח".

אַ פּאַציענט — אויסער דער ריי

איך קום אַריין צו אַ דאָקטאָר אין זיין אויפנאַמס-צימער, איך כאַפּ אַ צייל און איך זע אַז איך בין דער ניינטער אין דער ריי. אין אַ צען מינוט אַרום טוט דער דאָקטאָר אַן עפן די טיר פון זיין קאַבינעט און פרעגט: „הו איז נעקסט?" דערווייל באַמערקט ער מיך, פאַרשטייט ער, אַז איך בין ניט קיין פאַציענט, בעט ער איבער דעם וואָס האָט נאָר-וואָס געמאָלדן זיין „נעקסט", רופט מיך באַלד אַריין צו זיך. ער האָט אפילו קיין צייט ניט אויסצושרייבן אַ טשעק, גיט ער מזומנים און אַנטשולדיקט זיך וואָס ער האָט ניט די מעגלאַכקייט צו פאַרבריינגען מיט מיר אַ ביסל.

אַ גערעכטע טענה

איך גיי אַזוי פאַרטראַכט אין איינע פון די אידישע גאַסן. באַגעגנט מיך אַ יונגערמאַן און טוט מיך אַ פרעג: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, אַ לערער ווילט איר גאָרניט זען?" איך באַטראַכט אים אַ קליינע סעקונדע און זאָג אים: „אדרבא!" זאָגט ער: „איך ווייס? איך זע אייך הי שוין אַ קימאַ-לן פון אַ פאָר טעג און צו מיר זענט איר נאָך ניט געקומען". איך פרעג בא אים זיין נאָמען און הויב אָן זוכן צווישן מיינע אָנווייזונגען פון

אַפּיס. זאָגט ער מיר: „איר פאַרשפּאַרט זוכן. איך בין דאָ ערשט עטלאַכע חדשים, קענט איר מיך צווישן די היגע צעטלען נאָך ניט האָבן“.

„אַטענד“ פריער דעם „מיסטער“

דער שווערסטער וויזיט פאַר אַ משולח איז דאַנערשטיק אין אַ בשר־כשר קלייט. די אידישע באַלעבאָסטעס האָבן איבערגעלאָזט זייער קליינ־וואַרג אין דער היים, די שטוב נאָך ניט אין אָרדנונג, די סקול־קינדער דאַרפן באַלד קומען עסן מיטאָג, מוזן זיי וואָס שנעלער איינהאַנדלען זייער „לכבוד שבת“ און קענען דאָ אַ מינוט ניט וואַרטן. בין איך דאָך „אַ גרינער אין די ביזנעס“, ווייס איך ניט פון קיין זאַך און קום גראָד אהערצו, ווען אידישע טעבטער זיינען אַזוי אומגעדולדיק. דער אייגנטימער כאַפּט אַ קוק אויף מיר און טוט אַ שמייכל. באַמערקט עס אַ חנ׳עוודיקע אידישע טאָכ־טער און רופט זיך אָן אין דער הויך: „נעווער מיינד — אַטענדעט פריער דעם מיסטער“.

אין אַ „באַרבער שאַפּ“

כ׳קום אַריין אין אַ באַרבער־שאַפּ, זיינען אַלע „טשערס“ פאַרנומען. איי־נער פון די באַרבערס רופט זיך אָן צו מיר אין אידיש: „ס׳וועט לאַנג ניט נעמען“. פאַרשטיי איך, אַז ער איז דער אייגנטימער. דערמאָן איך אים דעם נאָמען פון אַנשטאַלט. אַנטשולדיקט ער זיך פאַר זיין „קאַסטימער“ מיט דער „אָנגעזייפטער מאָרדע“, לויפט שנעל צו צום „רעדזשיסטער“, עס הערט זיך אַ קלונג און זיין נתינה איז שוין באַ מיר אין האַנט.

אַ טענה

דער טעלעפאָן קלינגט אין מיין צימער. דער היגער רב רעדט צו מיר. זיינע אַ שכנה איז אַריינגעקומען צו אים מיט אַ גאַנצע טענה: „אפשר צען מאָל האָט זי מיך געזען פאַרבייגיין פאַר איר קלייט און צו איר בין איך ניט אַריינגעקומען“.

אין דער גיך

נאָר־וואָס איך בין אַריינגעקומען אין היגן גרויסן „דעפּאַרטמענט־סטאָר“ און כ׳האָב נאָך ניט אויספּייעט זיך אַרומצעזען וואו איך בין דאָ אין דער וועלט, איז שוין אויסגעוואַקסן נעבן מיר אַ יונגערמאַן, טוט מיר אַ זאָג אין דער גיך „האַו דו יו דו?“ איך דערלאַנג אים דאָס צעטל פון אַפּיס, לויפט ער מיט דעם אין דער גיך אַוועק צו זיך אין זיין קאַבינעט אויפן

אויבערשטן גאָרן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין דאַ צוריק מיט אַ פּאַרטיקן טשעק אין דער האַנט.

איך ווער געוואָר: דער יונגערמאַן איז געבוירן אין אַמעריקע און גראָד דער אַלטיטשקער איז בלויז אַן אַרבעטער ביי אים אין יאַרד און דערצו נאָך דווקא אַליין אַן אימיגראַנט.

נאָכדעם האָב איך זיך באַקאַנט אויך מיטן וואוילטעטיקן מר. וויליאַם בראַון.

דער טאַטע איז שוין ניטאָ

אין דער מאַטראַצן־פאַבריק טרעף איך אַ חנ׳עוודיק מיידל ביי אַ שרייבעם שרייב־טיש אין אָפיס. איך פרעג ביי איר אויפן אייגנטימער פון דאַנען. צעוויינט זי זיך און זאָגט מיר: „דער טאַטע איז שוין ניטאָ“. זי נעמט ביי מיר די אַנווייזונג, זוכט אין רעקאָרד פון פּאַטערים צדקות און שרייבט מיר אויס אַ טשעק. בשעת איך שרייב איר אַ קבלה, בעט זי מיר: „זייט אַזוי גוט און פאַרשרייבט עס אויפן נאָמען פון מיין גוטן פּאַ“.

צוליב שלום בית

זי איז אַן עלטערע פרוי. קיינמאָל גיט זי ניט קיין צדקה אין דער היים. עס לוינט ניט צוליב אַזעלכע זאַכן זיך קריגן מיטן מאַן. זי וועט אים שוין ניט איבערמאַכן. אַ שלאַפקייט, ווייזט אויס, אַזאַ — דערזעט ער אימיצן מאָנען צדקה, ווערט ער אַן אַנגעצונדענער. זי איז פּונקט דער היפּוך פון אים. ביי איר צדקה געבן, איז דער גאַנצער חיות. ווערט זי נאָר געוואָר, אַז אַ משולח איז אין שטעטל, וואַרט זי אים אָפּ אויפן מיטן גאַס און גיט אים דאָרט איר ביישטייערונג. וויסן שוין משולחים, אַז אין דעם שטעטל איז פאַראַן אַ גוטע וואוילטעטיקע פרוי, נאָר איר אַדרעס איז ערגעץ אין מיטן גאַס.

אַ געבער לכל הצדדים

דערזעט מען אים, מעג זיין אַ מייל די ווייט פון אַ באַנק, ווייסט מען שוין, אַז ער גייט אַהין אַוועקשיקן געלט צו קרובים אין איראָפּע. בין איך גראָד אַריינגעקומען צו אים אין זיין אייזן־יאַרד, ווען ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון באַנק. האָב איך געדענקט, אַז איצטער דאַרף מען מיט אים ניט ריידן וועגן פרעמדע צרות. ס׳איז ניט קיין שעת הכושר. ער דענקט אָבער גאָר אַנדערש. ער האַלט, אַז אידישע צרות זיינען ניט קיין פרעמדע. אין דער זעלבער צייט וואָס ער לויפט אַוועקשיקן שטיצע צו קרובים פון

משפחה־צד, דארף מען אויך געבן שטיצע צו קרובים פון אידן־צד, פון מענטשן־צד. אזא מין פילאזאפיע פון א פארהארעוועטן אידן.

אן אנגעלעגטער וויזיט

איך קום אריין אין א סטאר. דער אייגנטימער איז פארנומען מיט א קונה, באגעגנט מיך זיין פרוי. עס פארבינדט זיך א געשפרעך וועגן דעם אידישן לעבן אין אמעריקע, וועגן אלגעמיינע פראגן. פארטיק געווארן מיטן קונה, נעמט אויך דער מאן אן אנטייל אין אונזער געשפרעך. זיי פארזיכערן מיר, אז מיין וויזיט איז ביי זיי א יום־טוב. מען מוז דאך אמאל האבן, זאגן זיי, א דערפרישונג פון א געשפרעך מיט א גאסט פון דער גרויסער וועלט.

— איך וועל אייך זאגן דעם אמת, — רופט זיך אפ די פרוי — דער־פאר ווארטן מיר מיט אונזער ביישטייערונג ביז מען קומט צו אונז. עס ווערט עפעס לעבעדיקער אויף דער נשמה, אז מען רעדט זיך דורך מיט אן אנגעקומענעם גאסט.

ער ווארט אויף פדיון

ער האט נאך היינט גארניט געלייזט און פארזיכערט מיר, אז ער האט איצט ניט צו געבן, וועט ער עס שוין אפשיקן אין אפיס. אין א ווייל ארום קומט אריין א קונה. מיין איך ווערט מלא שמחה, ער בעט, איך זאל אויס־ווארטן א ביסעלע ביז ער וועט פארענדיקן מיטן פדיון. אז דער קונה איז שוין ארויס, קומט ער צו מיר צו מיט א פרייד: „זעט איר, אז מען דארף האפן".

זי האט דאס אין זינען

א שיינע מיידל באגעגנט מיך ביי מיין אריינקום און זאגט מיר, אז דער פאטער איז נאר וואס אוועקגעגאנגען. ווען ער וועט קומען ווייסט זי ניט. אבער זי פארזיכערט מיר, אז זי וועט שוין אין זינען האבן נעמען ביים פא זיין טשעק. ווען איך בין אריינגעקומען צום צווייטן מאל, האב איך זיך איבערצייגט, אז די טייערע אידישע טאכטער האט געהאלטן איר ווארט.

א אידישע טאכטער

א פרוי א חכמה. זי האט שוין קיין עין הרע ניט פיינע אייניקלאך, און אין א געשפרעך מיט איר ווייזט זיך אייך אויס, אז איר רעדט דא מיט גאר א יונגע וועלטלאכע פרוי, וואס איז באקאנט אין אלע איצטיקע

לעבנס־פראַגן. זי איז אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך און איך ווייס ניט וואו זי נעמט אויף אירע באַדערפעענישן — צי זי האָט אַן אייגענע איינקונפט, צי די קינדער גיבן איר. עס איז אָבער אַ פאַרגעניגן צו זען ווי אַזאַ אידישע טאָכטער טוט צדקה.

ער פאַרשטייט יאָ

כ׳ווייס ניט, צי עס איז אַ „קענדי סטאָר", וואו מען פאַרקויפט „מע־געזינס" אויך, צי עס איז אַ „סיגאַר סטאָר" מיט אַ ביליאַרד פּלאַץ? איין זאַך ווייס איך יאָ — דער אייגנטימער פון דאַנען, אַן אַמעריקאַנער גע־בוירענער יונגערמאַן, צאָלט זיין ביישטייערונג פאַר אידישע אַנשטאַלטן מיטן גרעסטן אינטערעס און באַוואוסטזיין. ס׳איז אים שווער, זאָגט ער, צו רעדן אידיש, אָבער פאַרשטיין פאַרשטייט ער יאָ.

האַרציקע פּרוכט

אַ פּרוכט געשעפט. פאַרשיידענע, פאַרשיידענע געשמאַקע און פרישע פּרוכטן האָב איך דאָ באַגעגנט. אָבער גלויבט מיר, אַז די געשמאַקסטע האַרציקסטע אידיש־מענשלאַכע פּרוכטן זיינען די אייגנטימער פון דאַנען.

אַ שפּייזער

אַ שפּייז געשעפט. דער באַלעבאָס איז זייער פאַרנומען. ער דאַרף שפּייזן אַ וועלט, אַ שליח פון דעם גרויסן וועלט־שפּייזער. דערזעט ער אַזאַ אידן ווי איך, לאָזט ער איבער אַלע זיינע שפּייז־פּעקלאַך און לויפט אין דער גיך אויסשרייבן אַ טשעק פאַרן אַנשטאַלט.

אייז קרים

איך בין אַנגעקומען גראַד אין דעם מאָמענט ווען אַ קליין קאַראַפּוזיקל האָט געבעטן ביים „דעדי" אַ ניקל אויף אייז־קרים. דער פאָטער בעט זיך: „אַן אַנדערס מאָל".

אַז איך זע אַזאַ מעשה, שטיי איך שוין און שווייג. וויל ער וויסן, וואָס איך וויל. זאָג איך אים בסוד, אַז קודם וויל איך, ער זאָל דעם קינד געבן אַ ניקל, אויף אייז־קרים, און דאַן וויל איך, ער זאָל עס אַראָפּרעכענען פון זיין נתינה.

אויף העלפט האָט ער מיך געפאָלגט — דעם קינד אויף אייז־קרים האָט ער געגעבן, אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט אַראָפּרעכענען פון זיין נתינה.

אונזערער

מר. אַלפרעד האַרט איז פון די אָנגעזעענסטע רייכע אידן אין ראָטשעסטער און אומגעגנט. ער האָט עס מיט 15 יאָר צוריק אויפגעעפנט אַ שפּייז־קראָם וואו די קונים באַדינען זיך אַליין. ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט ער בסך הכל 130 אַזעלכע שפּייז קראָמען און זייער צאָל האַלט נאָך אין איין מערן זיך. 4 מיליאָן שפּייז־קניות האָבן היינטיקס יאָר די צופרידענע קונים אַרויסגעצויגן פון אַלפרעד האַרט׳ס קלייטן.

הייסט עס אז אַ איד אין אַמעריקע פאַרמאָגט קיין עין הרע ניט אַזוי־פיל שפּייז קראָמען, וואָס האָדאָווען אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן פעלט אים שוין ניט קיין רייז מיט ראָזשינקעס צו מאַכן אַ קוגל אויף שבת.

און אַלפרעד האַרט איז טאַקע אַזאַ איד וואָס היט אָפּ שבת און מרס. האַרט פירט אַ כשר׳ע אידישע היים כמנהג אָרטאָדאָקסן אין אַמעריקע. אוודאי איז מר. אַלפרעד האַרט אַן אָרטאָדאָקסישער איד. זיין זיידע איז טאַקע געווען אַ רעפאָרם־איד און געבוירן איז טאַקע אַלפרעד אין ראָטשעסטער ביי רעפאָרם־עלטערן, אָבער מיט 20 יאָר צוריק האָט זיך דער יונגער־מאַן מישב געווען און איז אַריבער צו דער אָרטאָדאָקסישער קהלה. און אינם משך פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר האַלט מר. האַרט אין איין שטייגן ניט בלויז אויפן געלט באַרג, נאָר אויך אויפן סיני באַרג.

זיין געזעלשאַפטלאַכע אידישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין אַקטיוויטעט אין דער „יאָנג מען היברו אַסאָסיאיישאָן", וואו ער איז געווען פון די גרינדער און צו יענער צייט אויך דער סעקרעטאַר. די דאָזיקע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן לויט דעם אָרטאָ־דאָקסישן אָרט־דענקען. און פון יענעם מאָמענט אָן, אַ משך פון 20 יאָר, ווערט ער אַלץ וואָס מערער און מערער אַריינגעצויגן אין אידישער כלל־אַרבעט, אין איר גאַנצן פאַרנעם, אויף אַלע פראָנטן פון אידישע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע באַדערפנישן איבער דער גאַרער וועלט. עס איז ניט פאַראַנען איין וויכטיקער נאַציאָנאַלער אנשטאַלט וואָס מר. אַלפרעד האַרט זאָל אים ניט סובסידירן, אַקוראַט ווי עס ווערט ניט דורכגעפירט קיין איין געזעלשאַפטלאַכע אונטערנעמונג אין ראָטשעסטער, אַז מר. אַלפרעד האַרט זאָל אין איר ניט זיין פון די אַקטיווסטע טוער.

אומעטום לאָזט ער זיך קאָסטן ביד רחבה, אָבער משולחים זעט ער ניט ביי זיך אין אָפּיס.

אזא דרך ביי אים. ער איז זייער פאַרנומען אין זיינע געשעפטן, האָט ער מורא טאָמער וועט אַן אַנגעקומענער משולח אים ניט טרעפן אין צייט, צי טאָמער וועט ער אמאָל נכשל ווערן אין אַ נתינה, וואָס איז ניט אין דער מאָס לויט דער ווערט פון אַנשטאַלט. דערפאַר האָט ער געבעטן מר. האַלענדער'ן, אַז ווען אַ משולח קומט קיין ראָטשעסטער זאָל ער, מר. האַלענדער, טעלעפאָנירן צו אים אין אָפיס און זאָגן וויפיל מען דאַרף געבן פאַר אזא מין אַנשטאַלט. און מר. האַלענדער'ס וואָרט ווערט בשלימות אויסגעפירט.

אַלפרעד האַרט האָט אזא „דזשאָב" איבערגעגעבן פאַר האַלענדער'ן, ווייל צווישן זיי איז פאַראַנען אַ שטאַרקע פאַרבינדונג אין אַ גרויס־וויכטיקער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט. איך מיין די וואונדערבאַרע אידישע קינדער־היים אין ראָטשעסטער, וואו מר. האַרט איז דער פּרעזידענט און מר. האַללענדער איז פאַרוואַלטער.

די דאָזיקע קינדער־היים איז אַ דימענט־רינגל אין דער גאָלדענער קייט פון אַלפרעד האַרט'ס געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייט. צען יאָר, אַז ער איז אַן דער שפּיץ פון אזא מוסטערהאַפטן אַנשטאַלט. בלב ונפש איז ער איבער־געגעבן צו אָט דער הייליקער אַרבעט. ווען איר הערט אים רעדן וועגן דער קינדער־היים, זעט איר דעם מענטשן קומט צו דאָס חיות פון דער גאַנצער וועלט.

„אונזערע קינדער". — אַז ער רעדט אַרויס די ווערטער ביי אַ פאַר־זאַמלונג זעט איר ווי אַ פאַרבאַרגענער שיין הויבט־אָן פינקלען אין זיינע אויגן. איך האָב אים געהערט רעדן אויף אַ חנוכה־אָוונט, וואָס די קינדער האָבן געפּראַוועט אין אַ פּריוויטיק־צו־נאַכט, אין אָרטיקן בית־מדרש. זיין געדאַנקען־גאַנג איז גראַד־ליניק און בליציק, און מאַכט אַן אויסערגעוויינ־לאַכן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע. די קינדער פון דער „היים" זיינען גאָר באַגייסטערט פאַר אים. זיי הערן אים רעדן, און זייערע אידישע פּנים'לאַך שטראַלן פאַר פרייד. „אונזער מר. האַרט רעדט" — זאָגט מיר אַ מיידעלע פון קינדער־היים. זי זאָגט עס מיט אזא ענטוזיאַזם, אַז ביי מיר אין געדאַנק און אין האַרצן ווערט אויסגעקריצט אָט דער געפיל: — אונזער מר. האַרט.

ראָוד איילאַנד סטייט.

באַם בלאַט

אויבן איז די שול. שיין גרוים און אויסגעפּוצט. ליכטיק איז דאָרט בייטאָג און נאָך ליכטיקער זיינען די אונטן פון די מיוחסים׳דיקע טעג, ווען דער יחוס אַליין קומט אַהין, דאָן איז ברוב עם הדרת מלך.

אין וואָכעדיגע טעג ווען מיוחסים קומען ניט, קומט דאָס פאָלק (אַ פּאָר מנינים) אינם בית מדרש פון דער שול. דער בית מדרש איז אונטן אין קעלער מיט די פענסטער האַרט ביי דער ערד. אָרים איז דער בית מדרש, אָרים ווי זיינע באַזוכער, אָבער שאַפעס מיט ספרים האָט ער און לאַנגע טיש־און־בענק פאַרמאָגט ער. ניט געפּאַלירט זיינען זיי פּונקט ווי די וואָס זיצן אויף זיי.

קומט דער בין השמשות, ווען די וואָכעדיקע באַשיידענע לעמפּעלאַך צינדן זיך אָן עפענען זיך די ספרים שאַפעס און פאַרהאַרעוועטע הענט טראָגן די ספרים פון דאָרט. איינע און די זעלבע גמרות, דאָך זיינען זיי פאַרשידן אין זייער גרוים און אין זייער אויסערלאַכן אויסזען. איינע און די זעלבע גמרא, דאָך איז איינע גרוים, שיין און שטאַרק געבונדן און אַן אַנדערע איז קליין, אָפּגעריסן און פאַרשוואַרצט. און דער אינהאַלט אין די ניט שיין געקליידעטע גמרות איז דערזעלבער ווי אין די שיין־געקליידעטע.

אין בית מדרש איז שטיל און בין השמשות׳דיק. עס הערט זיך בלויז דאָס בלעטערן פון איבער די טישן. און דער נערויש פון בלעטערן איז פאַרשידן — די שיין־און־שטאַרק־געבונדענע בלעטערן זיך מיט אַ קנאַק און די אָפּגעריסענע גמרות בלעטערן זיך רואיק און הכנעה׳דיק. און פאַרשידן איז דער אויסזען פון די פּנים׳ער וואָס זיינען איבערגעבויגן איבער דעם בלאַט, ווייל פאַרשידן איז די זאָרג אויף זיי. איינעם פעלט־צו פּרנסה, איינעם פעלט נחת פון קינדער, אַן אַנדערן פעלט שלום־בית אָדער געזונט און אַ צווייטן זעט מען, ווי עס פעלט אים בכלל דער אינטערעס אינם אַרומיקן לעבן.

און די אַלע זיצן דאָ, ווייל דאָ ביים בלאַט גמרא געפינט יעדערער אויף זיין שטייגער אַ בארואיגונג צו זיין געמיט. אָט פון דאַנען, פון סוגיות אביי ורבא, ווילן זיי שעפּן מנוחה צו זייער אומרו. זיי ווילן דאָ אויף די לאַנגע האַרטע בענק אַרום דעם בית מדרש טיש אויסרוען זייערע פיס, וואָס זיינען פאַרמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין זוכן פּרנסה. זיי ווילן דאָ אויסגלייכן אַביסל די פּלייצע, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געטראָגן דעם פּעדלער־פּאַק אָדער דעם עלטער־באַרג. זיי ווילן דאָ דערפרישן זייער מאָרך און ניט לאָזן אים אויסטרוקענען צום איבעריקן פון די אומברחמנות־

דיקע ראגות, וואָס דער הינגער שטורמדיקער לעבן טראָגט אויף זיי מיט אַזאַ שפע.

וואו דען אויב ניט דאָ אין בית מדרש קענען אַזעלכע אידן געפונען זייער מקום מנוחה פאַרן גוף און פאַר דער נשמה?

זיצן זיי אַזוי אַרום די לאַנג־שמאָלע בית־מדרש טישן, די קעפּ אַריבער־געבויגן איבער די גמרות, מיט האַלב־אָפענע און פאַרמאַטערטע אויגן זוכן זיי דאָרט זייער תקון. מיט זייערע טיפע קנייטשן אויף זייערע שטערנס, פאַרשטעלן זיי דעם וועג צו ניט קיין געוואונשענע מחשבות און זייערע אויערן זיינען געווענדט צום חלל, וואו עס טראָגן זיך אויף די פליגלען פון גמרא ניגון די ווערטער פון דעם רבי'ן, וואָס לערנט פאַר זיי דעם בלאַט.

און דער רב פון דער קהלה, רבי ד. ג. לאַייט, זיצט אויבנאָן אַ באַגייסטער־טער און אַ לויכטנדיקער. ער ווייסט זיין אויפגאַבע און ער פילט זיין שליחות. ער פילט אַז ער איז דער קאַפּיטאַן, ער פירט עס אַ קייט אָנגעלאָדענע שיפלאַך איבער שטורמדיקע ברויזנדיקע כוואַלים. און ניט מיט שטיינער זיינען די שיפלאַך געלאָדן, נאָר מיט נשמה'דיקע מחשבות און מיט פילנדיקע הערצער (ער ווייסט דאָך ווער עס הערט אים), און ניט פון וואַסער זיינען די שטורמ־דיקע ברויזנדיקע כוואַלים, נאָר פון מענשלאַכע זאָרגן און צרות, מענשלאַכע בענקעניש און שטרעבונגען.

און ערלאַך איז דער פירער, ער ווייסט זיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. ער ווייסט אַז זיינע צוהערער זיינען געקומען אַהערצו ניט דערפאַר ווייל טראַגנדיק דעם פעדלער־פּאַק איז זיי שלעכט געוואָרן אַ גמרא־סוגיא און דאָ דאַרפן זיי אַ שליסל צו איר געפונען. דער באַרופענער פירער ווייסט דעם נפש פון זיינע נעפירטע. שטראַלט זיין פּנים פון באַגייסטערונג, שוועבט זיין געדאַנק פון באַוואוסטזיין און וויסן. שפּיגלען זיינע שוואַרץ־אַפּל מיט גמרות, ליכט און אידן און פון זיין מויל טראָגן זיך ווערטן מיט טרייסט צו פאַרוויטיקטע, ווערטן מיט רו צו פאַרוואַגלטע, ווערטן מיט תחיה און דערפרישונג צו פאַרעלטערטע און פאַרמוטשעטע.

און עס באַוועגט זיך דער קערפּער פון פירער און שוועבט, צוריק און פאַראויס, צוריק און פאַראוס. ער וויל ניט דער קערפּער, פאַרבלייבן אַן אַרבעט אין אַ צייט פון יצירה, אין אַ מאָמענט פון תחיה. ער פירט עס אַריבער דעם וואָרט פון דעם זאַנגער צום געהער פון די הערער און עס קומט דער יחוד המחשבות. די הייליקייט פון פאַרזאַרגטע און זוכנדיקע שוועבט דאָ אין דער באַהעלטעניש פון שכינתא בגלותא.

ר׳ מרדכי

שוין שפעט אין אוונט, לאנג נאך מנחה־מעריב, אלע פון שול זיינען שוין אהיים געגאנגען, נאר איין ר׳ מרדכי זיצט לעבן „נר תמיד“ און ווארט. אידן האבן יום טוב אין שול צוגעזאגט צדקה, זיצט ער עס דא און ווארט, טאמער וועט אימיצער עפעס אריינברענגען. ער איז עס דער גבאי

א קליין ביכאלע האט ר׳ מרדכי, פארשרייבט ער דארטן מיט זיין פערל־דיקער קליינער כתיבה, וויפיל יעדערער ברייננגט אים צו.

און א פרייד ווערט אויף ר׳ מרדכי׳ן, ווען ער דערזעט אז א איד קומט און ברייננגט די צדקה, וואס ער האט צוגעזאגט. א צווייענדיקע מצוה — זאגט ער — טוט אזא איד: איינמאל איז א מצוה וואס מען גיט צדסה און צווייטנס איז א מצוה צוהאלטן ווארט.

און ר׳ מרדכי ווייס גוט דעם טעם, ווען מ׳ווארט אויף א הילף און די הילף פארשפעטיקט זיך אביסל. איצטער אז גאט האט אים געהאלפן נחת פון זיינע טייערע קינדער און קען דינען גאט מיט רואיקן געדאנק, דערמאנט ער נאך אלץ יענע צייטן, צוריק מיט א דריי צענדליק יאר, ווען ער האט אלעמאל געדארפט קלערן „וואו נעמט מען אויף שבת?“

אלעמאל האט ער וועגן דעם געדארפט קלערן, אבער זארגן, זאגט ער, האט ער קיינמאל ניט געזארגט. ער פלעגט אלעמאל גיין מיטן גאנג, אז זארגן איז די גרעסטע זינד. א איד טאר ניט זארגן. א איד, זאגט ער, דארף נאר זיך פארלאזן אויף גאט, נאר האפן צו זיין ליבן נאמען.

ער געדענקט נאך, זאגט ער, דעם ערב שבת. קיינמאל וועט ער אים ניט פארגעסן. אלע אידישע באלעבאסטעס האבן שוין זייער שבת אין שטוב אריינגעבראכט, און ביי אים איז נאך אפילו קיין סימן פון שבת ניט פאראן. די קינדער זיינען הונגעריק און בעטן כאטש א שטיקל טרוקן שווארץ ברויט. זיין אלטיטשקע, זאל געזונט זיין, זיצט דארט אין א ווינקעל און פוצט דארט די מעשענע לייכטער לכבוד שבת און ער האט אפילו ניט די פאר פענים אויף ליכט בענטשן. — וואס טוט מען? זיצט ער אזוי און טראכט: „מאין יבוא עזרי — פון וואנען וועט די הילף קומען?“ און אזוי ווי ער קלערט אזוי, עפנט זיך די טיר און זיינער א באקאנטער איד קומט אריין. אביסל משא דארף ער אריבערפירן, ער גיט אים דערפאר אנדערטהאלבן דאלער. ר׳ מרדכי׳ן ווערט ליכטיק אין די אויגן. דער גאנצער אויסזען אין שטוב ווערט גאר אן אנדערער. זיינגען, ממש, הויבט אן אין יעדע ווינקאלע — א קלייניקייט — גאט האט צו־געשיקט אויף שבת.

ר׳ מרדכי כאַפּט אינדערגיך זיין פּושקאַרט און לאָזט זיך צום אָרט, וואו דעם אידנ׳ס משא ליגט. פון גרויס פרייד, וואָס גאָט האָט אים צו־געשיקט אַ פאַרדינסטל לכבוד שבת, דערפילט ער אין זיך אַ גרעסערן כח און פילט גאָרניט די שוועריקייט אין דער משא. ערשט אינמיטן וועג האָט ער דערפילט, אַז די כחות דינען ניט, די משא איז צו שווער, ער קען מער דעם פּושקאַרט ניט שלעפּן. דרייט ער אים אויס, דעם פּושקאַרט, און פּרוּווט אים שטופּן, קען ער עס אויך ניט. און דאָ איז ער געבליבן אין אַ איטאַליענישן געגנט און זעט פאַר זיך קיינעם ניט, ער זאָל אים דאָ אַרויסהעלפן אין זיין שווערער משא.

ר׳ מרדכי צעוויינט זיך, אָבער באַהאַלט אין זיך דעם געוויין און אַ פרייד באַווייזט זיך אויף זיין געזיכט. „ווי פון הימל, זאָגט ער, האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן אַ חברה איטאַליענישע אינגלאַך און האָבן אָנגעהויבן טאַסקן דעם פּושקאַרט מיט דער משא״.

* * *

אין דער טונקלקייט פון נאָך מעריב אין שוהל, ווען עס הערט זיך נאָר דער טיק־טאַק פונ׳ם גרויסן וואַנט־זייגער, זיצט דער גוטמוטיקער ר׳ מרדכי לעבן דעם שיין פון „נר תמיד״ און טראַכט זיינע מחשבות פון יענע שווערע צייטן, ווען זיינע קינדערלאַך האָבן געבעטן אַ שטיקל שוואַרץ טרוקן ברויט אין אַן ערב שבת; און טראַכטנדיק טראָגט ער אין דער שטיל אַ שבח והודיה צו „זיין ליבן נאָמען״, וואָס ער האָט מיט אים אַזויפיל חסד גע־טאָן און האָט אים געהאָלפן נחת פון זיינע טייערע און ליבע קינדער. טרערן און פרייד טראָגט אויף זיך זיין אידיש פּנים. דער וואָס קען לייענען ניט קיין געשריבנס, לייענט אויף ר׳ מרדכי׳ס געזיכט, ווי ער איז פול מיט פרייד: „אַלע בענטשן זיך און רימען זיך מיט זיינע קינדער״. אין זיינע טרערן דערזעט איר זיין פרייד־שטאָלץ וואָס פילט־אָן זיין האַרץ: „קינדער. גאָט האָט אים געהאָלפן טייערע און גליקלאַכע קינדער״. אָבער הערן, הערט איר עס ניט פון אים. אַ אידישע צניעות פּאַרמאָגט אין זיך ר׳ מרדכי. ער באַרימט זיך ניט, ער גרויסט זיך ניט. דאָרט ווי אין אַ געשפּרעך קומט אים אויס צו זאָגן „מיין אָרטשי״, „מיין טשאַרלי״, פילט מען ווי דער פאָטער קוועלט, עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט, אָבער רעדן וועגן דעם רעדט ער ניט. באַשיידן איז ר׳ מרדכי. אין דעם זעלבן שול־געגנד וואו ער האָט געוואוינט צוריק מיט יאָרן און יאָרן, ווען זיינע קינדער האָבן ביי אים געהונגערט — דאָרט וואוינט ער עד היום. די קינדער וואָלטן וועלן איינאָרדנען די עלטערן אין אַ רייכן און רואיקן אַפּאַרטמענט, איז

אבער אזעלכער ניט פאראן אינם שול־געגנט, און זיך שיידן מיט דער שול ווילן ניט די עלטערן.

ר׳ מרדכי וויל זיך ניט שיידן מיט דער שול אקוראט ווי ער וויל זיך ניט שיידן מיט דער אַרבעט. ער היום דערנערט ער זיך פון אַרבעט. די קינדער גיבן אים זיין פולע הספקה מיט הרחבה און מיט שמחה, אבער ר׳ מרדכי „דאַרף אַרבעטן" דערפאַר. אזוי וויל ער. אזוי איז זיין דרך. יעדער מענטש, זאָגט ר׳ מרדכי, דאַרף אַרבעטן. קומט אינדערפרי, ווען ער ספראַוועט זיך אין שוהל מיט זיין סידור און מיט זיינע ספרים נעמט זיך ר׳ מרדכי זיין פעקעלע און לאָזט זיך צו זיינע קינדער אין פאַבריקע אַריין, וואו ער איז ביי זיי אויפן „פעי ראָל".

אַן עצה פון אַ קלוגן

עס קומט צו מיר צו אַ איד און זאָגט:

„כ׳האָב געהערט אַז איר זענט דאָ אין די אינטערעסן פון „האיאס", וויל איך אייך אָפּגעבן מיין יערלאַכן חוב. מיין נאָמען איז „גאָלדאַווסקי". איך זאָג אים אַז איך בין זייער צופרידן אים צו קענען, אבער קיין געלט נעם איך איצט נאָך ניט. טוט ער אַ שמייכל און עצה׳ט מיר, ווי אַ דער־פאַרענער געזעלשאַפטלאַכער טוער, אַז „פאַר צדקה איז קיינמאָל ניט פאַראַן קיין באַשטימטע צייט".

ביי מיין לענגערע פאַרוויילונג אין די היגע קרייזן בין איך טאַקע נאָכער געוואָר געוואָרן. אַז צו אַן עצה פון אַזאַ אַנגעזעענעם און רעספּעקטאַ־בעלן אידן דאַרף מען זיך גוט צוהערן. ער איז קלוג אין אַלגעמיין און איז געניט אין דער טעטיקייט פון וואוילטעטיקע ענינים. גענוג האָט אים געוויזן די פּראַקטיק אין זיין אַרבעט פאַרן היגן בית יתומים, פאַר וועמעו ער האָט געווידמעט זיין גאַנצע ענערגיע און פייאיקייט, לאָזנדיק זיך קאָסטן מערער פון זיינע מעגלאַכקייטן; גענוג האָט אים אויך אויסגעלערנט זיין איבערגעגעבענע אַרבעט לטובת ציוניסטישע און אַנדערע הילפ׳ס טע־טיקייטן. ער האָט פשוט אַ סך פּראַקטיק און ער ווייסט וואָס ער רעדט.

אַן אינטערעסאַנטע פערזענלאַכקייט. עס איז אים שווער צו גיין פּראַ־ווען וויזיטן און מאָנען געלט פאַרן „האיאס". ער וויל דאָך אבער פאָרט טאָן אַ גוטע אַרבעט, נעמט ער צעשיקט אַ פּאָר הונדערט בריוולאַך צו די היגע אידן און בעט זיי, אַז זיי זאָלן אים פאַרשפּאָרן אַ טרחה און זאָלן אַריינשיקן זייערע נתינות. און די היגע אידן ווייסן אַז אַזאַ קלוגן און גוטן אידן דאַרף מען „צוליב" טאָן.

צווי און איינער

די פירמע „סילווערמאַן בראָטהערס" אין פּראָווידענס, איז אַ שם דבר ניט בלויז אין ראוד איילאַנד סטייט נאָר איבערן גאַנצן לאַנד אין דעם „דזשועלערי מאַרקעט", וואו זיי ווערן פאַררעכנט צווישן די ראַיעלסטע און רייכסטע.

דער נאָמען „סילווערמאַן בראָטהערס" פאַרדינט דאָ די אנערקענונג פון אַלעמען, אידן און ניט אידן.

זיי זיינען רייך, זיי זיינען גליקלאַך. זיי ווייסן אָבער ווי אַזוי מען קען גוטעס טאָן און ווי אַזוי מ ע ד אַ ר ף גוטעס טאָן, ווען מ'איז רייך און ווען מ'איז גליקלאַך. זיי זיינען ניט צעטומלט געוואָרן פונם גאָלד־רעגן.

אַרטשיבאַלד און טשאַרלי, אָדער טשאַרלי און אַרטשיבאַלד — ווער פון זיי איז דער עלטערער ווער פון זיי איז דער בעסערער? דאָס איז אַן איינציקייט, וואָס איר קענט ניט פאַנאַנדערטיילן ניט אין זייער עלטער און ניט אין זייער גוטסקייט. זייער געזיכט זאָגט עס ניט. ווען איר זעט זיי ביידע, דעם רעדעוודיקן אַרטשי'ן און דעם שוויינגדיקן טשאַרלי'ן — איז עס איין נשמה, וועלכע ציט איר גרויסע שפע פון איין שורש — גוטסקייט און ערלאַכקייט.

איך גלויב קוים, אַז בשעת זיי גיבן זייערע גרויסע סכומים פאַר וואויל־טעטיקע באַדערפענישן זאָלן זיי האָבן פריער זיך בעראַטן וויפיל זיי זאָלן געבן. ביי מיר איז דער איינדרוק, אַז ווען עס קומט צו אַ דבר צדקה זיינען זיך ביידע ברידער פריער ניט מיישב וויפיל זיי זאָלן געבן. איינער רופט זיך אָן מיט אַ סכום און אַזוי באַשטעטיקט עס דער צווייטער. ווער דער איינער איז און ווער דער צווייטער איז — דאָס איז קיין אונטערשייד ניט.

* * *

זיי דאַרף מען זען ביי פאַרזאַמלונגען וואו עס ווערן באַהאַנדעלט גע־זעלשאַפטלאַכע אַנגעלעגנהייטן, מע דאַרף זען ווי זיי האַלטן זיך צווישן מענטשן און ווי מענטשן באַציען זיך צו זיי, — דאַן פילט איר, ווי שיין עס איז צו זיין אַ גוטער מענטש.

איך האָב טשאַרלי סילווערמאַן באַגעגנט יום כפור אין שול, וואו איך האָב גערעדט אין די אינטערעסן פון די אידישע אימיגראַנטן. עס איז געווען נויטיק, ער זאָל זיך אָנרופן מיט זיין גרויסן סכום, כדי אַנדערע גבירים זאָלן זיך אָננעמען מיט כח און זיך אויך אָנרופן מיט גרעסערע

סכומים. מיטן געדאַנק האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז לטובת הענין דאַרף ער אַזוי טאָן אָבער עס איז אים פּאָרט געווען שווער צו אַרויסטראָגן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, אַז אַנדערע זאָלן הערן פֿון זיין גרויסן סכום, וואָס ער גיט פֿאַר אַ דבר צדקה. ער גיט, ווייל ער פֿילט אַז ער דאַרף געבן. אָבער צו וואָס אויסשרייען זיין נתינה?

די הייליקסטע אַרבעט איז ביי אַרטשי צו מקבל פּנים זיין די אידישע אימיגראַנטן, וועלכע קומען אַריין מיט די שיפֿן אין פּראָווידענסער האַפֿן. אין די גרעניצן פֿון געזעץ העלפֿט ער זיי צו לאַנדן און איבעריקע שוועריג־קייטן. און ער טוט עס מיט אַ באַזונדער איבערגעבנקייט און ליבשאַפֿט, נאָר דערפֿאַר ווייל אַזאַ אַרבעט האָט ער די מעגלעכקייט צו טאָן באַשיידן, אָן איבעריקע קלינגערייען. אַז עס קומט אים צו דער האַנט אַ וואוילטעטיקע אַרבעט, וועלכע ער קען טאָן באַהאַלטענערהייט, איז ער גאָר אַ צעפֿרידענער. אַ גליק האָט אים געטראָפֿן. אַ גאַנצן אוצר האָט ער דאָ אַריינגעכאַפּט, — „טאָן גוטעס און קיינער זאָל דערפֿון ניט רעדן“.

*   *   *

אַז איך וועל אַמאָל האָבן די מעגלעכקייט אַ צען מינוט פֿרייע צו פֿאַר־ברענגען מיט אָט די געראָטענע ברידער, וועל איך זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן זיך ניט נעמען צופֿיל צום האַרצן פֿון דעם, וואָס מ׳האַלט אין איין רעדן וועגן זייערע גוטע מעשים. ניט כּדאי צו ערגערן זיך פֿון אַזאַ זאַך. וואָרן איך בין ביי דער פֿולער איבערצייגונג, אַז די גוטע אַרבעט אויפֿן וואויל־טעטיקן געביט, וועלכע איז צו באַמערקן אין פּראָווידענס, האָט אַ סך צו פֿאַרדאַנקען דער גוטע עפֿנטלעכע מיינונג וואָס הערשט אַרום זיי. אין דער פּרעססע צי ביי פֿאַרזאַמלונגען, ווען די באַגייסטערונג פֿאַר די „סילווערמאַן בראָטהערס“ איז גרויס, איז מען ניט אויסן קיין וואָכעדיקע פּובליסיטי. ווען מען דרוקט אויס באַגייסטערונג פֿאַר אַזעלכע יונגע לייט איז מען אויסן צו באַטאָנען, אַז אַזעלכע אידן דאַרפֿן מיר, אַזעלכע מענטשן זיינען אַ צירונג פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

און איך וויל נאָך צוגעבן אַט־וואָס?

ניט קיין קרוינען געבן מיר צו אָט די וועלכע מיר לויבן. פֿאַר גוטעס טאָן קומט קיין לויב ניט. גוטעס טאָן איז אַ מוז פֿאַר יעדן מענטשן ובפֿרט פֿאַר אַ רייכן מענטשן. ווען מיר רעדן וועגן גוטע מעשים פֿון גוטע מענטשן מיינט עס, אַ לעבנס־לעקציע און אַווירקלאַכער ביישפּיל פֿאַר אַ סך אַנדערע און אויך פֿאַר זיי זעלבסט — שטענדיק און שטענדיק האַלטן אין איין גוטעס טאָן.

מרס. אַרטשיבאַלד סילווערמאַן

ווען איר הערט זי רעדן ענגליש, זעט איר פאַר זיך אַ פּערזאָן וואָס באַ־הערשט פאָלקאָם די ליטעראַרישע שפּראַך און האָט די פולע מעגלאַכקייט אויסצודריקן אירע געשליפענע געדאַנקען און נאָבעלע געפילן. הערט איר זי רעדן אידיש, פילט איר נשמה, האַרץ, . איר אידיש דערפילט איר אין דער תפילה־שטימע, וואָס ווערט אַזוי ציטערדיק באַגלייט פון אירע אויגן, פול מיט אַ אידישן חן. זיי קוקן פאַרטראַכט און פול מיט זאָרג פאַר אַנדערע.

וואָרן אויף וואָס דען אַנדערש האָט די גליקלאַכע יונג־פרוי צו זאָרגן אַ חוץ די זאָרג פון אַנדערע? רייך איז מען, אַ גליקלאַכע פאַמיליען־נעסט פול מיט ליבע פאַרמאָגט מען, שיין איז מען, נחת פון קינדער האָט מען. „גאָט האָט איר אויסגעהיט פון אייגענע צרות, מוז זי דאָך, זאָגט זי, אין זינען האָבן אַנדערענס צרות".

און זי האָט אינזינען. אירע מעשים טובים זיינען ניט בלויז געלט־סכומים וואָס זי גיט פאַר אַלע געזעלשאַפטלאַכע באַעדרפעניש. זי באַ־נוגנט זיך ניט דערמיט אַליין. זי איז צו גרויס אין איר פאַרלאַנג גוטעס צו טאָן און זי קען זיך ניט באַנוגענען מיט געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט אין אַ לאָקאַלן פאַרנעם. איר גרויסער גייסט לאָזט זי ניט רוען, ער רופט זי צו טאָן נאָר גרויסעס אין אַ גרויסן פאַרנעם. נעמט זי, אָט די צאַרטע פרוי, און לאָזט איבער איר מאַן און אירע קינדער, זאָגט זיך אָפּ פון אַלע אירע וואוילטאָגן אין איר רייכער היים, פון דעם שענסטן רעספּעקט וואָס אַלע איינוואוינער אידישע און ניט אידישע, פילן צו איר און לאָזט זיך אַרום וואַנדערן איבער די אַמעריקאַנער אידישע שטעט און שטעטלאַך אויפ־מונטערן און אויפוועקן צו דעם אויפקום פונם אידישן פאָלק.

איר אַרטשי גיט איר אויף הוצאות, און זי פאָרט אַרום און פראַוועט גלות.

אָט די פירשטלאַכע אידישע טאָכטער, איינע פון די רייכסטע אין ראוד איילאַנד סטייט, קומט אין אַ אידיש שטעטעלע פון אָוונט און קלינגט אָן אין אַ אידיש הויז און בעט מען זאָל איר עפענען די טיר. ענטפערט מען איר, אַז זי האָט זיך אומזיסט מטריח געווען. טוט מען אָבער איר צוליב און מען עפנט פאַר איר די טיר און מען גיט איר אַ גלעזל טיי, נוצט זי אויס די געלעגנהייט און פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט די אָרטיקע אידישע איינוואוינער וואָס זיינען זיך דערוויל צונויפגעקומען און שאַפט אַזוי פּאָ־וואָלי אַ קנאָפּן טויזנטער פאַר ארץ ישראל.

און גליקלאַך פילט זיך אָט די גרויסע אידישע טאָכטער נאָך אַזאַ וויזט.

„אַרבעטן דאַרף מען פאַר אידישע אינטערעסן, אפילו דאַן ווען די אַרבעט פאַרשאַפט יסורים", דאָס איז די טיפע איבערצייגונג און געלייטערטער גלויבן פון דער דאָזיקער זעלטענער פרוי, און אין גייסט פון דעם גלויבן האָלט זי אין איין אַרבעטן. קומענדיק פון איר גלות פּראַווע, דאַרף מען „צופאָרן" אויף יענער זייט אַטלאַנטישן ים אויף אַ זיצונג פונם ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט, קומענדיק פון דאָרטן דאַרף מען זיין ביי דער קאָנ־ווענשאָן פון אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויסקעמפן אַ פאַרדינטן דרך ארץ צו דער לייטונג. אַ אידיש האַרץ וואָס האַלט אין איין קלאַפּן; אַ אידישע נשמה, וואָס האַלט אין איין זוכן דעם שליסל צו אידישן אויפקום.

* * *

עס איז פאַר מיר אַנטפּלעקט געוואָרן אַ ליכט, און האַלטן וועל איך דאָס ליכט אויפן גרויסן און ווייטן וועג פון מיין זוכעניש. ווען איך בענק אַזוי צו געפינען דעם „סליד" צו דער גרויסער נשמה, וואָס מוז ערגיץ זיין, ווען דער געדאַנק הויבט־אָן צווייפלען, וועל איך עפענען מיין בוך און דערזען דעם נאָמען „מרת אַרטשיבאַלד סילווערמאַן" וועט ווידער אַמאָל שטאַרק ווערן מיין האָפנונג צו זען צווישן אונז העלדישע פרויען, וואָס פון אָרימקייט און פון רייכקייט וועלן זיי באַלייכטן דעם וועג פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין ליכט און אין מוט.

* * *

אויב אַ מיידעלע פון ניין יאָר, וואָס איז געקומען מיט אירע עלטערן אין דער אַמעריקע פון צוריק מיט אַ דרייסיק יאָר, ווען די עם־הארצ'ישע גראָביונגשאַפט האָט אַזוי ווילד געווילדעוועט אויף יעדן געביט פון הינן ניט אָרגאַניזירטן אידישן לעבן, האָט געקענט איינהיטן אין זיך אַזאַ אידישן גייסט פול מיט העלדנטום, און אויסוואַקסן און אריינוואַקסן אַזוי טיף אין דער אידישער טראַדיציע, אויב אין די פאַרשידענע פעריאָדן פון שטודירן אין די היגע סקולס, פון מיידלשאַפט, פון הייראַט, פאַמיליען־לעבן, רייכטום, „סאָסייעטי"־מזרח, און רייכטום און נאָכאַמאָל רייכטום האָט זיך ביי איר אַנטוויקלט אַזאַ גייסטיקע קראַפט ביז צו דער שטופע פון אידישער מסירות נפש, — אויב דאָס האָט געקענט געשען אין דער אַמעריקע פון צוריק מיט דרייסיק יאָר, קענען מיר ביי דער אידישער אַמעריקע פון איצט געווים און געווים פאָדערן און דערוואַרטן אידישע טעכטער וועלכע וועלן גיין אין די וועגן פון אַזאַ גייסטיקער פּיאָנעריןן, ווי מרת אַרטשיבאַלד סילווערמאַן.

* * *

און צופעליק האָב איך דאָ אין פּראָווידענס, פון איר אַ מעשה'לע געהערט, וועז זי האָט געערדט פאַר אַ גרויסן באַגייסטערטן עולם. זי דערציילט אַזוי: „ווען איך בין מיט מיינע עלטערן קיין אַמעריקע געפאָרן, האָט מיין גאָטזעליגער טאַטע מיטגעפירט מיט זיך אונזער ספר תורה פון דער היים. דאָס איז געווען אונזער איינציקער פאַרמעגן, וואָס מיין טאַטע עליו השלום האָט אַהערצו געבראַכט. אַז ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער מיך צוגערופן צו זיין קראַנקן בעט און האָט מיר אַזוי געזאָגט: „דער אויבערשטער האָט דיר געהאָלפן, מיין קינד, מיט גרויס עשירות, וועל איך דיר איבערלאָזן אַ ירושה, וואָס איז טייערער פון דער גרעסטער עשירות אין דער וועלט. דו, מיין קינד, וועסט ירש'ענען מיין ספר תורה".

צו תקיעות

צווייטער טאָג ראש השנה אין טעמפּל „בית ישראל" אויף נאַיאַגראַ סטריט. מ'האָט אַריינגעפירט אַלע קינדערלאַך פון זייערע שול־צימערן און מ'האָט זיי אויסגעשטעלט אין פראָנט פון דער בימה, זיי זאָלן הערן די תקיעות. קליינע אידעלאַך, אויסגעפּוצט אין זייערע יום־טוב'דיקע מלבושים'לאַך האָבן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם רבונו של עולם. אַ מחנה. אין די רייען שטייען זיי. שולטערן גלייכע, בעקאַלעך גלאַטע און פרישע, אויגעלאַך קלאָרע און ליכטיקע. ייִנגעלאַך און מיידעלאַך, מיידעלאַך און ייִנגעלאַך פאַרנעמען די ערשטע פּאָזיציע אויפן שלאַכט־פעלד אין דער גרויסער מלחמה צווישן דעם אידן און שטן.

זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס, זין און טעכטער שטייען אַלע פון הינטער די בענק און מיט אָנגעשטרייינקייט זיינען זייערע אויגן געווענדעט צום צענטער פון שלאַכט־פעלד, צו דער בימע. „ווער וועט ווען ביי־קומען? דער בעל תוקע דעם שטן אָדער חלילה פאַרקערט".

זייער גייסטיקער פירער, רבי שוסהיים, דער רבי פון שול, שטייט לעבן בעל תוקע. ער איז אַ פעלד־מאַרשאַל, איז ער פאַראַנטוואָרטלאַך פאַרן אויסגאַנג פון דער מלחמה. גיט ער אַכטונג אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג, די תקיעות און די שברים און די תרועות ביז דעם לעצטן נצחון — די תרועה גדולה. און כדי צו פאַרזיכערן פאַר ישראל'ן אַ גאַנצן זיג, האָט דער פעלד־מאַרשאַל אַ באַפעל געגעבן און די גוואַרדיע, די שלמה'לאַך און די שרה'לאַך, זיינען אַרויס אין סאַמע פראָנט פון שלאַכט. שטייען זיי אין געשלאָסענע רייען און מיט זייערע ליכטיקע שיינענדיקע אויגעלאַך קוקן זיי מוטיק־שטאָלץ צו זייער גרויסן פירער און שיקן אים אַ מחשבה: — זיי זיכער מיט דיין זיג! מ י ר זיינען גרייט!

אַזוי זאָגט „דאָס פאָלק“

קומענדיק קיין פּראָווידענס איז ביי מיר דער ערשטער זונטאג געווען באַשטימט פאַר אַ גרויסער אַרבעט. איך האָב געדאַרפט זיך מיט אַ געוויסע צאָל מענטשן זען און אויסאַרבעטן די פּלענער פאַר מיין ווייטערדיקער טעטיקייט אין דעם היגן געגענט. גלייך אינדערפרי הויבן ביי מיר אָן די טעלעפאָנען אַרבעטן — איך מיט איינעם, דער סעקרעטאַר מיט אַן אַנדערן — מיר רופן אַרום די פּערזאָנען וואָס מיר האָבן אינזינען געהאַט זיי אַריינ־צוציען אין אונזער אַרבעט, און יעדער איינער פרעגט מיט באַוואונדערונג: „ווי האָב איך דאָס אויסגעקליבן אַזאַ טאָג צו אַרבעטן?“

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָב איך געמאַכט אַ טעות אין חשבון. איך האָב אויסגערעכנט, אַז דער דאָזיקער זונטאג זאָל ביי מיר זיין אַ גרויסער טאָג פון אַ סך אַרבעט און צום סוף איז גאָר היינט אין פּראָווידענס אַ גרויסער אידישער יום טוב און אַלע אידן זענען אַזוי פאַרנומען, אַז קיין איינער פון זיי, דער וואָס פאַרנעמט נאָר אַ וועלכן ס'ניט איז אָרט אין דער געזעלשאַפט, וועט היינט אפילו אין דער היים ניט זיין. אַלע וועלן זיין אויף דעם אָרט פון דער גרויסער אידישער שמחה.

— עס איז אַ דאָפּלטע שמחה. — דערקלערט מיר דער בעל הבית, ביי וועמען איך האַלט סטאַנציע. איינמאָל איז אַ שמחה, וואָס היינט איז דער חנוכת הבית פון דעם גרעסטן און רייכסטן טעמפּל עמנואל, אין סטייט ראוד איילאַנד. ניט נאָר אין ראוד איילאַנד, נאָר אפילו אין אַ סך אַנדערע סטייטס, זאָגט מיר מיין בעל הבית, וועט איר ניט געפינען אַזאַ גרויס־אַרטיקע אידישע שול, מיט אַזאַ שיינקייט און מיט אַזאַ רייכקייט ווי דער טעמפּל עמנואל איז אויסגעבויט. אַלע רייכערע אידישע גרויסע פּערזענ־לאַכקייטן זיינען עס פאַראינטערעסירט אין אָט דער גרויסער אונטערנעמונג. איז עס היינט, דער זונטאָג נאָך די ערשטע סליחות, די דערעפענונג און די באַנייאונג פון אָט דעם וואונדער־שיינעם אידישן בנין.

און צו דער דאָזיקער גרויסער שמחה, דערקלערט מיר מיין בעל הבית מיט באַגייסטערונג, קומט צו נאָך אַ גרויסער יום טוב פאַר דער היגער אידישער קהלה. סעמיועל מעגיד פּראַוועט אַצינד דאָרטן די בר מצוה פון זיין קינד.

מיין בעל הבית איז פון די אָנגעזעענסטע עלטערע אידן אין פּראָווי־דענס. אויסער דעם וואָס ער איז אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער משכיל, און

בכלל אַ געראַטענער קלוגער איד פון דעם עלטערן דור, — איז ער נאָך צו אַט די אַלע מעלות זייער אַן ערלאַכער. ער וועט קיינמאָל ניט זאָגן אַזאַ וואָרט, וואָס ער זאָל עס ניט מיינען ערלאַך. ער וועט קיינמאָל ניט געבן אַ שבח צו אַזעלכן וואָס ער האָט עס זיך ניט פאַרדינט. אַזאַ איד איז עס מיין בעל הבית. איז אַז ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען „סעמואיל מעגיד", האָט ער אָנגעהויבן ממש לייכטן פון דרך ארץ און פון ליבשאַפט. און אַז ער האָט געזעדט פון דער „בר מצוה", וואָס סעמואיל מעגיד פראַוועט אַצינד אינאיינעם מיטן „חנוכת הבית" פון טעמפל עמנואל, האָב איך געפילט, אַז ער איז באַגייסטערט פון אָט דער געשעעניש, וואָס די פאַמיליען שמחה פון אַזאַ סעמואיל מעגיד פאַלט אויס גראַדע אין דער צייט פון אַזאַ חנוכת הבית.

עס איז אַזאַ צוגעפּאַסטע מחותנ'שאַפט — רעדט מיין ערלאַכער בעל הבית — אַז איר קענט זיך קוים פאַרשטעלן. פאַר סעמואיל מעגיד פּאַסט זיך צו פראַוועון די „בר מצוה" פון זיין קינד אינאיינעם מיט אַזאַ „חנוכת הבית". ווייל אין דער שמחה פון „חנוכת הבית" איז סעמואיל מעגיד'ס טייל דער גרעסטער. ביי דעם מאָמענט אַליין פון עפענען די טירן פון טעמפל האָט סעמואיל מעגיד געגעבן 5 טויזנט דאָלער, אויסער די גרויסע געלט־סכומים, וואָס ער לאָזט זיך בכלל קאָסטן פאַר אַזאַ גרויסן בנין. און וואָס עפּעס נאָר דאָ? וואו איז דען דאָ אַ וואוילטעטיקע אַרבעט, אידישע און ניט אידישע, לאָקאַלע צי נאַציאָנאַלע, וואָס סעמואיל מעגיד זאָל ניט געבן זיין גרויסע נתינה, מיט האַרץ און מיט באַוואוסטזיין? וואו איז דען פאַראַנען איין מענטשלאַכע גוטע אונטערנעמונג, וואָס סעמואיל מעגיד זאָל ניט זיין פון די ערשטע גרעסערע נותנים. אַזאַ יונגערמאַן — זאָגט מיין בעל הבית, דער פּאַטריאַרך — איז אַ צירונג פאַר אידן און אַ ברכה פאַר אונזער קהלה.

דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער צופאַל האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ ספּעציעלן אינטערעס אַרויסצוגיין איבערן שטאָט און שטודירן די מעשים פון אַזאַ אידן, ווי סעמואיל מעגיד. און אינטערעסאַנט איז צו זען, ווי „דאָס פאָלק" רופט זיך אָפּ וועגן די מעשים טובים פון אַזאַ געראַטענעם אידן, ווי סעמואיל מעגיד איז. מ'האָט אים ליב, אָט דעם אידן. סיי אין די אָרימע סיי אין די אַנדערע געגנטן ווערט דער נאָמען סעמואיל מעגיד דער־מאָנט מיט ליבשאַפט. ווייל סעמואיל מעגיד, זאָגן די היגע אידן, האָט שכל און האַרץ און ווייסט ווי אויסצונוצן זיין רייכקייט פאַר גוטע מעשים.

סעמיועל מעגיד איז געבוירן אין ארץ ישראל.

רואיקייט

בײַ אים אין אַפּיס פֿילט איר די רואיקייט פֿון אַן אײראָפּײאיש גביר, און אין זײַנע מאַניערן זעט איר אַ געלונגענע קאָמבינאַציע פֿון אַמעריקע און אײראָפּע. ער איז אַן אַמעריקאַנער לויט זײַן דערציאונג און בילדונג, שוואונג און אַרבייטסזאַמקייט און אַן אײראָפּייער — לויט זײַן רואיקייט.

אין זײַן טאָג־פּראָגראַם איז בײַ אים פֿאַרצייכנט אַ סך זאַכן צו דערלײדיקן, סײַ געשעפֿטלעכע און סײַ געזעלשאַפֿטלעכע, יעדער ענין פֿאָדערט צייט און רואיקייט, און מאַקס גרענט פֿאַרמאָגט עס. בײַ אים איז קיינמאָל ניט קיין מאַנגל אין צייט און אין רואיקייט. טאַקע דערפֿאַר ווײַל ער פֿאַרמאָגט אין זיך אָט די נויטיקע שײַנע אײגנשאַפֿט — רואיקייט — פֿאַרמאָגט ער אַזויפֿיל צייט פֿאַר אַלע זײַנע וויכטיקע עסקים, וואָס ער האָט יעדן טאָג צו דערלײדיקן.

און דערלײדיקן האָט ער זייער פֿיל ענינים. אויסער זײַנע פּערזענלעכע געשעפֿטן טראָגט ער אויף זיך אַן עול פֿון געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון גאָר אַ גרויסער וויכטיקייט. דער מרים האָספּיטאַל, דער „קאַמיוניטי טשעסט" א. א. פֿאָדערן זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַקטיוויטעט. און אַ מעלה האָט ער, אָט דער געראָטענער יונגערמאַן, — ער איז ניט צעשוואומען אין זײַן געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. ער וועט זיך באַטייליקן אין אַ געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט אויף אַזויפֿיל אויף וויפֿיל ער פֿאַרשטייט אַז ער קען פֿאַר דעם זײַן צייט און ענערגיע געבן. ער וועט קיינמאָל זיך ניט נעמען צו אַ געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, כּל זמן ער איז ניט זיכער, אַז ער וועט זי קענען טאָן. דערפֿאַר איז בײַ אים פֿאַראַנען אַ קאָנטראָל איבער זײַן פֿאַרלאַנג צו זײַן געזעלשאַפֿטלעך אַקטיוו. ער קלײַבט אויס אײניקע געביטן אין געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן, פֿאַר וועלכע ער פֿילט ענטוזיאַזם און פֿאַר זיי ווידמעט ער אײַנגאַנצן זײַן אַקטיוויטעט. פֿאַר די איבעריקע טעטיקייטן, מעג ער אַפֿילו סימפּאַטיזירן מיט זיי, וועט ער אַקטיוו ניט זײַן. ער וועט שטיצן, לויט זײַן פֿאַרנעם, ער וועט אויך פּאַסיוו ווירקן לטובת אַזעלכע, אָבער זײַן צייט וועט ער פֿאַר זיי ניט געבן. ווײַל ער האָט שוין זײַן צייט און אַקטיוויטעט פֿאַרשפּראָכן פֿאַר אַזעלכע געזעלשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען, פֿאַר וועלכע ער איז ענטוזיאַסטיש געשטימט. אַזאַ פּרינציפּ האָט ער אין זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט. און אַפֿילו ווען אין געוויסע ענינים זײַט איר מיט אים ניט מסכּים, מוזט איר אים פֿאַרשטיין, ווײַל ער איז באַוואוסטזיניק אין זײַן וואוילטעטיקער אַרבעט. ער וויל גרונטלאָך וויסן, פֿאַרוואָס צו געבן זײַן צייט און שטיצע. זײַן טור קיין ארץ ישראל האָט ער אויך פֿאַרנומען נאָר כּדי צו שטודירן די דאָרטיקע לאַגע, און האָבן וועגן איך אַן אײגענע און באַגרינדעטע מיינונג.

דער דריילינג

ס׳קען גאָר ניט געמאָלט זיין אַ וועלכער ס׳ניט איז דערפאָלג אין פּראָווידענס אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער אָדער לאָקאַלער געזעלשאַפט־לאַכער טעטיקייט אָן דער דירעקטער אַקטיווער אַרבעט פון אַלטער בוימאַן.

ווען איר זעט אים דאָס ערשטע מאָל און איר ווייסט ניט ווער ער איז, זעט איר פאַר זיך אַ יונגערמאַן פון פאָלק, אַזעלכע יונגע לייט, וועלכע איר באַגעגנט טאָג־טעגלאַך אין אַלע אידישע ישובים איבער דער גאַרער וועלט. האָט איר אָבער נאָר אָבגעשטעלט אייער אויג אויף אים, דערזעט איר פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיך אַן עול, אַ מענטש וואָס טראַכט וועגן גרויסע זאַכן. עס איז ניט אַ געוויינלאַכער יונגערמאַן וואָס איז פאַרטאָן נאָר אין זיינע טעגלאַכע ענינים און דערווייל האָט ער אויך אין זינען „כלל אַרבעט“. אַלטער בוימאַן איז פון די „גאָט׳ס געבענטשטע“ כלל טוער, וואָס זיין מוח איז איבערפולט מיט כלל זאַכן און דערווייל האָט ער אויך איינזינען צו האָרעווען אויף אַ לעבן צו מאַכן. דעם דאָזיקן שטריך דערזעט איר אויף אים מערער בולט, ווען ער טוט אַ קוק אויף אייך. איך האָב עס דערזען, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט זיין קוק, נאָך איידער איך האָב מיט אים פאַרפירט אַ געשפּרעך. איך האָב אין זיין באַוועגלאַכן קוק דערזען זיין נשמה. זיין נשמה איז אַ באַוועגלאַכע, אַ פאַרשנדיקע, אַ זוכנדיקע ווי זיין קוק.

און אַז איך האָב מיט אים פאַרפירט אַ געשפּרעך און ס׳האָט געדויערט אַ גרעסערע ווײלע, האָב איך פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַר אַ קראַפט ער האָט דערגרייכט צו זיין איצטיקער געזעלשאַפטלאַכער שטופע, אינם זין פון ווירקונג און אָנזען. פאַר מיר איז געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס ער איז אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין אַלע קרייזן פון דער היגער געזעלשאַפט. — ער איז אַ קינד פון פאָלק. ער אַליין פילט זיך אַזוי, און אַזוי פילט זיך דאָס פאָלק אַרום אים. דערפאַר איז ער שטענדיק פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען, דערפאַר טראָגט ער אויף זיך דעם עול פון זיינע מיטמענטשן און דערפאַר ווערט ער אַזוי געשעצט פון זיינע מיטמענטשן. ביי אים איז ניט פאַראַנען קיין גרעניץ און קיין מאָס וואו און וויפיל צו טאָן גוטעס פאַר זיינע מיט־מענטשן. דער איינצעלנער מענטש איז ביי אים אַזוי טייער ווי דער כלל, ווייל ער איז געלערנט, ער ווייסט, אַז אַ געזונטער כלל קען זיין נאָר דאַן ווען זיינע איינצעלנע טיילן זיינען נאָרמאַל און געזונט.

* * *

בשעת איך רעד מיט אים וועגן אַ גרויסער פּאָלקס־ארבעט, קומט אַריין אַ יונגערמאַן, אַ בחור האָט ניט קיין לעבנסמיטל. מע דאַרף אים פאַרזאָרגן מיט אַרבעט. דאַרף עס אַלטער בוימאַן טאָן. און ער טוט עס. מיט דער גרעסטער התלהבות טוט ער עס. ער טעלעפאָנירט באַלד איינעם אַ מאַן, קומט יענער גלייך צו אים. צו בוימאַנען קומט מען, אַז ער רופט. דער מאַן מוז עס פאַרזאָרגן דעם בחור מיט אַ שטעלע. און דער מאַן טוט עס. וואָרן ווי קען מען עס אָפּזאָגן בוימאַנען, ווען ער פאַדערט?

און אַז בוימאַן גייט אַלעמאָל צו פאַרזאַמלונגען און אין די שולן און רעדט פאַר אַן עולם פון הונדערטער און הונדערטער פאַרזאַמלטע און פאָדערט געלט פאַר נאַציאָנאַלע, אָדער לאָקאַלע אונטערנעמונגען — טוט מען אויך וואָס ער פאַדערט. און אַז בוימאַן גייט אַלע חודש צום האַפן, ווען עס קומט אַ שיף פון מרחקים און פאַדערט ביי די שיף באַאַמטע אין די גרענעצן פון געזעץ, לטובת די אידישע אימיגראַנטן — ווערט עס אויך געטאָן.

ווייל אומעטום, סיי דער איינציקער און סיי די רבים סיי אידן און סיי ניט אידן, אַלע ווייסן אַז צו אַלטער בוימאַן׳ס פאַדערונגען דאַרף מען זיך צוהערן. ווייל אַלע ווייסן, אַז ער פאַרלאַנגט נאָר גוטעס, און זיך האָט ער דערמיט גאָרניט אינזינען. אַ אידעאַלער טיפּ פון פאָלקסטימלאַכקייט, וואָס איז געווידמעט די אינטערעסן פון פאָלק. אַן אינטערעסאַנטער עקזאַמפּליאַר אינם אידיש־מענטשלאַכן בוים. און אינאיינעם מיט זיין פרוי שרה און מיט זייער בת יחידה סילוויע, וואָס באַטייליגן זיך מיט אים בשלמות און באמונה אין אַלע זיינע טואונגען, איז עס ממש ווי איין בוים, אַ שיינער צווייגהאַפטער, גוט איינגעוואָרצלטער אַ ל ט ע ר בוים־מאַן.

דאָס קינד דערמאָנט

זינט שלום לאַייטמאַן איז געקומען קיין פּראָווידענס, צאָלט ער צו „האיאס" זיין יערלאַכע ביישטייערונג. איז אַז מ׳האָט יום כיפור אין שול געמאַכט אַן אפיל פאַר נייע מיטגלידער, האָט ער זיך ניט אָנגערופן — ער איז דאָך אַ מיטגליד פון בעפאָר, טראַכט ער זיך, צאָלט ער דאָך סיי ווי סיי. זיצט נעבן אים זיין 8 יאָריקער בנימין דערמאָנט ער אים: פּאַ, פאַרוואָס שווייגסטו און גיסט ניט דעם אידן קיין געלט?"

דעם פאָטערס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד, ווען ער הערט די פראַגע פון קינד. אַ פּיצל קינד, דערצויגן אין אַמעריקע, און האָט שוין אַזאַ אינטערעס אין אידישע צרות. שלום לאַיטמאַן באַקומט נאָר אַ נייעם מוט און שרייט אויס אין דער הויך זיין נתינה.

אַ צוגרייטונג

עס איז געווען אין אַ שבת־אָוונט. ניט מערער ווי אַ פּאָר טעג ביז ראש השנה. דער שיינער אימפּאָזאַנטער טעמפּל „עמונאל״ איז שוין פאַרטיק אין זיין גאַנצער פּראַכט. צווישן די רייכע הייזער אויף מאַררים עוועניו שיינט אָט דער גיגאַנטישער בנין און באַצירט און באַשיינט ניט בלויז דעם נאָמען פון ישראל, נאָר אויך די גאַנצע געגנט.

די אָרטיקע אידישע קהלה האָט שוין זיין חנוכת הבית געפייערט. גראַנדיעז איז געווען די שמחה און אַ באַגייסטערונג האָט אָנגעפילט אַלע־מענס הערצער.

דאָס חצוניות (די אויסערלאַכקייט) איז שוין דאָ פאַרטיק מיט דער גרעסטער און שענסטער פּינקטלאַכקייט. דערפאַר האָט שוין געזאָרגט דער אַרכיטעקטער מיט זיינע געהילפן און אַרבעטער. דער בנין איז פאַרטיק. אַלע וואָס גייען דאָ דורך מוזן זיך אָפּשטעלן און באַוואונדערן אָט דעם אידישן טעמפּל. ווי מיט אַ מאַגנעט ציט ער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

אין די איבערגעבליבענע פּאָר טעג ביז ראש השנה איז נאָך פאַרבליבן אַן אַרבעט — צובאַזאָרגן דאָס פּנימיות (די אינערלאַכקייט) פון אָט דעם הייליקן אידישן בנין. מען דאַרף ברייינגען אָרדנונג אין די אַלע פאַרשידענע אַבטיילונגען: דאָס מעבל פּאַנאַנדער צו שטעלן, די בימה אויסצופּוצן לכבוד יום טוב, דעם ארון קודש מיט די הייליקע ספרים באַצירן, די ליכט פאַר־פאָלקאָמען און די הייליקע שיינקייט צו פאַרזיכערן. זיינען עס געקומען אַ הערצו די מיטעלע און די יונגע, פרויען און מענער, צו צולייגן אַ האַנט צו דער הייליקער אַרבעט. טייער און נאָענט איז אָט די אַרבעט ביי יעדן פון זיי. ס׳איז אייגנס. מהאָט דערגרייכט אַ גרויס הייליק אייגנטום. איז מען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר יעדע ברעקעלע. און מיט אַ שמחה פון יום־טוב׳דיקייט, ווי אונזערע מאַמעס פלעגן צו־גרייטן דאָס פּסח׳דיקע זילבער צום סדר, גייען דאָ אַרום מענטשן און ראַמען און פּוצן יעדע זאַך, צו וואָס זיי נעמען זיך.

* * *

צווישן די אַלע צענדליקער און צענדליקער מענטשן וואָס זענען דאָ באַשעפטיקט צו אַריינברענגען די שיינע אינערלאַכקייט אין דעם וואונדער־שיינעם טעמפּל „עמנואל״, — האָב איך דערזען איינעם, וואָס האָט מיט אַ באַזונדער קראַפט אַ ציי געטאָן מיין אויפמערקזאַמקייט. ווי אַ בליץ האָט מיר אַ שיין געטאָן זיין פאַרטראַכט פּנים, זיינע זוכנדיקע אידיש־פאַר־בענקטע אויגן.

אָט דער דאָזיקער יונגער שיינער בחור איז אין יענעם מאָמענט אַריינ־געטאָן אין גאַנצן אין אַן אַנדער וועלט. ער שטייט דאָ צווישן אַלעמען

און זיין געדאַנק, זעט איר, איז פאַרטיפט גאָר אין אַנדערע עולמות. איר פילט אין זיינע אויגן און אין זיינע געזיכט־שטריכן, אַז זיין געדאַנק טראַכט איצטער וועגן דער העכסטער שטופע פון הייליקער אַרבעט, וואָס מ׳דאַרף איצטער טאָן כדי צו דערנענטערן דעם גאַנצן פּראַכט פון אַט דעם וואונדער־שיינעם טעמפּל עמנואל: — מען דאַרף אַהערצו אַריינברענגען די פּנימיות שבפּנימיות (די אינערלאַכע אינערלאַכקייט) די שכינה, די אידישע מחשבה, דעם אידישן געפיל און וויסן, און די אידישע אייניקייט און שטרעבונג.

אַט וועגן דעם טראַכט אַצינד אַט דער דענקנדער גייסטיקער פירער פון דאַנען, רבי ישראל גאָלדמאַן.

און איך זע אין אים, אַז ער וועט דעם וועג געפינען.

ער ווייסט זיך

איר קומט אַריין אינם אויפנאַמ׳ס צימער פון זיין אָפיס, דערזעט איר צווישן די איבעריקע וואַנט־בילדער אויך די גרויסע נאַציאָנאַל־פאָנד צייגניש. ער איז עס דער טשערמאַן פונם היגן ציוניסטישן דיסטריקט.

ווען איך האָב זיך געהאַלטן אין עצה מיט די היגע טוערס, וועמען צו באַשטימען אַלס טשערמאַן פון היגן „האיאַס קאַמפּיין" האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָקטאָר אילייַ בווירגער איז דער פּאַסנדער פּערזאָן. בין איך עס געקומען צו אים אין אַן אינדערפרי, אָנזאָגן אים וועגן אונזער באַשלוס. ער הערט מיך אויס אַזוי אויפמערקזאַם און שמייכלנדיק פרעגט ער מיך „וואו נעמט מען אַזויפיל צייט?"

ער רעכנט מיר אויס אַ צעטל פון געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט, וואָס ער מוז אַרויס ענדיקן און ס׳סטייעט אים פשוט קיין צייט ניט. ער רעדט שוין ניט, זאָגט ער, וואָס מע מוז אינזינען האָבן פּרנסה אויך. איך פאַר־זיכער אים, אַז איך פאַרשטיי פולשטענדיק זיין לאַגע און איך דערקלער אים, אַז איך וועל אַלעם אַזוי איינאָרדנען, אַז צו מיין אַרבעט וועט מען אים וואָס ווייניקער באַמיען. עס וועלן שוין זיין, זאָג איך אים, נענוג קאָמיטעס, וועלכע וועלן טאָן די אַרבעט. ער וועט נאָר דאַרפן זיין דער אָפיציעלער טשערמאַן. אַרבעטן וועלן אַנדערע.

און פאַרשטייט זיך, אַז געדעכט איז ער געוועזן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט, איז ער אין איר אַזויפיל אַריינגעצויגן געוואָרן, אַז איך האָב פשוט געמוזט זיך דינגען מיט אים און אים בעטן רחמים, אַז ער זאָל ניט איבערלאָזן זיין אָפיס און גיין פּראַווען וויזיטן.

אַט דער געזעלשאַפטלאַכער טוער האָט אַ טבע אַזאַ: קומט צו אַ נאַציאָנאַלער אַרבעט, פאַרגעסט ער, אַז ער האָט אַן אָפיס און דאַרף אינזינען האָבן פּרנסה.

דורכאויס שיין

באַלד ביים ערשטן אַריינקום אין גרויסאַרטיקן רייכן אָפיס פון אַרטור דאַרמאַן, אין ווינסאַקעט, ראוד איילאַנד, נאָר־וואָס איך האָב די טיר הינטער מיר צוגעמאַכט, האָב איך געוואָלט בעטן אַנטשולדיקונג ביי דער אינפאָר־מיישאָן־מיידל און איר זאָגן, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט אין אַדרעס, און באַלד אַרויסגיין צוריק.

ווייל געגאַנגען בין איך צו אַרטור דאַרמאַן, איינער פון די גרעסטע וואָל־הענדלער אין ראוד איילאַנד סטייט, האָב איך דערוואַרטעט אַריינ־צוקומען אין אַ האַנדלס־הויז, טאַקע אַ גרויסע, טאַקע גאָר אַ גרויסע ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַזעלכע גרויסע ביזנעס וואָס ווערן דאָ געפירט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַרטור דאַרמאַן׳ס אָפיס דאַרף זיין אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער, מיט אַ סך טישן, מיט אַ סך מענטשן וואָס אַרבעטן ביי די טישן. דערפאַר האָב איך זיך עפּעס ווי פאַרלוירן אין דער ערשטער מינוט, ווען איך האָב דערזען פאַר מיר גאָר ניט קיין סימן פון קיין האַנדלס אָפיס. באַלד ביים אַריינקומען אין דער שיינער טיר, וואָס עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך מיט אַ באַזונדער בכבוד׳יקער און שוועבנדיקער גרינקייט — האָב איך דערזען פאַר זיך אַ „טעמפּל פון קונסט“.

אין דער איינער מינוט האָט מיך די שיינקייט פון דאַנען אַזוי שנעל אַריינ־געצויגן, אַז ווי מיט אַמאָל האָב איך דערזען אַלעס און אַלעס וואָס אָטעמט דאָ מיט אַזאַ פרישן געשמאַק און קיין ברעקעלע איז דאָ ניט אויסן־געבליבן, אַז מיין אויג זאָל עס ניט באַמערקן. קונסט אין יעדער ברעקעלע, קונסט אין יעדן ווינקעלע. עפּעס זיינען דאָ ווענט, פאָל און סטעלי גאָר אַנדערש ווי אומעטום, די לאָמפּן זיינען אַנדערש, די טישן און שטולן האָבן דאָ עפּעס נאָר אַ באַ־זונדערן אויסזען און די מענטשן וואָס איך זע אַרום די טישן, זעען מיר אויך אוים עפּעס ניט ווי אָנגעשטעלטע אין אַ האַנדלס־אָפיס, נאָר ווי דינער אין אַ הייליקן טעמפּל פון קונסט.

די אינפאָרמיישאָן־מיידל, וואָס האָט מיר „פאַרזיכערט“ אַז איך האָב דעם ריכטיקן אַדרעס, און אַז דאָ איז טאַקע מר. דאַרמאַן׳ס אָפיס. אָט די מיידל זעט אויס ווי אַ „מאַדאָנע“ און רעדט ווייניק און שטיל, ווי אַ הייליקע „שוועסטער“ בשעת זי האַלט־אָפּ אין דער שטיל איר גאָטעס דינסט. און די שטילקייט איז דאָ אַזאַ אָנגענעמע. — אפילו דער טעלעפאָן קלינגט דאָ אויך שטילער און רואיקער.

פון אַ זייט־טיר באַווייזט זיך אַלע מאָל אַן אַנדער מענטש מיט פּאַפּירן אין האַנט, גייט ־גרד מיט אַ באַזונדער ערנסטקייט און שוועבט אין דער

גרינג אַריין אין אַ צימער פון רעכטס. פון דאָרט ניט אַ בליאַסקע אַזאַ לויטערע הימל־בלויקייט און קיין שום באַוועגונג הערט זיך ניט פון דאָרטן, כאָטש די טיר איז אַהין ניט פאַרמאַכט. מיט דער זעלביקער שטילקייט וואָס זיי גייען אַהין אַריין שוועבן זיי פון דאָרטן צוריק אַרויס; טאָ וואָס־זשע האָבן זיי דאָרן געטאָן? צו וועמען זיינען זיי אַהין אַריין? ווער האָט זיי דאָרטן, אין דעם וואונדער שיינעם און ערלאַכן צימער אויפגענומען? מ'הערט דאָך פון דאָרטן קיין שאָרך ניט. וואָס טוט זיך עס דאָ? וואו געפין איך זיך דאָ?

* * *

אין אַ ווײַלע אַרום ווען עס איז געקומען די צייט צו זען דעם אייננ־טימער פון דאַנען, האָט מיר די מיידל אַ „ווייז געטאָן" אויף דער טיר אין יענעם הימל־ליכטיקן צימער, און דאַן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אין יענער לעבעדיקער געשמאַקער שטילקייט וואָס הערשט דאָרטן געפינט זיך עס אַרטור דארמאַן, צו אים גייען עס אַריין און אַרויס אַט די אַנגע־שטעלטע מיט די פּאַפּירן, דאָרט ווערן די פּאַפּירן דורך אים אונטערגע־שריבן און פון דאָרט שוועבט עס אַט דער שיינער און איידעלער גייסט פון אמת'ר קונסט, וואָס הערשט דאָ אין יעדן ווינקאַלע.

דערזעענדיק אים, טוט פּאַר איך אַ שיין אַ ערלאַכע שיינע ליכט. אַט דער שיין־געוואוקסיקער יונגערמאַן פאַרמאָגט אַ ליכטיק פּנים מיט וואונ־דער־שיינע געזיכט־שטריכן און אויגן, וואָס נאָר פון אַזעלכע קען אַרויס־שיינען אַזאַ הויכע און אַזאַ שיינע נשמה, ווי אַט דער האַרציקער אַרטור דארמאַן פאַרמאָגט. ער רעדט שטיל און זיינע ווערטער זיינען אַזוי לויטער, און זיין שטימע איז אַזוי אָן אַ פּגימה, און זיין אידיש איז אַזוי ווייך און זאַפטיק אַז איר ווערט פאַרגאַפט — „ווי קומט עס קיין ווינסאַקעט, וואָס אין סטייט ראוד איילאַנד צווישן די פּאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע, אַזאַ אויסגעטאַקטע אידישע שיינהייט, שיין אינם בוכשטאַבליכן זין פונם וואָרט?"

און ער איז דאָ געבוירן ניט אין רייכקייט. פון זיינע קינדער־יאָרן־אָן האָט ער דאָך שוין געמוזט אָנהויבן אַרבעטן צו העלפן זיינע עלטערן אין זייער חיונה, טאָ פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אויפן היגן באָדן אַזאַ אידישע פאָלקאַמנהייט, פולשטענדיקע אויסערלאַכע און אינערלאַכע שיינ־קייט, און אַלגעמיינע מענטשלאַכע פייאיקייטן, בילדונג און האַלטונג?

דאָס איז אַזאַ פראַגע וואָס דער איינציקער ענטפער אויף איר איז: „אַט אַזוי איז עס און פרעגט קיין קשיות ניט". ווייל נאָך אַזאַ דערשיינונג

ווי „אַרטור דאַרמאַן" איז שווער צו געפינען. דאָס איז אַ זעלטענע דער־שיינונג.

* * *

אַז אַלע זיינע מעשים זיינען פול מיט שיינקייט. נעמט זיין סטיי־שאַנערי (אַ קליינ־יקייט) איז אַ מחיה אָנצוקוקן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קליינינקן טאָג־ביכל — איז אַ פאַרגעניגן צו האַלטן עס אין האַנט, האָט ער צוגעשיקט אַ בוקעט בלומען צו דער עפענונג פון דער באַרימטער אינדאַסט־ריעל־טראַסט־געביידע אין פראַווידענס — האָט עס מיטן באַזונדערן קונסט־געשמאַק צוגעצויגן די ערשטע אויפמערקזאַמקייט און באַוואונדערונג פון די טויזנטער באַזוכער. קיינע פון די הונדערטער און הונדערטער בוקעטן האָבן ניט אַזוי אויסגענומען ווי דער בוקעט פון אַרטור דאַרמאַן. איך האָב געזען אַ בוך וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צו דער היסטאָריע פון דער וואָל־אינדאַסטרייע אין ראָוד איילאַנד — דאָס איז אַ מוסטער פון פולשטענדיקער קונסט און צניעות'דיקער שיינקייט. קומט צו אַן ענין פון וואוילטעטיקייט — איז זיין נתינה ניט בלויז פון די האַרציקסטע און שענסטע, נאָר ער גיט טאָקע פשוט אַזוי פיל וויפיל צען אַנדערע אין זיין גראַד גיבן.. ער איז רייך, אָבער פראָפּאָרציאָנעל גיט ער מערער וויפיל זיינע פינאַנסן דערלויבן עס.

ניט אומזיסט איז אַרטור דאַרמאַן אַזוי געשעצט ביי אַלע די וואָס ווייסן אים.

אַ מאָדערנער חסיד

גלייך ווי איר דערזעט אים, ווערט איר שוין אַריינגעצויגן אין דער ספערע פון זיין באַגייסטערונג. אַ קוואַל פון באַגייסטערונג שטראָמט פון זיינע אויגן, פון זיין געזיכט, און ער רעדט אַזוי אָפּנהאַרציק, מיט אַזאַ פולן מויל. בשעת איר רעדט אָט מיט דעם בחור, איך מיין — בשעת איר הערט אים רעדן וועגן אַ ליטעראַרישן אָדער געזעלשאַפטלאַכן ענין, זעט איר ווי זיינע ווערטער ווערן באַשאַפן אין זיין געדאַנק, וואַרט און וואַרט ווערן זיי דאָרט צוזאַמענגעשטעלט און לאָזן זיך אַראָפּ אין זיין האַרץ. אין האַרצן טוען זיי זיך אָן מיט נשמה'דיקן געפיל און שפּאַצירן זיך אַרויף צום פייערל פון זיינע אויגן דאָרט ווערן זיי איבערגעקוקט און אַריבער־געשיקט צום מויל, דורך וואַנען זיי ווערן איבערגעזיפּט און איבערגעוואַשן, און גייען אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט.

אַ ברויזנדיקער וואַלקאַן איז אָט דער באַגייסטערטער בנימין ה. גראָס־מאַן ווען ער רעדט מיט אייך וועגן העברעע, גייסטיקע ענינים.

הלל און העברי

אין אַלע שולן וואו איך האָב געערדט יענעם יום כפור פאַר'ן „האיאם" איז הלל געווען מיט מיר. אויף אַ סעקונדע האָט ער מיך ניט אָפּגעלאָזט. יום כפור, זאָגט ער, איז טאַקע אַ שבת שבתון אָבער ווי קען מען עס זיין רואיק, ווען מע דאַרף טאָן אַ נויטיקע געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט? האָט ער אַ גאַנצן טאָג ניט גערוט.

און אַ טאָג רו פאַר אַזאַ הלל'ן איז אַ גאַנצער אוצר. איך האָב געזען ווי ער אַרבעט אין אַ וואָכעדיקן טאָג. די גרויסע, באַרימטע פירמע „העסנפעלד בראָטהערס" איז דאַך אויסגעוואַקסן צו אַזאַ דערפאָלג אַ דאַנק דער ענער־גישער שטענדיקער אַרבעט פון די אייגנטימער. זיי האָבן זייער פאַרמעגן ניט געקראָגן בירושה. זיי אַליין האָבן פאַרהאַרעוועט זייער פאַרמעגן און זייער ראַיעלן ביזנעס נאָמען. פון זייערע עלטערן האָבן זיי באַקומען נאָר גוטע מידות, ליבע צו זייערע פאָלקס אינטערעסן און צו די גייסטיקע שאַפונגען, אָבער אויף גשמיות האָבן זיי אַליין געדאַרפט האָרעווען ביז אַרויף־אַרבעטן אַזאַ שיינע האַנדלס קאַריערע. און ערשט איצט, אַז די געשעפטן האָבן דערגרייכט אַזאַ גרויסע שטופע איז דאָך נאָך מערער פאַראַן וואָס צו טאָן און וואָס צו האָרעווען. אַזוי איז עס אין דער טבע פון מענטשן און ספּעציעל אין כאַראַקטער פון אָט די אַרבעטזאַמע ברידער.

אין זייערע סימפּאַטישע אידישע געזיכטן, אין זייערע אויגן־באַוועגונ־גען, אין זייער רעדן און אין זייערע האַנדלונגען סיי אין ביזנעס און סיי אין געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייט — אומעטום מערקט זיך אָט דער אייגנ־שאַפטלאַכער שטריך — האָרעוואַניע. אַזאַ שורש נשמה ביי זיי. ווייזט אויס, אַז זיי שטאַמען פון אַזאַ גזע. אין חסידות איז פאַראַן אַ באַזונדער עבודה — „האָרעווען אויף מידות", „האָרעווען אויף אידישקייט". אַזאַ סאָרט „ביזי" זע איך ביי אָט די ברידער. עס איז אַ גאַנץ אַנדער סאָרט „ביזי", גאַנץ אַנדערש פון היגן באַגריף.

איר'ט זען צוויי אידן דאַווענען, לערנען, טוען מצוות. איינער טוט עס ווייל ער פילט און פאַרשטייט אַז אַזוי דאַרף ער טאָן. אַ צווייטער אָבער טוט עס מיט אַ בזונדער „הנני מוכן ומזומן" — ער טוט זיך „אַ נעם" צו דער אַרבעט. ביים צווייטן דויערט מערער צייט ביז ער הויבט אָן זיין עבודה, אָבער ווען ער נעמט זיך שוין צו איר, טוט ער עס מיט התלהבות, מיט ברען און מיט האָרעוואַניע.

פון אַזאַ סביבה, ווייזט אויס, קומען אָט די גוטע ברידער העססענפעלד. זייער אַרבעט אין האַנדל איז מיט אַ „הנני מוכן ומזומן" — מיט „אַ נעם",

און זייער אַרבעט פאַר אידישע געזעלשאַפטלאַכע אינטערעסן איז אויך פון אַט דעם סאָרט. ווען איר זעט זיי טאָן זייער אַרבעט (געשעפטלאַכע אָדער געזעלשאַפטלאַכע) איז עס ניט סתם אַן אַרבעט, נאָר אַן „אַריינטיפן זיך“, „אַ כוונה“. מיט אַלע געדאַנקען איז מען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. דאָס איז ניט קיין אַרבעט, דאָס איז אַן עבודה.

העברי העסקנפעלד איז ביזי, אַז איר קענט אים אפילו „אויפן טעלעפאָן ניט כאַפּן“, און שפּעטער מיט אַ שעה, זעט איר אים שוין אַרומלויפן איבער די פּראָווידענסער גאַסן, אַרבעטנדיק פאַרן טעמפּל „בית ישראל“, וואו ער איז פּרעזידענט. מע דאַרף אַריינקריגן נייע מיטגלידער, מע דאַרף שאַפן געלט־מיטלען, מע דאַרף טאָן, „מע דאַרף „האַרעווען אויף אידישקייט“ ווי מע האַרעוועט אין די אייגענע ביזנעס“ — און דאָס איז דער דעוויז פון אַט די אינטעראַסאַנטע יונגעלייט.

איר זעט הלל׳ן אַרומלויפן פון שול צו שול אין אַ הייסן יום־כפּור־טאָג. וואָס וויל ער? ער האַרעוועט, ער איז „ביזי“, ער טוט וויכטיקע אַרבעט פאַר די אידישע וואַנדערער, ס׳ניטאָ קיין צייט. איצט קען מען טרעפן אַלע אידן אין די שולן, דאַרף מען אומעטום זיין און דאָרטן מאַכן אַן אַפּיעל פאַר דעם דאָזיקן וויכטיקן ציל. כאַפּט ער אין איין שול אַ שחרית, אין דער צווייטער אַ מוסף, דאָ אַ מנחה און דאָרט אַ נעילה. פון קיין רו ווייסט ער ניט.

און געשטראַלט האָט זיין פּנים פאַר שמחה, ווען ער האָט געזען אַז די אידן פילן, וואָס מיר רעדן צו זיי, אַז די אידן אין סאַוט פּראָווידענס רופן זיך אָפּ אויף אונזער רוף. אַ שטיק געזונט קומט אים צו.

און זייענדיק צו מנחה אין טעמפּל „בית ישראל“, רופט מען אים דער־ווייל אויף צו „מפטיר יונה“, זאָגט ער די הפטורה מיטן אידישן נוסח ווי מיר געדענקען פון אונזערע קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים.

מען דאַרף זען ווי העברי פּראָוועט זיין פּרעזידענטשאַפט אין שול. איר זעט ניט פאַר זיך אַ פּרעזידענט, וואָס זיצט אויבן־אָן אויף דער בימה אַן אָנגעצויגענער, אַ בלאָזנדיקער. איר זעט פאַר זיך אַ אידישן יונגנמאַן מיט אַ סימפּאַטישן שמייכל, דרייט זיך אַרום צווישן די שורות בייניק, אָדער זיצט ערגעץ אויף אַ באַנק צווישן די מתפללים און גוטברודעריש גיט ער אַכטונג אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג, ווי עס דאַרף זיין אין אַ געבעט־הויז. אין זיין אַרבעט זעט איר ניט קיינע טרוקענע אַמטלאַכע אָנגעצויגנקייט, איר זעט דאָ האַרץ, אידישע האַרץ.

צי ווען איר באַגעגנט הלל׳ן פון אָוונט, יום כפּור נאָכן אָפּפאַסטן, מיד פון אַ גאַנצן טאָג פאַסטן און „אַרבעטן“ ווען ער פאַרט אַרום אין זיין

מאַשין צונויף נעמען די געלדער, פון נאַציאָנאַל פאָנד, וואָס זיינען גע־זאַמלט געוואָרן ערב יום כפור אין די שולן. מיט וואָס'ר התלהבות ער טוט די אַרבעט. ער איז דער טשערמאַן פונם נאַציאָנאַל פאָנד אין היגן געגנט, מוז מען אַכטונג געבן, אַז אַלעס זאָל זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. דינגט זיך מיט שול באַאַמטע, זיי זאָלן צולייגן נאָך אַ דאָלער וואָס פעלט צו אַ גלייכן סכום. יעדער דאָלער, בעט ער זיך, איז דאָך אַזוי טייער פאַר אַזאַ הייליקן פאָלקס־ציל. אין זיין רעדן מיט אַט די שול באַאַמטע, האָרע־וועט ער אויך. אַז אומעטום איז נאָר געהאָרעוועט. בשעת ער רעדט מיט אייך אין די אינטערעסן פון וואוילטעטיקייט זעט איר, אַז דער איד האָרע־וועט. ער רעדט צו אייך מיט אידישער התלהבות מיט אידיש האַרץ. ס'אַן האָרעוואַניע. ס'אַן עבודה.

ער שווייגט און גיט

זיצט זיך אַ וויס־פּרעזידענט יום כיפּור אויף דער בימה, באַטראַכט מיט צופרידנקייט דעם שול־עולם און האָט הנאה פון גאָט'ס וועלט. ער איז זייער אַ גוטער, אָט דער שווייגנדיקער מיסטער מ. פאָוליער, זיינען אַלע מענטשן ביי אים גוטע איז די גאַנצע וועלט ביי אים אַ גוטע און גאָט איז אַ גוטער, — איז ער צופרידן פון דעם אַלעמען, און אויף זיין גוטן געזיכט איז עפּעס אַזאַ האַרציקער שמייכל פאַראַנען, מיט אַ בעטנדיקן שטילן און שווייגנדיקן פאַרלאַנג: „רבונו של עולם, מאַד, אַז אַלעמען זאָל זיין גוט! ביזט דאָך אַזוי רייך ביזט דאָך אַזוי גרויס און ביזט דאָך אַזוי גוט, טאָ גיב'זשע דיין הילף פאַר אַלעמען".

און כדי צו באַווייזן דעם רבונו של עולם ווי אַזוי מען דאַרף געבן הילף פאַר אַלעמען, נעמט אָט דער גוטער מיסטער פאָוליער און אויסהערנדיק די אַפּילס פון אַלע צדקה־מאַנער, גיט ער אַלעמען מיט אַ ברייטער האַנט און מיט אַ גוטמוטיקער האַרציקייט.

יהונתן

ווען איר גייט איבער די האַנדלס־גאַסן אין פּראָווידענס און איר זעט א ברונעטן, פעסט געבויטן יונגענמאַן מיט אַ אידיש סימפּאַטישן פּנים און ער גייט אַזוי גיך און טראָגט אין זיינע קעשענעס פאַרשידענע פּאַפּירלאַך מיט ביכלאַך און צעטעלאַך, — קענט איר גלייך צו גיין צו אים און אים זאָגן: „העללאָ מר. גאָלדמאַן!"

דאָס איז דזשיימס גאָלדמאַן (פון דער היים — יהונתן), וועלכער איז דאָ אַנערקענט און באַליבט אין אַלע היגע קרייזן. ער לויפט עס אַזוי אַרום צווישן די היגע אידן און נעמט ביי זיי געלט פאַר וואוילטעטיקע באַדערפנישן. אומעטום איז ער פון די אַקטיוויסטע. דאַרף מען זאַמלען געלט פאַרן „יו פּי איי", איז דזשיימס גאָלדמאַן פון די ערשטע, איז דאָ אַ „האיאַס" קאַמפּיין, איז ער דער קאַססיר, גייט אָן דער דרייוו פאַרן „קאָמיוניטי טשעסט", איז מר. גאָלדמאַן פון די וויכטיקסטע טוער. מיט איין וואָרט — אומעטום און אומעטום מוזט איר אים באַגעגענען.

און אינטערעסאַנט איז ווי די היגע אידישע קרייזן באַציען זיך צו אים, כאָטש ער האָלט זיי אין איין „באָדערן" מיט זיינע געלט־מאָנונגען.

קומט ער אַריין צו אַ אידן, ווייסט מען שוין, אַז ער איז געקומען נאָך געלט פאַר געזעלשאַפטלאַכע עסקים און דאָך באַגעגנט מען אים מיט דער גרעסטער פריינדלאַכקייט. וויל מע ווייסט, אַז דזשיימס גאָלדמאַן, לאָזט איבער זיינע אייגענע גרויסע ביזנעס און האָט אינזינען „טובת הכלל". און מע ווייסט אַז פאַר דעם זעלבן ענין, וועגן וועלכן ער איז עס איצט געקומען מאָנען געלט גיט ער זיין גרויסע נתינה, אַ מענטשלאַכע גאָב מיט אַ אידיש האַרץ און חוץ דעם גיט ער נאָך אַוועק זיין צייט און זיין טרחה.

* * *

און ביי אים איז ניט שייך צו איבערקלייבן אַז אַרבעט אין אַ נויטיקער געזעלשאַפטלאַכער אונטערנעמונג. ער איז גאָר ניט קיין איבערקלייבער צו וועלן טאָן דוקא די און ניט קיין אַנדער אַרבעט. די שווערסטע אַרבעט ווערט ביי אים גרינג ווען ער נעמט זי טאָן מיט זיין ספּעציפישער באַגייסטערונג און ערלאַכקייט.

דזשיימס גאָלדמאַן איז פון די רייכסטע אידישע יונגע־לייט אין פּראָווידענס און איר וועט אים טרעפן אַ פאַרהאַוועטן פאַנאַנדערשטעלנדיק בענקלאַך צו אַ לעקציע אין ציוניסטישן צענטער. איר וועט אים טרעפן טאָן אַלערליי עבודת פּרך פאַר אַ געזעשאַפטלאַכער אונטערנעמונג. און ער טוט עס מיט אַזאַ פשטות, מיט אַזאַ ערלאַכקייט אַז עס פעלט אפילו ניט איין

צו טראַכטן צי די אַרבעט פּאַסט פאַר אים יאָ, צי זי פּאַסט פאַר אים ניט. ער איז לחלוטין ווייט פון וועלכן ס'ניט איז געדאַנק, וועגן פערזענ־לאַכן כבוד אָדער אַנדערע אייגנוציקע אויסזיכטן, אַפילו אינם געוויינלאַכערן אופן.

בשעת איך זעט אים פּאַרטאָן אין אַ געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט (און פּאַרטאָן איז ער אַלעמאָל) דערפילט איך אין אים דעם פּונק פון אַ תמימות־דיקן חסיד, ווען ער פלאַמט מיט ליבשאַפט צו זיין רבי'ן, און וועמען ער גלויבט באמונה שלמה און פאַר וועמען ער איז גרייט זיך מוסר נפש זיין. ביי דזשיימס גאָלדמאַן איז וואוילטעטיקע אַרבעט אַ חסידישע גאָטעס דינסט פון אהבה. עס איז ביי אים דאָס גרעסטע חיות, דער בעסטער פאַרגעניגן צו טאָן כלל אַרבעט. מע זעט אַז דעם מענטשן קומט צו אַ שטיק געזונט, ווען ער טוט גוטע מעשים. ער האָט דערפון די אמתע הנאה. ווייל דאָס איז אַ טייל פון זיין נשמה. דאָס איז ביי אים אַ געבוירענע איינגשאַפט. איך ווייס ניט זיין גזע, אָבער איך בין זיכער, אַז ער שטאַמט פון אַזאַ שורש, וואו די ריינע פּאַעזיע פון דער לויטערער חסידות האָט מיט איר חתימה אָפּגעשעמפּלט אין דעם אמת גוטן הארצן פון יהונתן (דזשיימס — אין אַמעריקע) אָט די אַלע גוטע מידות וואָס ווערן אַנטפּלעקט טאָג־טעגלאַך דורך זיינע הארציקע מעשים.

* * *

כמעט אַ קינד קומט ער פון דער חסידות'שער וואָלין קיין אַמעריקע, און אינם פאַרלויף פון אַ פּאָר צענדליק יאָר דערגרייכט ער איינע פון די אַנגעזעענסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. אין דער האַנדלס־וועלט איז זיין וואָרט ממש פאַרהייליקט. גאָלדמאַן'ס קרעדיט איז אַ שם דבר. זיין אַנערקענטע געזעלשאַפטלאַכע און פינאַנסיעלע קאַריערע האָט ער דער־גרייכט דורך שווערע און ערלאַכע אַרבעט. און אויף איין מינוט האָט ער ניט פאַרגעסן זיין שטאַם און זיינע אייגענע. שיקט ער זיי געלט אין דער אַלטער היים. האָט ער אינזינען זיי אַריבערברייינגען קיין אַמעריקע. די וועלכע ער קען אַהערצו ניט ברייגגען, ברייגגט ער זיי קיין קאַנאַדע, די וועלכע קענען אויך אַהינצו ניט פאָרן, באַקומען זיין רעגולערע געלט־שטיצע אין זייערע געבורטס־לענדער. און שיין איז צו זען דער אופן ווי ער טוט עס אַזאַ מענטשלאַך נאַטירלאַכע פליכט. אינטערעסאַנט איז צו זען זיין ערלאַכן ברודער יעקב, ווי ער פילט זיך און ווי ער איז איינגעאָרדנט מיט אים אין די „ווינדאָו קלינינג" ביזנעס. אינטערעסאַנט איז צו זען, ווי אַ ברודער פילט זיך ביי אַ ברודער, כדי צו האָבן אַ באַגריף פון וואָס'ר אַ יחוס זיי שטאַמען. עס איז ממש גאָלד, אַ גאָלדמאַן.

עלטערן און קינדער

מיט טשאַרלס סמיטה האָב איך זיך באַקאַנט צום ערשטן מאָל אויף אַ גאַנץ פּריוואַטן אופן ווען ער איז געקומען באַזוכן זיין פעטער ר׳ שלום סמיטה, פון די חשוב׳סטע היימישע שוחטים, פונם עלטערן דור, אַ גרויסער משכיל און אַ איד אַ חכם. מיט ר׳ שלום׳ן איז דאָ צו פאַרברייינגען וועגן גאָר גרויסע ענינים און טשאַרלס סמיטה איז פאַר דעם אַבסאָלוט צוגעפּאַסט. אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען אין זיין בלומען־שאָפּ און אין אַ פרייע צייט קומט ער אַריבער צו זיין חשוב׳ן פעטער, ווערט דאַמאָלט אַ גייסטיקע האַרציקע אַטמאָספערע.

ביי דער ערשטער מינוט, ווען איך האָב אים נאָר דערזען ביים פעטער שלום׳ן אין שטוב, האָט ער צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט און ניט וואַרטנדיק ביז אימיצער זאָל אונז ביידע באַקאַנען, האָב איך גלייך פאַרפירט מיט אים אַ לייכטן געשפּרעך. איך האָב געפילט, אַז אַט דער באַשיידענער יונגערמאַן פאַרמאָגט אין זיך ניט בלויז מח נאָר אויך האַרץ. און ווי איך האָב זיך טאַקע דערנאָך איבערצייגט אינם משך פון מיין אַרבעט אין פּראָווידענס, איז טשאַרלס סמיטה׳ס נתינה פאַר וואוילטעטיקייט פון די גרעסטע לויט דער פּראָפּאָרציע פון זיין פאַרמעגן. און זיין נתינה איז אַלע מאָל די האַרציקסטע.

נאָכער האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט זיין פרוי, אַ געבוירענע אין ארץ ישראל, מיט זייער זון דעם דאָקטאָר וואָס אַרבעט אין „סיטי האָל“, מיט זייערע געראָטענע צוויי מיידלאַך פלאָרינס און מילדרוד, אַקטיווע טוערינס אויפן נאַציאָנאַלן געביט אין ראָוד איילאַנד סטייט.

איך האָב דערזען פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטע אידישע פאַמיליע, איבערהויפּט אין דער פּילזייטיקער האַרמאָניע, וואָס הערשט צווישן די עלטערן און די קינדער. אַזאַ האַרמאָניע איז ממש צו באַוואונדערן. עס איז ווייניק צו זאָגן „קינדער גייען אין עלטערנס וועגן“ אָדער „עלטערן פאַרשטייען די קינדער“, דאָ זעט איר פאַר זיך איין וועג, אויף וועלכן עלטערן און קינדער גייען מיט איין באַוואוסטזיין, מיט איין געפיל און מיט איין שטרעבונג. דאָס איז אַן איינגעוועבטע גייסטיקע און האַרציקע אייניקייט, „עלטערן און קינדער“. איינגעפונדעוועט עקאָנאָמיש און בירגערלאַך און זיכער אינם היגן סדר־אַמעריקע, אַמעריקאַנער אין נאַטירלאַכן זין פונם וואָרט, אָט דאָ שטייט דער אינטערעסאַנטער פאַמיליען־לייטער, — אָבער זיין הויך דער־

גרייכט און דערלאַנגט ווייט ווייט אינם העכסטן פּונקט פון אידישן נאַ־ציאָנאַלן גייסט און דוקא אין ארץ ישראל.

מאָדנע ווי דאָ איז צו באַמערקן דעם באַגריף פון „תורה קערט זיך אום צוריק אויף איר סטאַנציע״: צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר האָט אַ היימיש־אידישער בחור אין אַמעריקע חתונה מיט אַן ארץ ישראל מיידל. מע מאַכט דאָ דורך אַלע פאַרשיידענע עטאַפּן צו באַפעסטיקן זיך אין די היגע אַמעריקאַנער פּאָזיציעס. קינדער ווערן געבוירן און דערצויגן לויט די אַלע סדרים פונם היגן שטאַאַט־לעבן. מ'פאַרנעמט דאָ אַן אָנגעזעענסטן פּלאַץ, די עלטערן אין זייער אופן, די קינדער אויפן וועג פון בילדונג, און דאַן ווען עס קומט פאַר די קינדער די צייט פון תכלית, נעמט פלאַריינם פּאָרט קיין ארץ ישראל, און ווערט דאָרט אַ כלה פאַר אַן ארץ ישראל בחור, אַן אידעאַליסט, און אַ באַוואוסטזיניקן און איבערגעגעבענעם טוער.

איר מוטער קומט אין אירע מיידלשע יאָרן פון ארץ ישראל קיין אַמע־ריקע און ווערט דאָ אַ כלה פאַר אַ חתן אַ משכיל, און פלאַרינם קומט איצט פון אַמעריקע (איר געבורט־לאַנד) קיין ארץ ישראל (די געבורט־לאַנד פון איר מוטער) און ווערט דאָרטן אַ כלה פאַר אַ חתן אַן אידעאַליסט. —

— אַמעריקע....

געצעלם „פּעטנט״

אַ גאַנץ יאָר עסט ער קעסט ביי די גוטע אידישע באַלעבאַטעס אין פּראַווידענס. סוכות ווערט ער „ביזי״ — ער טראָגט אַרום דעם אתרוג אין די אידישע הייזער. הייַנטיקן סוכות האָט דאָ פאַרבראַכט דר. אויסלענדער, דער פּאַשטייער פון דענוועד סאַניטאַריום. האָט אים געצל אָנגעטראָפן אויפן „ראוד״ און איז געוואָרן מלא שמחה: „אַ קאַלעגע.״ — אין די „סעים לאַין אָף ביזנעס״. ווייל ער אים דערפאַר דערציילן זיין נייעם פּעטנט, וואָס ער האָט ביז איצט נאָך קיינעם ניט פאַרטרויט. געצלס פּעטנט באַשטייט אין דעם: „אַוועקשטעלן אַ סוכה אויף אַ טראָק און זי אַרומפירן צו די אידישע הייזער, אַזוי ווי ער טוט אַצינד מיטן אתרוג״. דאָס וואָלט געווען, זאָגט געצל, אַ גרויסע ביזנעס אין אַמעריקע. ער קלייבט זיך וועגן דעם אָנשרייבן אַ בריוועלע צו פאָרד'ן און אים צונעמען פאַר אַ שותף אין די ביזנעס.

אן אנגענעמענער וויזיט

איך האָב אים שוין אפשר צען מאָל באַגעגנט אויף פאַרזאַמלונגען אין סענטער אויף ווייבאַסעט סטריט. ביי פאַרשידנערליי וויכטיקע אַרבעט האָב איך געהערט אויסרופן דעם נאָמען דזשייקאָב ראַבינאָוויץ. אַלעמאָל האָב איך געזען, אַז ער נעמט אָן די וויכטיקע אַרבעט צו טאָן און האָב אַלץ ניט געקענט תופס זיין, זיין באַהאַלטענעם כאַראַקטער. קיינמאָל האָב איך אים ניט געזען אין פראָנט פון אַ היגער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט, אַלעמאָל איז ער מן הצד, שטיל, באַהאַלטן. אָבער אַלעמאָל הער איך זיין נאָמען און אַלעמאָל איז מיט זיין נאָמען פאַרבונדן פיל אַרבעט און פיל גוטע מיינונגען, וואָס היגע כלל־טוער האָבן וועגן אים.

האָט זיך גראָדע געמאַכט, אַז אין אַ יום כפור בין איך געוועזן אַ שכן צו אים אין דער היגער שול אויף ראַבינסאָן סטריט, האָט ער מיך איינ־געלאַדן אויף אַ „גלעזל טיי“ נאָכן תענית. ביי אים, זאָגט ער, איז דורכאויס אַ אידישע שטוב. זיין פרוי איז אַ טאָכטער פון אַ היימישן רב אין מינסקער גובערניע. זי איז אַ גרויסע מלומדת און רעדט פריי העברייאיש און ער גאַראַנטירט מיר, אַז איך וועל זיך פילן גוט. איך זע, אַז אָט דער באַ־שיידענער יונגערמאַן, דזשייקאָב ראַבינאָוויץ, פרייט זיך שוין נאָך איידער איך האָב זיין איינלאַדונג אָנגענומען. ער האָפט, אַז איך וועל ניט אָפּ־זאָגן. ער פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איך זאָל אים אָפּזאָגן. ער מיינט דאָך עס אַזוי ערנסט, און מיר, אַ ניט־היגן, איז דאָך אַלץ־איינס, וואו איך זאָל ניט אָפּפאַסטן. איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף זיין איינלאַדונג אָננעמען, איך האָב אים צוגעזאָגט אַז איך וועל ביי אים זיין, וועגן דער צייט וועל איך אים לאָזן וויסן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אין אַן אָוונט, טעלעפאָניר איך צו אים, אַז מיט אַ האַלבע שטונדע שפּעטער וועל איך ביי אים זיין, איך האָב בפירוש מיט אים אויסגענומען אַ תנאי, אַז מערער ווי אַ 40 מינוט קען איך איצט ניט פאַרברענגען, ווייל איך האָב נאָך אַ סך אַרבעט אויף מיין שרייב־טיש. ער ענטפערט מיר דורכן טעלעפאָן, אַז ער איז צופרידן מיט וויפיל ס'ניט איז, אַבי איך זאָל קומען. אַנשטאָט 40 מינוט וואָס איך האָב דאַ געדענקט צו פאַרברענגען, האָב איך פאַרבראַכט פון 10 אַ זייגער אָוונט ביז האַלב נאָך 2 ביינאַכט

און איך וועל באמת דעם וויזיט געדענקען. עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגען צו זען ווי אַ יונגערמאַן האָט אַלעמאָל אַ שטרעבונג נאָך צו העכערס און צו גייסטיק־שענערס. קומענדיק אַהערצו פון זיין היים אין גאַליציע, אַרבעטנדיק דאָ שווער האָט ער זיך נאָך אַלס בחור אַקטיוו באַטייליגט אין אידישע געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייטן. אין דער תלמוד־תורה־אַרבעט האָט ער גענומען אַ גרויסן אַנטייל און טאַקע אַ דאַנק זיין פלייסיקע אַרבעט האָט ער געקראָגן דאָס האַרץ פון דער גערעכטער רבקה מיללער, וואָס האָט דאַמאָלט פאַרטראַטן די שטעלע פון אַ העברייאישע לערערן אין דער זעלביקער תלמוד תורה.

און אינטערעסאַנט איז צו הערן ווי אַ אידישע פרוי אין אַמעריקע רעדט אַ לומדית'שן העברעאיש. דאָס איז ניט אַ העברעאיש בלויז פון קינדער־ביכלאַך. ווען איר הערט מיסעס ראַבינאָוויץ רעדן העברעאיש, זעט איר פאַר זיך אַ „תלמיד חכם". זי איז באַהאַוונט אין תלמוד, זי ווייסט וואָס זי רעדט און זי ווייסט וואָס זי וויל. און נאָך מערער צו באַוואונדערן איז דער פאַקט, וואָס אַנקומענדיק קיין אַמעריקע, אַלס יונגע מיידל, האָט זי אַ געוויסע צייט געדאַרפט אַרבעטן אין אַ שאַפּ, לויט די דאַמאַלסדיקע באַדינגונגען, און דאָך האָט זיך אין איר אָפּגעהיט די גאַנצע תורה, וואָס זי האָט באַקומען פון איר גרויסן פאָטער אין דער אַלטער היים. ווען זי רעדט פון איר פאָטער, פילט איר ווי זי איז באַגייסטערט פון אַ געפיל פון קדושה. אָט דעם געפיל באַמערקט איר אפילו אין דער קלייִנינקער חסיה'לע זייער בת יחידה, אַ קינד פון 8 יאָר וואָס באַזיצט גרויסע פייאיקייטן אין איר סקול־אַרבעט, פילט איר לומדות'ישן יחוס. ווען זי רעדט מיט אייך, צי ווען זי שפּילט זיך אַזוי זיס, דערפילט איר פאַר זיך אַ „בר דעת", אַ קינד פון אַ לומדית'שן שטאַם.

* * *

ראַבינאָוויץ איז אין די דזשועלערי ביזנעס. זיין פירמע „ראַבינאָוויץ מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני" איז באַוואוסט. ער איז שטענדיק פאַרנומען און ער איז שטענדיק פאַראַרבעט. קומט אָבער צו אַ נאַציאָנאַלער אונטערנעמונג, רופט עס אים צו טאָן גוטע אַרבעט, באַשיידן און תמימות'דיק. עס איז שיין צו זען דעם אופן ווי דזשייקאָב ראַבינאָוויץ גיט אַ „גמילות חסד". לייט ער אימיצן אַ „גמילות חסד" וועט ער אים ניט מאָנען, ווען עס גייט אַריבער די צייט פון דער צאָלונג. ער מיידט אפילו אויס דעם וועג צו באַגעגענען זיך מיט דעם, וואָס האָט ניט געקענט אין צייט אָפּגעבן דעם חוב.

יחוס

איך רעד שוין ניט דערפון וואָס די נתינה פון ישראל מיללער איז אין רשימה פון אונזער אַנשטאַלט די גרעסטע אין פאַרגלייך מיט די איבע־ריקע נתינות אין פּאוטאַקעט. איך רעד דאָ אויך ניט וועגן דעם, וואָס זיין צדקה איז פּראָפּאָרציאָנעל אַ גרויסע כאָטש ער פירט גרויסע ביזנעס און איז פון די אָנגעזעענסטע פאַבריקאַנטן אין דעם געגנט. איך רעד דאָ וועגן אים אַלס פּערזאָן, אַלס לויטערע אידישע האַרץ. איר זעט, אַז דער יונגערמאַן מיט די גרויע האָר פאַרשטייט אַזוי גוט די לאַגע פון דער אידי־שער ווירקלאַכקייט, און פילט אַזוי ערנסט מיט דער לאַגע פון נויט־פילנדע, אַז בשעת איר קומט צו אים וועגן אַ וואוילטעטיקן ענין, ווילט איר ניט רעדן מיט אים קיין סך, כדי אים ניט וויי טאָן. ווייל איר דערפילט, אַז ישראל מיללער ליידט ווען ער הערט וועגן מענטשלאַכע צרות. אים דאַרף מען נ אָ ר ד ע ר מ אָ נ ע ן, וועט ער שוין אַליין טאָן, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים.

אויף זיין אידיש געזיכט, אין זיין קוקן אויף אייך בשעת איר רעדט צו אים וועגן אַ אידישן ענין — דערזעט איר דאָס שטעמפּל פון אַ גרויסן יחוס און פון אַ גאַנצער אידישער דערציאונג.

און איך בין טאַקע נאָכער געוואָר געוואָרן, אַז ער שטאַמט פון דער פאַמיליע מיללער אין רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען רב אין מינסקער גובערניע. ער האָט איבערגעלאָזט אַ כתב יד אין לשון קודש, פון וואַנען עס איז צו זען זיין אידישע נשמה און געפיל. דער דאָזיקער כתב־יד געפינט זיך איצט ביי די קינדער אין אַמעריקע, וועלכע זענען פון די אָנערקענטע העברייאישע לערער אין ראוד אייל אנד, לואי מיללער — אין פּאוטאַקעט און טשאַרלי מיללער — אין וואונסאַקעט. זייער ברודער נח איז דער פּאוטאַקעטער שוחט און זייער שוועסטער רבקה איז פון די גאָר ווייניקע אידישע פאַרהייראַטע פרויען, וואָס רעדט און ווייסט אַזוי גרינטלאַך די העברייאישע שפּראַך. דאָס איז אַ משפחה מיוחסת, וואָס ווייסט ווי אָפּ־צוהיטן זייער שיינעם שטאַם.

נאָר וואָס האָב איך זיך דערמאָנט אין די אָנגענעמסטע איינדריקן וואָס זייער שוואָגער, פרידמאַן, האָט אויף מיר געמאַכט, בשעת איך האָב באַ־זוכט זיין פאַרם. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער און זייער אַ האַרציקער איד. אַ איד, אַ פאַרמער אין אַמעריקע. ביים געזעגענען זיך מיט אים זאָגט ער מיר: „אַלעס האָב איך צו פאַרדאַנקען די הדרכה פון מיין שווער, זכרונו לברכה“.

געפיל און געדאַנק

ביז איר קומט צו אים, דאַרפט איר דורכגיין אַ גאַנצע וועלט מיט רעדעלאַך, שרייפעלאַך, לעמפּעלאַך און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס זיינען נויטיק פאַר אַן אַטאָמאָביל. ווערט ביי איינעם קאַליע זיין אַטאָמאָביל און ער קען מער מיט אים ניט פאָרן, קומט ער אַריבער אין „עקאָנאָמי אויטאָ סופּלאַי״ און דאָרט באַקומט ער שוין אַלעס וואָס ס׳איז נויטיק אויף געזונט צו מאַכן אַ צעבראָכענע מאַשין.

איז אַז איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט מיט אָט דעם הארציקן יונגנמאַן מר. ישעי׳ הארווי, האָב איך געהאַלטן אין איין באַטראַכטן זיינע סימפּאַטישע געזיכט־שטריכן, וואָס זיינען פול מיט גוטסקייט און געטראַכט, אַז ניט אומזיסט ווייסן מענטשן מיט צעבראָכענע מאַשינען וואוהין זיי דאַרפן גיין זוכן אַ תיקון. צווישן זיין כאַראַקטער און זיין באַשעפטיקונג איז פאַראַן אַ גרויסע שייכות.

אָט דאָ, ביי אַזאַ מענטשן, וועלכער פאַרמאָגט אַ הארץ צו פאַררעכטן אַ מענטשלאַכע נויט קען מען געפונען די נויטיקע שרייפאַלאַך צו פאַררעכטן אַ קאַליע־געוואָרענע מאַשין.

ער לאָזט איבער אַלע זיינע געשעפטן. אַ פרייד איז אויף אים געוואָרן, אַז ער האָט מיך דערזען. ער וויל מיט מיר רעדן און ער האָט וואָס צו רעדן. ער איז געלערנט און ער איז באַלעזן. עס איז אַ מענטש מיט אַ הארץ און מיט אַ מוח. און עס איז אַ גרוים פאַרגעניגן צו זען פאַר זיך אַזאַ געראָטענע שותפות פון געפיל און געדאַנק.

אָט צווישן די אַלע מעטאַלענע רעדעלאַך און שרייפאַלאַך האָב איך דאָ געפונען אַן אוצר, אַ ליכטיקן דימענט, אַ זויבערע מענטשן־הארץ — ישעי׳ הארווי.

אינטערעסאַנט איז דאָ צו פאַרצייכענען אַזאַ פאַקט:

איך פרעג אים, „פאַרוואָס ער ווארט מיט זיין נתינה ביז מען קומט צו אים מאָנען?״ ענטפערט ער מיר: „טאַקע דערפאַר, ווייל איך וויל פאַר־בריינגען מיט אַ חשוב׳ן גאַסט, וואָס קומט פון צענטער״. ביי אים, זאָגט ער, האָט די ווערט צו צאָלן פאַר׳ן אַנשטאַלט אַ גרעסערע נתינה, אַבי דער אַפּים זאָל שיקן זיינעם אַ פאַרשטייער איבער דער פּראָווינץ און ס׳זאָל זיין מיט וועמען צו האָבן אַ געשפרעך וועגן אידישע ענינים. און בשעת מר. הארווי זאָגט עס אייך, טראַכט ער אַזוי און פילט אַזוי. ביי אים איז אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן געדאַנק און געפיל.

אַ משפּחה

ביי אַלע פאַרזאַמלונגען וואו עס איז נאָר באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון געלט, פאַר פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אָדער לאָקאַלע וואוילטעטיקע אנ־שטאַלטן איז מיר אַלץ אויסגעקומען צו הערן, ווי מען דערמאָנט אַ נאָמען אַלבערט און אַ נאָמען אייק. אין געוויסע מאָמענטן האָב איך אויך געהערט ווי צו אַט די נעמען האָט מען צוגעלייגט דאָס וואָרט „אונזער": „אונזער אַלבערט", „אונזער אייק". און אין אַלע אַזעלכע מאָמענטן האָב איך געזען, ווי די באַציאונג צו אַט די פּערזאָנען איז אַ באַזונדערע ברידערלאַכע — „אַלבערט און אייק זיינען אונזערע".

מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסן ווער די דאָזיקע יונגעלייט זיינען? מיט וואָס האָבן זיי עס זוכה געווען אַז מען זאָל זיי אַזוי שעצן אין די היגע אָנגעזעענע קרייזן? האָב איך קודם פאַרצייכנט זייערע נעמען און זייערע באַשעפטיקונגען. אַלבערט וויינער איז דער אייגנטימער פון די דזשועלערי ביזנעס „אַלבערט מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני" און אייק רייס מיט זיין קאַזין אַלעקסאַנדער וויינער זיינען באַשעפטיקט אין זייער דזשועלערי פאַבריק „ניו ענגלאַנד גלעסס קאָמפּאַני".

דער נאָמען רייס אין פּראָווידענס, איז מיר פון פריער געווען באַקאַנט. ווייל אינם היגן „האיאס"-קאַמפּיין האָבן מיר געהאַט אַ פּייאיקע קאָמיטע, מרס. פּריטשער און מרס. אַננע רייס, וועלכע האָבן געדאַרפט באַזוכן אַזעלכע אידן, וואָס גיבן גרעסערע נתינות, האָבען זיי געהאַט אויך די ביישטייערונג־קאַרטלען פון די אויבנדערמאָנטע קאָמפּאַניעס. פון דער קאָמיטע בין איך געוואָר געוואָרן וועגן דער קרובה׳שאַפט צווישן די וויינער׳ס און די קאַזינס רייס.

*   *   *

דאָס איז אַ פאַרצווייגטע משפּחה פון קאַזינס וויינער, רייס און זיסערמאַן, וועלכע שליסן שידוכים צווישן זיך און בילדן אַן אייגענע סאָלידע אידישע פאַמיליען־קייט. פון דער אַלטער היים שטאַמען זיי פון פּאָלאַצק, וויטעבסקער גובערניע. קיין אַמעריקע זיינען פריער געקומען די יונגע, נאָכ־ניט פאַרהייראַטע אינגלאַך און מיידלאַך. ערשט נאָכער זיינען אַריבער־געקומען זייערע עלטערן. די אַריבערגעקומענע יונגע זיסערמאַנ׳ס, בערנאַרד און באַרני האָבן זיך באַלד גענומען צו היטל מאַכעריי, נאָכער ווען עס איז אַריבערגעקומען זייער קאַזין ירמי׳ רייס האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער זעלבער מלאכה. די וויינער׳ס און אייק רייס האָבן זיך גענומען צו דזשועלערי אַרבעט. אַ דאַנק זייער ערלאַכקייט, פּייאיקייט און אַרבייטזאַמקייט האָבן זיי

דערגרייכט צו אַן אָנגעזעענער פינאַנציעלער שטופע, און פאַרנעמען אַ שיינעם פּלאַץ אין דער היגער געזעלשאַפט.

אַז אינטערעסאַנטן שטריך איז צו באַמערקן ביי דער דאָזיקער משפּחה — שטילקייט און באַשיידנקייט און איבערהויפּט די האַרמאָניע וואָס הערשט אין זייער פאַמיליען לעבן. אַלבערט וויינער, זיין ברודער אַלעקסאַנדער, אייק רייס, בערנאַרד זיסערסאָן, באַרני זיסערסאָן — דאָס זיינען שטילע מענטשן. ביי זייערע גרויסע ביזנעס אַרבעטן זיי און האָרעווען פון אינ־דערפרי ביז אויפדערנאַכט. ענדיקן זיי זייער אַרבעט, פאַרברייינגען זיי אין דער היים אויף אַ שטילן און ליבן אופן מיט זייערע ווייבער און קינדער.

עס האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק אין דער משפּחה, הערי רייס איז זייער יונג געשטאָרבן. אויך ער איז ווי די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה געווען אַ שטילע רואיקע נאַטור, וואָס האָט קיין אַנדער זאַך ניט געוואוסט ווי נאָר זיין אַרבעט און זיין פאַמיליע. מיר איז גראַדע אויסגע־קומען צו זיין אין פּראָווידענס, בשעת די משפּחה האָט געטרויערט אויף זייער גרויסן אומגליק. ס'האָט זיך געפילט, אַז דאָ איז אויסגעבראָכן געוואָרן אַ צווייג פון אַ סאָלידן צווייגהאַפטיקן בוים. איבערהויפּט האָט זיך עס געפילט אין די געזיכט־שטריכן פון די פרויען־מיטגלידער פון אָט דער אידישער משפּחה. שאַרפער האָט זיך אָט דער דאָזיקער געפיל פון טרויער אָפּגעשטעמפּלט אויף די שיינע שוועסטער, אסתר וויינער (אַלבערט'ס פרוי) און אַננע זיסערסאָן (באַרני'ס פרוי). די מענער וואָס זיינען טאָג־טעגלאַך פאַרנומען אין זייערע געשעפטן, האָט די אַרבעט און דער דרויסנ־דיקער גערודער צעשטערט אַביסל פון דעם גרויסן אוממוט, זיינען זיי זיך אָבער צונויף־געקומען אינאיינעם פון אָוונט, האָט אין זייער שטילקייט זיך געפילט אַ ווייטאָק, אַ קריוודע. די שוועסטער ווידער, האָבן זיך אַרויס־געוויזן אין זייער גאַנצער מוטיקייט. די צרות וואָס זיי האָבן געטראָגן אין הארצן האָבן זיי בשום אופן ניט אַנטפּלעקט אינדרויסן. אדרבה, אָנ־גענומען אַלערליי תרופות צו צעשטערן דעם הערשנדיקן טרויער. איז אסתר אַריינגעקומען אין שטוב האָט זיך דערפילט, אַז אַ טרייסט איז אַריינגעקומען. איר פערזענלאַכקייט איז אַ טרייסט. האָט זי מיטגעבראַכט איר שייניקע בייבעלע, האָט עס געשטיפט, האָט עס זיך גע'חכמה'ט, עס איז אַריינגעקומען אַ קראַפט צו פאַנאַנדערטרייבן, אויף וויפיל ס'נאָר מעגלאַך, דעם טרויער. האָט אסתר געבראַכט אַ לעקאַך. „אָט, איך ווייס — זאָגט זי — אויסגעבאַקן אַ שטיקל קעיק, האָב איך עס געבראַכט צום פאַרזוכן". מען זעט אַז אין איר ברויזט אַ פּראָטעסט, אַן אוממוט, אָבער

זי קעמפט מיט זיך, ניט אַרויס צו ווייזן דאָס פּאָר די אַרומיקע. זי רעדט מיט אירע ווייסע צינג־סאַמאַכן און שמייכלט און לאַכט, — זי טוט עס אַלץ צוליב איר אינווייניקסטן קאַמף מיטן אוממוט. זי וויל אַריינברענגען צוריק די שטילע געמיטלאַכקייט אין איר רואיקער משפחה. זי וויל באַזיגן איר גרויסע משפחה־קריוודע און זאָל צוריק זיך פילן די רואיקע האַרמאַניע.

* * *

אַט דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַט דער סאָלידער און שטילער טראַדיציאָנעלער משפחה. זי וויל אייננחיטן אין אירע גרענעצן די שטילקייט, די רואיקייט. זי וויל ניט זיין געקריוודעט און זי וויל קיינעם ניט קריוודען. אַ משפחה וואָס איר שטאַם איז פון אידישע טראַדיציע און האַרעוואַניע, רואיקע געמיטלאַכקייט און אַ שטילע פאַמיליען־האַרמאַניע.

זייער פּאַרנוסען

ער האָט קיין צייט ניט. ער איז זייער „ביזי“ אין זיין „דזשועלערי פאַבריק“, „סי ענד דזשי“. קומט אַריין צו אים אין אָפיס אַ פאָרשטייער פון אַ וואוילטעטיקן אַנשטאַלט, קען ער אים אפילו ניט בעטן זיצן. שטייט דער אָנגעקומענער איד פון דער זייט שטאַכעטן־ווענטל און מאָררים טשוזמיר פון אינווייניקסטער זייט, און רעדן דערווייל וועגן אידישע אינ־טערעסן. ער האָט זייער קיין צייט ניט. אפילו אַ מינוט קען ער איצט ניט אָפּגעבן און שטייט דערווייל אַזוי אַ האַלבע שעה און פאַרגעסט אפילו, אַז ער האָט אַזוי קיין צייט ניט. עס קומט אַריין איינער וועגן ביזנעס, איז מאָררים טשוזמער מפסיק אויף אַ ווײַלע, רעדט מיטן אַריינגעקומענעם וועגן ביזנעס, און נאָכער נעמט ער זיך ווייטער צום געשפּרעך מיטן אידן פון אַנשטאַלט.

דערווייל דערמאָנט זיך מאָררים אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אַריינבעטן דעם גאַסט אינווייניק אין אָפיס אַריין, צעלאַכט ער זיך און מאַכט עס גוט.

אַן אינטערעסאַנטער אידישער יונגערמאַן איז אַט דער מאָררים טשוזמער.

ער איז אַ לאַנדסמאַן פון קיעווער גובערניע, איז ער דאָס יאָר געפאָרן אַהינצו, זיך זען מיט זיינע אייגענע, האָט ער דערווייל מיט זיך מיטגעבראַכט „גאַנצע פּעק“ מיט איינדריקן, מאַטעריאַל צום שרייבן וועגן דער לאַגע פון די אידן דאָרטן. אַ סימפּאַטישער ברונעטער יונגערמאַן איז מאָררים טשוזמער און סימפּאַטיש אידישע געפילן פאַרמאָגט ער. זיין רייכטום וואָס ער האָט דערוואָרבן אין אַמעריקע האָט ניט פאַרטונקלט זיין גייסטיקן גע־שטאַלט און זיין אידיש האַרץ.

שותפים

פון צווישן די אינטערעסאַנטסטע אידישע יונגעלייט מיט אידישע הערצער, וועלכע האָבן דאָ אין פּראָווידענס געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, זיינען געווען צוויי אַזעלכע וואָס מיינע אַפּשאַצונגען וועגן זיי זיינען געווען זייער ענלאַך איינע צו די אַנדערע. געזען האָב איך זיי אין פאַרשידענע צייטן, ביי גאַנץ באַזונדערע אומשטענדן. קיין איינעם פון זיי האָב איך ביים נאָמען ניט געקענט און זייערע באַשעפטיקונגען ניט געוואוסט. דאָך, ווען איך האָב זיך גענומען צום פאַרצייכענען מיינע אַפּשאַצונגען אויפן פּאַפּיר און האָב אָנגעהויבן שרייבן וועגן איינעם פון זיי, איז מיר באַלד אַרויף אויפן געדאַנק מיינע איינדריקן וועגן דעם אַנדערן פון אָט די צוויי ענלאַכע יונגע לייט.

איינעם האָב איך באַגעגנט ביים רב אין שטוב, וואוהין ער איז געקומען איינהאַנדלען אַן אתרוג אויף יום טוב. אין זיין האַלטונג האָב איך דערזען, אַז ער מיינט עס זייער ערנסט. אים איז דער ענין ליב. אָבער אינם אופן ווי אַזוי ער האָט די מצוה איינגעהאַנדעלט, האָב איך שוין געזען, אַז אויסער דעם אתרוג האָט ער עפּעס נאָך וויכטיקס אַצינד אינזינען. ער האָט דאָ אינזינען דעם כבוד התורה, ער האָט דאָ אינזינען מהנה צו זיין דעם רב און בפירוש אויף אַ שיינעם אופן. ער גיט אים דאָ ניט קיין נדבה, ער גיט אים נאָר צו־לייזן. ווייל אַ תלמיד חכם דאַרף מען געבן הספּקה בכבוד ובהרחבה. דאָס איז געווען אברהם העללער.

דעם אַנדערן יונגנמאַן האָב איך געזען, ווען ער איז אַריינגעקומען צו אַ מיטינג אין שול. ביי דעם מיטינג האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קריוודע, וואָס אַ תלמיד חכם האָט דאָ געליטן. דער ראש המדברים אויף דעם מיטינג האָט געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס צו באַזינגן דעם תלמיד חכם און שיעור־שיעור האָט עס שוין געהאַלטן דערביי. קומט אָבער פּלוצים אַריין אַ יונגערמאַן, דערהערט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, נעמט אַ וואָרט און צעשטערט דעם גאַנצן פּלאַן פונם ראש המדברים. דער שטילער בנעימות'דיקער יונגערמאַן האָט גערעדט מיט אַזויפיל האַרץ, מיט אַזויפיל אידישן געפיל, אַז זיינע ריידן האָבן געמוזט ווירקן.

איך בין אַ בעלן געווען צו וויסן, ווער דער יונגערמאַן איז, און מ'האָט מיר געזאָגט — שלום מייקעלסאָן.

* * *

ווען איך בין געווען דאָס צווייטע מאָל אין פּראָווידענס האָב איך גע־דאַרפט זען מר. מייקעלסאָן'ען צוליב אַ ליטעראַרישן ענין. האָב איך באַ־

זוכט זיין אָפּיס. דאָרט האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט מרס. מייקעלסאָן, וואָס איז דאָ פאַררעכנט פאַר אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלאַכער טוערן. אַ באַוואוסטזיניקע אידישע טאָכטער און אַ פעאיקע געשעפט־פירערן.

דאָן בין איך אויך געוואָר געוואָרן אַז אַט די צוויי ערלאַכע און גוט־האַרציקע יונגעלייט זיינען עס שותפים אין זייער וואָל מסחר. און אינ־טערעסאַנט איז וואָס זייער שותפות איז ניט בלויז אין זייערע פינאַנסיעלע ענינים. זיי זיינען ביידע שותפים אויך אין געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייטן. טיילן זיך ביידע, ווי גוטע שותפים אויך מיט זייערע אידייען און אויך מיט זייער חבר׳שאַפט אין דעם קרייז וואו זיי פאַרקערן. און ביי אַ וואוילטעטיקער אַרבעט איז רעכט, אַז אַט די צוויי אידעאַלע שותפים זאָלן פשוט פאַרמאַכן זייער אָפּיס אויף גאַנצע טעג און טאָן זייער געזעלשאַפטלאַכן חוב מיט אַזאַ גייסטיקער איבערגעבנקייט און באַוואוסט־זיין — ממש צו באַוואונדערן.

יהודית

מיכל פאַרנעס איז אין די רעסטאָראַן ביזנעס. אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען אין געשעפט און האָט אויך אינזינען וואוילטעטיקע אַרבעט. זיין פרוי, רבקה, איז באַשעפטיקט מיט הויז ווירטשאַפט און מיט קינדער דערציאונג. טייערע קינדער האָבן זיי און אַ מיידעלע יהודית האָבן זיי. 6 יאָר איז יהודית אַלט. אַ שיין מיידאַלע איז יהודית. אַ געראָטן קינד איז זי. ווערט זי שלאָף און שטאַרבט, זיינען טאַטע־מאַמע זייער פאַרביטערט פון אַזאַ גרויסן פאַרלוסט. כל זמן עס איז געווען אַ האָפנונג האָט מען אַלץ געטאָן צו ראַטעווען דאָס קינד. ביז דער לעצטער מינוט האָט מען נאָך געהאָפט „אולי ירחם", טאָמער וועט דאָס קינד געזונט ווערן.

אַז דאָס אומגליק האָט געטראָפן, זאָגט טאַטע־מאַמע: „גאָט און זיין משפט איז גערעכט" און מ׳הויבט אָן טראַכטן, וואָסערע גוטע מעשים טאָן פאַר דער ריינער נשמה — יהודית.

באַשליסט מען אַזוי:

— דעם גאַנצן פדיון אין פענעס, וואָס מע וועט לייזן יעדן טאָג אין רעסטאָראַן, זאָל מען אָוועקגעבן צום רב, און דער רב זאָל מיט דעם געלט טאָן מצוות, ווי ער פאַרשטייט.

און אַזוי איז ער זיך נוהג, מר. פאַרנעס טאָג־איין טאָג־אויס: קומט אַריין אַ קונה, הייסט זיך געבן עסן און באַצאָלט, איז צווישן דעם געלט פאַראַנען פענעס, ווערן זיי באַלד אָוועקגעלייגט אין אַ באַזונדער קעסטעלע.

— דאָס איז די הייליקע קאַסע פאַר אַ ריינער נשמה, יהודית זייער קינד.

אַ שיינער אויפטו

איך קום אריין ראש השנה אינדערפרי אין טעמפּל „בית ישראל“ און איך דערהער דאָס זינגען פון אַ יונג־פרישן כאָר, און עס ווערט מיר אַזוי היימיש־גוט אויף מיין געמיט. דאָס זינגען איז דאָ אַזוי שול־מעסיק און אידיש־תפלה׳דיק, טאַקע גאָר ווי מיר האָבן עס אַמאָל פאַרזוכט אין אונזערע פונדאַמענטאַלע היימישע שולן.

אַ בלאָנדער הויכער יונגערמאַן, פעסט נעבויט מיט רירעוודיקע אײנ־געגעמעע באַוועגונגען, און אַ אידיש סימפּאַטיש פּנים, איז דער דיריגענט. ער האָט עס אייגעשטודירט דעם כאָר לכבוד די ימים טובים און ער איז עס איצטער מזכה דעם אידישן עולם מיט האַרציקע אידישע תפלה געזאַנגען. ער גיט עס זיי אַ מתנה. און דער פאַרשידנאַרטיקער עולם האָט טאַקע באמת הנאה פון אַזאַ געלונגענעם אויפטו, וואָס זייער דיריגענט האָט דאָ אויפגעטאָן דעם יאָר. דער דיריגענט איז איינער פון די רייכסטע אידישע יונגע לייט אין דער דאָזיקער „בית ישראל“ געמיינדע, יונה גאָלדענבערג, איינער פון די אייגנטימער אין דער „סי ענד דזשי מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני“, אַ באַוואוסטע דזשולערי פאַבריק אין ראוד איילאַנד. מיט פּרנסה איז ער ברוך השם פאַרזאָרגט. איז ער דאָך אָבער אַ באַוואוסט־זיניקער אידישער יונגערמאַן, ווילט זיך אים טאָן גוטעס פאַר דער אידישער קהלה. עס איז אים ניט גענוג, וואָס ער לאָזט זיך קאָסטן פאַר אַלע וואויל־טעטיקייטן און אויך פאַר זיין „בית ישראל“ קהלה. ער וויל עפּעס טאָן מערער. איז אַזוי ווי ער איז געבענטשט מיט אַ מוזיקאַלישן טאַלאַנט, וויל ער עס מיט זיין טאַלאַנט באַשיינען די ימים טובים פאַר זיין געמיינדע.

און ער האָט טאַקע באַשיינט די ימים טובים. דאָס האָט מען געלעזן אויף די צופרידענע געזיכטן פון די הונדערטער שול־באַזוכער. עס איז טאַקע געווען וואָס צו הערן. כאָטש ער איז קיין אַמעריקע געקומען, אײנ־גאַנצן אַ אינגל פון 15 יאָר, האָט ער אָבער אַלץ נאָך ניט פאַרגעסן, ווי ער האָט געהאָלפן זיין פאָטער ר׳ ברוך׳ן (חזן און שוחט אין קוליקאָוו לעבן לעמבערג) און געדענקט נאָך אויך גוט די תפלות, וואָס ער האָט געזונגען, אַלס משורר, ביי ר׳ זיידל ראַוונער.

דזשאָנס גאָלדענבערג (אָדער ווי איך רוף אים יונה גאָלדענבערג) האָט אַ גוטן זכרון. ער געדענקט. זיין רייכקייט אין אַמעריקע האָט ניט קאַליע געמאַכט זיין זכרון. ס׳גוט אַז מען געדענקט

זיין פרייע צייט

ער איז נאָך ניט פאַרהייראַט אברהם קעסטנמאַן, גיט ער אָפּ זיין גאַנצע פרייע צייט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּראָווידענס. ער איז טאַקע געווען פון די ערשטע אַקטיווע מיטגלידער אויף דעם דאָזיקן געביט. אברהם איז אַלט געווען 15 יאָר ווען ער און זיינע ברידער, חיים־הירש, ליפּא און מאַידל זיינען געקומען קיין אַמעריקע צו זייערע עלטערן ר׳ יעקב און גאָלדע קעסטנמאַן. און עד היום איז ער קיינמאָל ניט צוריק־געשטאַנען פון אַלע אידישע אינטערעסן.

אין אַלע רשימות פון אידישער צדקה וועט איר טרעפן די פירמע „קעסטנמאַאַן בראַטהערס״. זייערע אָנגעזעענע דזשולערי ביזנעס פאָדערן פון די געראַטענע אידישע יונגעלייט אַ סך צייט. אָבער קיינמאָל ווילן זיי זיך ניט באַפרייען צו אינזיינען האָבן אידישע כלל זאַכן. האָבן זיי עס אינגזינען דורך זייערע שיינע נתינות וואָס זיי גיבן, אָדער דורך זייער צייט, וואָס זיי ווידמענען דערפאַר.

ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען האָב איך זיך צו־געקוקט צו דער האַלטונג פון דעם אידיש סימפּאַטישן אברהם קעסטענמאַן. ער שפּאַצירט זיך אַרום פאַרטראַכטערהייט, און אַזוי שווייגנדיק פאַרנעמט ער זיין אָרט צום זיצן אָדער צום שטיין ביי אַ לעקציע צי ביי אַ פאַרזאַמ־לונג און — שווייגנדיקערהייט — ציט ער אייער אויפמערקזאַמקייט. אויף זיין געזיכט זעט איר נאָך די שפּורן פון אַ גוטער דערציאונג. פּריש אין זיין זכרון זיינען נאָך זיינע זכרונות פון זיין היימאַט, הוסיאַטין, טאַרנאָפּאָל. איך האָב באַשטימט אַ ספּעציעלן וויזיט פאַר אים. איך האָב געוואָלט פּערזענלאַך רעדן מיט דעם אינטערעסאַנטן אברהם׳ן, און דעם גוטן איינדרוק פון אונזער געשפּרעך וועל איך מיט פאַרגעניגען געדענקען.

ווען ער הויבט אָן רעדן מיט אייך וועגן זיינע דעראינערונגען פון דער אַלטער היים, דערפילט איר די ווירקונג, וואָס האָט אויף אים געהאַט דעם הוסאַטענער רבי׳נס הויף. ער איז פולשטענדיק אַמעריקאַניזירט און האָט אין זינען די ביזנעס פון זייער דזשולערי פאַבריק, דאָך איז אין אים איינ־געהיט געוואָרן די אידישע מדות און די אידישע דערציאונג וואָס ער, ווי זיינע ברידער, האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין אַזאַ טראַדיציאָנעלער אידי־שער אַטמאָספערע ווי הוסיאַטען איז געווען אין יענע צייטן פון זיינע קינ־דער־יאָרן.

ר' קאַפּל

אין דער וואַכעדיקער שול'כל האַלט מען שוין נאָך מעריב. צווישן עמוד און בימה שטייט דער רב און דערציילט זיינע תורה־מעשהלאַך און דער עולם אַרום אים, איינער אַן אַנדערן געטוליעט, שטרעקן די אויערן און הערן, שמאַצקען מיט די ליפּן און קוויקן זיך מיט דעם וואָס זיי הערן. איינער פון די איינגערע וויל זיך אַרויסדרייען פון רעדל און פון שול'כל זיך אַרויס־גנב'ענען, פאַרמאַסערט מען אים פאַרן רב, טוט דער רב אַ געשריי און רופט אים ביים נאָמען, קערט ער זיך אום צוריק, ווען ער האַלט שוין ביי דער טיר. דער עולם ווערט פריילאַך — „געכאַפּט דעם גנב". „אַז הערן זאָלן אַלע הערן".

ר ע ב ק אַ פּ ל שטייט ניט אין אויף אַן אָרט. ער האַלט זיך אין איין אַרומדרייען אַרום דעם רעדל אַרום און אַרום. אַ איד אַ זיבעציקער איז ר' קאַפּל. קליין געוואַקסן און איינגעבויגן איז ער, אָבער רירעוודיק און קרעפּקע איז זיין גאַנג. שוועבט ער אַזוי אַרום, דער אַלטיטשקער רעב קאַפּל, אַרום דעם רעדל צוהערער, ווי ער וואָלט דאָ זוכן אַ בעסער אָרט דעם רב'ס מעשה'לאַך צו הערן.

דערווייל דערזעט ער אַ יונגנמאַן מיט אַ אידיש פּנים וועמען ער האָט נאָך קיינמאָל דאָ ניט געזען. פאַרשטייט ער, אַז אַן אורח איז אָט דער יונגערמאַן. פאַרלאָזט רעב קאַפּל דאָס רעדל מיט די מעשה'לאַך און נעמט זיך צום יונגנמאַן.

קודם, ווי די מאָדע איז, „שלום עליכם" — פון וואַנען איז אַ איד?

— „עליכם שלום" — פון דאַנען און פון דאַנען.

און אַז רעב קאַפּל ווערט געוואָר, אַז ער האָט געפונען וואָס ער האָט געזוכט (טאַקע ניט קיין היגער, אַן אורח), הויבן אָן זיינע אויגן צו גלאַנצן פון גליק און ניט אָפּלאָזנדיק די האַנט ביים יונגנמאַן, פרעגט ער אים:

— קערט איר דאָך וועלן עפּעס עסן, עפּעס טרינקען?

דער יונגערמאַן נויטיקט זיך ניט אין הילף און איז גראָדע זאָגט אויך. דאָך האָט ער געוואָלט זען מיט וואָס אָט די געשיכטע וועט זיך ענדיקן. זאָגט ער ר' קאַפּלען, אַז אַ גלעזל טיי וואָלט ער גערן געטרונקען אַצינד.

— טאַ קומט! — ווערט דער אַלטיטשקער מלא שמחה. שוין נאָך פאַרגעסן, ווייזט אויס, אַז דאָ ווערן דערציילט תורה־מעשה'לאַך. אַלע מיט אַנאַנדער לאָזט ער דאָ אין שול'כל איבער, און נעמט דעם יונגנמאַן און גייט מיט אים אַרויס. אויפן וועג פרעגט אים דער יונגערמאַן:

— ר' קאַפּל, וואוינט איר ווייט פון דאַנען?

טוט דער אַלטיטשקער אַ הוסט און זאָגט:

— דער מושב זקנים איז ניט ווייט פון דאַנען.

דער יונגערמאַן ווערט איבערראַשט. עפּעס איז אים אַ וואונדער די גאַנצע געשיכטע. זיין איבערראַשונג געדויערט אָבער ניט לאַנג. רעב קאַפּל דערציילט אים באַלד, אַז ער פירט אים צו אַ אידישער פרוי. זי האָט אים אַנגעבעטן, ער זאָל נאָכזען אין שול, טאָמער זעט ער דאָרט אַן אורח, זאָל ער אים באַלד פרעגן צי ער וויל עסן אָדער טרינקען. דער יונגערמאַן פרעגט רעב קאַפּלען וויפיל די פרוי רעכנט פאַר אַ זיסע גלאָז טיי, און דער אַלטיטשקער צעלאַכט זיך:

— אַזעלכע חשבונות פירט זי שוין מיט גאָט. מיין אַרבייט איז נאָר צוברייגנען איר אַלעמאָל אורחים און אייער אַרבעט איז נאָר צו עסן און צו טרינקען וואָס מערער.

— ווי הייסט זי —פרעגט דער יונגערמאַן רעב קאַפּלען.

קוקט אים אָן דער אַלטיטשקער, טוט אַביסל אַ טראַכט און זאָגט:

— גלויבט מיר מיין פריינט, אַז איך אַליין ווייס אויך ניט ווי מע רופט זי. איך ווייס נאָר אַז איר זון מר. זאַמדפּוירל איז דער וויס־פּרעזידענט אין דער בני ציון שול.

אַ אידישע השגה

אַ גאַנץ יאָר איז מאַקס קעלמענסאָן פאַרנומען אין זיין מילאַכדיקן מסחר און האָט אינזינען אַרומגיין צווישן די היגע איינוואוינער און איינמאַנען ביי זיי די בייזשטייערונג פאַרן „האיאַס". קומען די ימים טובים, ראש השנה און יום כיפור, ווערט ער פריי פון זיינע געשעפטן, וואָלט ער געקענט מערער אַן אַרבעט געבן פאַר די אידישע אימיגראַנטן, קען מען אָבער אום יום טוב ניט פּראָווען קיין געלט־וויזיטן. דאַך וויל ער אויסנוצן זיינע פרייע יום טוב'דיקע טעג פאַר אַזאַ וואוילטעטיקע אַרבעט, וואָס איז אים הייליג, נעמט ער און פאָרט אַוועק אין אַ דערבייאיקער שטאָט און פאַרדינגט זיך פאַר אַ חזן.

דער אָפּמאַך איז אַזוי: מר. קעלמענסאָן דאַרף דאַווענען ימים נוראים און די שול דאַרף „אים" דערפאַר באַצאָלן מיט אַן אַפּיל און געלט־זאַמלונג פאַרן „האיאַס".

דאַווענען קען ער און ער האָט עס ליב אויך, זיין גוטע פרוי איז מיט זיין אידייע מסכים און ווערט אויך מיטפאַרן — טאָ פאַרוואָס־זשע זאָל ער לאָזן פאַרלוירן גיין אַזאַ טייערן זמן, ימים טובים, ווען אַלע אידן זיינען אין שול, און ס'זאָל ניט ווערן עטלאַכע הונדערט דאָלער לטובת „האיאַס"?

אַזאַ איד איז מר. קעלמענסאָן פון ניו יאַשעל, נ. י.

אַ פריילאַכער שניידער

איך בין אריין צו שערמאַן דעם שניידער, שמואל, דאכט זיך, הייסט ער. איך הער ווי פון צווייטן צימער זינגט מען אַ אידיש לידל. נעם איך און פאַרשרייב עס:

איך האָב זיי געזעען,
די מאַקאַבייער פון היינט,
מיט וואָס פאַר אַ מיטלען
זיי באַקעמפן די פיינט.

ניט מיט קאַנאָנען,
ניט מיטן שווערד;
נאָר מיט טריקענען זומפּן
און באַפלאַנצן די ערד.

די זומפּן, די שונאים,
זיי זיינען אַ שרעק;
זיי נעמען דעם שטאַרקסטן
און לייגן אַוועק.

די מוטיקע קעמפער
ווייסן דאָס גוט;
זיי האָבן פול גלויבן
און פאַרלירן קיין מוט.

דער קאַמף איז אַ שווערער,
ער איז אָבער מיט חן;
צו בויען פאַר זיך
אַן אייגענע היים.

אז דאָס לידל האָט זיך געענדיקט זינגן, בין איך אריין אין יענעם צי־מער, דערזע איך פאַר מיר אַ יונגערמאַן שטייט ביי אַ פרעס־אייזן. פאַר־שטיי איך, אַז ער איז עס דער זינגער און ער איז עס דער שניידער. איך פרעג אים: „וואָס איז עס פאַר אַ לידל?“ ענטפערט ער מיר, אַז ס'איז זיינס. שטייענדיק אַזוי ביי דער ארבעט, זאָגט ער, פאַלט אים אריין אַ געדאַנק, זינגט ער עס ארויס. און אַ נאָמען פאַר'ן לידל, זאָגט ער, האָט ער שוין אויך. „חלוצים“ — וועט עס הייסן.

מענטשן און אַרבעט

(פון באַריכטן אין אָפּיס)

ס׳איז שווערע אַרבעט צו אָרגאַניזירן די שולן פאַר אַן אַפּיל אום יום־טוב. ניט אַלע שול־פּרעזידענטן זיינען פּייאיק צו באַגרייפן די וויכטיקייט צו לאָזן מאַכן אין זייער שול אַ געלט־זאַמלונג פאַר אַ וואוילטעטיקן אַנשטאַלט. אויב אַ געלט־זאַמלונג, — זאָגן זיי, — איז זייער אייגענע שול אָדער אייגענע תלמוד־תורה בילכער.

ביז איצטער האָב איך זיך געזען מיט אַזעלכע שול־פּרעזידענטן, וואָס פאַרשטייען יאָ. מאָרים פיינבערג, פּרעזידענט פון „בני ציון" שול, איז בכלל אַ מענטש מיט אַ גוטער האַרץ. ה׳ כץ, פּרעזידענט פון „אהבת שלום" שול, פאַרשטייט ווי צו האַנדלען אין אַזאַ ענין. די זיינען די איינציקע שולן אין „נאָרט סייד", וואו מען קען עפּעס טאָן פאַר אַ נאַציאָנאַלן וואוילטעטיקן אַנשטאַלט. אין די דאָזיקע שולן האָב איך אויך באַגעגענט אידן וואָס האָבן בכלל אַן אינטערעס אין אידישער צדקה. מר. דזשערסקי און מר. ראַשין אין דער „בני ציון" שול און מר. לואיס באַלאַטאַוו און מר. פיליפּ אייבראַמס אין „אהבת שלום" שול.

אין סאַוט פּראָווידענס איז שוין די אַרבעט געגאַנגען אויף אַ בעסערן אופן. אין דער „מחזיקי הדת" שול איז פּרעזידענט מר. דוד קאַרן. ער האָט אַליין ליב געבן אַ סך געלט פאַר צדקה און ער זעט אויך אַז די אידן פון זיין שול זאָלן אַזוי טאָן. פאַר אַ וויכטיקן אַנשטאַלט מאַכט ער אַליין אַן אַפּיל, דאָס איז אַ מין הקדמה צו דער רעדע וואָס דער פאַרשטייער פון אַנשטאַלט האַלט פאַרן שול־עולם. איך האָב אויך געקראָגן די רוסישע שול, וואו ר׳ מרדכי סילווערמאַן איז גבאי, און די עסטרייכישע שול, וואו מר. צאַלעמייער איז פּרעזידענט. דער סעקרעטאַר פון דער שול, ר׳ בנימין אוילבוים, שיינט צו זיין אַן ערלאַכער שטילער איד. דאָרט האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט אַ היימישן משכיל, מר. בוירק, דעם לאַיער יהושע בעלי׳ם שווער, איך האָב געזען ביי אים זיינע העברייאישע כתבים.

אין קאַונער שול האָב איך זיך באַקאַנט מיטן שוחט מר. מאַלעט, אַ באַוואוסטזיניקער יונגערמאַן, אָבער אין דער שול איז, נאָך מיין מיינונג, ניטאָ וואָס צו טאָן.

*

די טעג וועט זיין דער „האיאס" קאָנצערט אין „אהבת שלום" שול. מיט דעם קאָנצערט וועט זיך אָנהויבן דער קאַמפּיין. דער באַרימטער חזן ר׳ שמואל קאַנטעראָף פון ניו יאָרק וועט דורכפירן דעם קאָנצערט. ער איז אַ גרויסער טאַלאַנט און איז אַ תלמיד־חכם פון דער היים. ער איז עס דער פעטער פון דער גוט־באַוואוסטער „אָדעסער חזנ׳טע".

דער קאָנצערט האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן מיט דעם, וואָס איך האָב צוגעקראָגן פייאיקע קאַמיטעטס פאַר אונזער קאַמפּיין. מרס. שרה קאַרב איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך פאַרשריבן צו אַרבעטן פאַרן „האַיאָס“, און אויך מרס. שרה אַקערמאַן. דאָרט איז אויך געווען מר. שמעון מעקטעז, פּרעזידענט פון וואונסאָקעטער שול, און ער האָט פאַרשפּראָכן צו טאָן גוטע אַרבעט אין זיין שטאָט.

*

כ׳האָב איינגעאָרדנט אונזער אָפיס אין ציוניסטישן סענטער. מר. קראָול האָט מיר אָפילו איינגעלאָדן צו האָבן אונזער אָפיס אין דעם גרויסן זאַל פון היגן „גמילות חסד“, וואו ער איז פּרעזידענט, אָבער איך דענק, אַז דער ערשטער פּלאַץ איז מערער אין צענטער פון שטאָט. די אַרבעט איז אין פולן גאַנג. איך האָב באַזוכט די מיטינגען אין אַרבעטער רינג, וואו עס האָבן זיך פאַרשריבן קאַמיטעטס פאַר אונזער אַרבעט. מרס. קאַרב האָט מיך פאַרגעשטעלט ביי אַ מיטינג פון דער „לײדיס אָקזילערי“ און דאָרטן האָבן זיך פאַרשריבן מרס. רייס, פּריטשער, וויינער (זי איז די פּרעזידענטין פון דער היגער „מאַטהערס ליג“), און זיי וועלן שוין צוקריגן צו זיך מיטהעלפערינס.

*

היינט איז געווען דער ערשטער מיטינג פון די קאַמיטעטס. עס זיינען צוגעקומען נייע אַקטיווע טוערינס — מרס. אַדוואַרד הוירש, מרס. מאַרים פיינבערג, מרס. סעם אווירנסטאַף און אַנדערע. אין קאַמיטעט האָבן זיך פאַרשריבן די אָנגעזעענסטע טוער פון שטאָט. דער באַוואוסטער לאָיער פיליפּ דזשאַסלין, סענאַטאָר ראַבינסאָן, ראַביי סעמיועל גאָפּפּ, דזשייקאָב אורנסטאַף, לואי רייטער און אַנדערע.

*

איך האָב היינט באַזוכט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון דער „מאַטהערס ליג“. געטרייע אידישע טעכטער, וואָס ווילן טאָן גוטעס, כדי צו לינדערן די אידישע צרות אין דער אַלטער היים. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו זיין טעטיק פאַר אונזער קאַמפּיין.

*

איך האָב צוגעקראָגן זייער וויכטיקע פּובליסטי טוער. לאָיער יהושע בעלל איז אַ גרויסער תלמיד־חכם און איז זייער אַ באַשיידענער יונגערמאַן. ער האָט אָנגעשריבן געלונגענע נאָטיצן אין דער היגער פּרעסע פאַר אונזער קאַמפּיין. לאָיער סעמינאָף, דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פונם היגן וואָכנבלאַט „דזשואיש רעוויו“, איז זייער געטריי אין אונזער אַרבעט. אין זיין ציייטונג איז ער שטענדיק וויליג צו געבן וויפיל מען דאַרף אָרט פאַר

אונזערע אַרטיקלען. מר. דזשייקאָב קאַגאַן, דער פּאַרוואַלטער פון היגן קאָ־מיוניטי סענטער און דער אַרויסגעבער פון „דהים וויק אין פּראָווידענס", האָט זיך זייער געטריי באַטייליקט אין אונזער פּאָבליסיטי אַרבעט. מיס איידאַ רובינסטיין, אַ טאָכטער פונם גאָטזעליקן רב רובינסטיין, פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין לאַנד; רחל און יעקב לאַיט, די קינדער פון אונ־זער פריינט און אַקטיווער טוער, רבי לאַיט, אַן אָנגעזעענער רב אין לאַנד; מיס בראָדסקי פון דזשיימס גאָלדמאַנ׳ס אָפּיס און מיס הוירש, העלפן אַרויס אין דער פּובליסיטי אַרבעט. געטרייע אידישע קינדער.

*

די פרויען־קאָמיטעס ברענגען גוטע באַריכטן. מרס. פּריטשער און מרס. רייס ברענגען גרויסע געלט־סכומים. מרס. ה. וויינער און מרס. ש. קאָרב פירן דורך אַ גרינטלאַכן באַזוך אין זייער טעריטאָריע. מרס. לוסי בלאַק האָט באַזוכט די פּערזאָנען, וועמען זי האָט געדאַרפט באַזוכן. מרס. פיינבערג האָט באַזוכט איינינגע פּערזאָנען. מרס. אַקערמאַן האָט געבראַכט אַ גוטן באַריכט און פון די איבעריקע קאָמיטעס דערוואַרט איך די טעג צו הערן גוטע נייעס.

*

איך קום איצט פון ניופּאָרט. איך בין געווען דער גאַסט פון הערר ניעמצאָוו. איך האָב זיך באַקאַנט מיט מעקס קוזניצאָוו. מר. קאַנאַריק האָט איבערגעלאָזט זיין פּרנסה און האָט מיך אַרומגעפירט אין זיין מאַשין צו באַזוכן די היגע אידן.

*

אין וואונסאָקעט האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט מר. מאַיער־סאָן און מר. מעקטעז. מאָטל שערמאַן האָט מיר אַרומגעפירט מיט זיין מאַשין און האָט געטאָן גוטע אַרבעט. מיין אַרבעט אין וואונסאָקעט האָב איך געענדיקט מיט דער הילף פון פרץ מעקטעז, אַ באַוואוסטזיניקער אידי־שער בחור׳ל, שמעון מעקטעז׳ס זון. ער איז ממש געווען באַגייסטערט פון דער אַרבעט. עס איז אים געפעלן, זאָגט ער, צו זען ווי מע דאַרף זיין קלוג און געלערנט, כדי צו מאַכן די מענטשן געבן צדקה.

*

אַזאַ סאָרט באַגייסטערונג האָב איך געזען אין הויז פון מר. שוואַרץ אין פּאוטאַקעט. מר. שוואַרץ איז דער שמש פון דער היגער שול און זיין מידה פון הכנסת אורחים איז ממש צו באַוואונדערן. אַזוי איז זיין פאָטער, אַזוי איז ער און זיין פרוי און אַזוי זיינען זיינע קינדער. עס איז ביי זיי אַ גרויסע שמחה, ווען זיי האָבן אַן אורח ביי זיך. עס קומט זיי צו אַ שטיק געזונט, אַז אַן אורח עסט ביי זיי. זיי טוען עס אַזוי ערנסט, אַזוי האַרציק.

Surdut S.
Swart Russel
Shwartz Sam
Sweet S.
Sydney A.
Taber C.
Taber Philip
Tabulsky Mrs.
Tanenbaum
Tanenbaum L.
Temkin Lewis & Co.
Tishler Moses
Trotsky I.
Talan Max
Temkin Charles
Temkin Max
Temkin Nathan
Temkin Noah
Tieman Mike
Tillis Benj.
Topaz Dr. Anna
Torgan Wm. & Irving Fleishman
Trinkel Mr. & Mrs. B
Vigo Solomon
Villar Mrs. P.
Volpe Samuel
Volpe Harry
Wax Saul
Waxman Harry
Weinberg Hyman
Weiner A. L.
Weiner Alexander
Weiner H.
Weiner & Woolf
Weiner Albert
Weinstock Mary
Weis Max
Weissberg J.
Weisman L.
Weisman Sam
Werner Nathan
Wexler Samuel
Willer Mrs.
Winkelman A.
Winkelman & Finkelstein
Wine H.
Winograd Max
Wintman Solomon
Woolf Isaac
Workman & Esman
Wuraftic B.
Wagner Charles H.
Walder George
Waldman Samuel
Wallenstein R.
Walker Donald M.
Wasserman Miss Sadie
Webber Dr. Joseph B.
Weinstein P.
White J. J.
White Mrs. M.
White Nathan
White Samuel M.
Wiesel Morris
Williams Frank H.
Williams M. F.
Wine David S.
Wise George
Wizbiz A.
Woiler Dr. Isaac
Wolf Edward
Wolf Mrs. Joseph
Wolfe Bros.
Woolf Earl
Woolf Mrs. Henry
Woolf Morris
Woolf Peter J.
Young Bros.
Zurier Abraham
Zura Allie
Zawatsky Z.
Zetserman Jacob T.
Zinn O.
Zisserson Bernard
Zellermayer A.
Zetlin Benj.
Zetlin Mrs. L.
Zisserson Barney
Zitzerman Jacob T.
Zura Benjamin

WESTERLY, R. I.

Deutsh Louis
Etelman M.
Itzkowitz E.
Goldberg Charles
Goldberg P.
Gordon J.
Lahn Max
Levkowitz H.
Novogrodsky Max
Ribner David
Richmond Charles
Silverstein Bros.
Solomon L.
Soloveitzick Morris
Soloweitzick S.

WOONSOCKET, R. I.

Bernstein S.
Brenner Bros.
Brown W.
Cohen A.
Diamond Max
Diamond S.
Dorman Arthur
Dorman Louis
Eisenberg I.
Falk J.
Falk M.
Falk Nathan
Fellman M.
Gordon J.
Hershengoro J.
Kane J.
Kornstein N.
Levin J. J. & Son
Macktay Sam
Mayerson M.
Rabinowitz E.
Rubin Morris
Sherman E.
Sherman Max
Silansky L.
Skolnick D.
Solomon Ben
Sorkes B.
Swartz L.
Leman H.
Yenovsky A.
Levin S.

Rosenberg Louis F.
Rosenberg Sarah
Rosenheim Milton E.
Rosenhirsch Mrs. H.
Rosenhirsch Max J.
Rosner Herman
Ross Max
Rossman Benj. H.
Rothschild B.
Rothschild Saul
Rottenberg H.
Rottenberg M.
Rouslin Charles
Rouslin Dr. John J.
Rubin Mrs. John
Rubinstein Samuel
Rothman D.
Rotman Abe
Rotman M.
Rottenberg Adolph
Rottenberg Isaac & J. R.
Rouslin B. Dr.
Sacket James
Sacket L.
Sacket Morris
Sapsowitz V.
Salish Morris
Salk Hyman
Salk Max
Sandperil George
Sass Benjamin
Sacs Solon D.
Salter Nathan M.
Saltzman David
Samdperil Charles
Samuels Col. Joseph
Samuels Leon
Sanek James O.
Sanek M.
Sapinsley Milton C.
Scheminger John Jr.
Schleifstein M.
Schloss Berrick
Schloss Mrs. Fannie
Schneider Mrs. Dora
Schonfarber G.
Schreiber Mrs. S. A.
Schwartz Mr. & Mrs. D.
Schwartz Morris
Seefer Joseph
Seidman Israel
Selonek J. M.
Selonek Lester
Seltzer Mrs. Morris
Semenoff J. C.
Serge Manuel W.
Sharpe Ralph
Sharp S.
Shartenberg Mrs. E.
Shartenberg Mrs. J.
Shaset Morris
Shatkin Harry
Shaw Louis
Sheffers Mrs. Annie
Sheffers Edward N.
Shein Edward
Shepard Co.
Sherman Manuel
Sherman Samuel
Shuman Mrs. P.
Siegal Mr. & Mrs. Max
Silverstein Harry
Silverman Archibald
Silverman Charles
Silverman Irwin
Silverman John
Silverman Pincus
Silverman Samuel
Silverstein Raphael
Silverstein Sarah
Simons Maurice
Slepkow Joseph
Slepkow M.
Slocum A. & Son
Smira Max
Smira Mrs. Simon
Smira W.
Smith Harry M.
Smith Wm. M.
Snyder Daniel
Sollinger J.
Solomon M.
Soren, Harry
Spear Alfred
Sperber H.
Spitz A. A.
Spunt David
Starr Dr. Samuel
Steiner Louis
Steiner Morris
Steiner Wm.
Steinert Albert
Stevens Mrs. David A.
Stone Mrs. Sila
Sulzberger Milton
Summerfield Co.
Sundlun Morris
Sundlun Walter
Susskind Louis
Sutton A. L.
Swartz Herman
Sydney Jacob T.
Schretter Samuel
Schwartz Joseph
Shatkin Harry
Shatkin Louis
Shiner Lyne
Sherman S.
Shneider B.
Semenoff Leon
Siegel Louis
Silver Jos. J.
Silverman Bros.
Silverman J.
Silverman M.
Silverman Robert
Silverman Sam
Silverstein Max
Silverstein S. F.
Simons J.
Simon Leon
Simon S.
Shear M.
Sheurman M.
Shiner Lynn
Shugarman R.
Singer Isador
Snell M.
Solomon John
Sorel Bros.
Smith Charles
Smith J.
Smira Louis
Spector S.
Spigel Abraham
Stein S.
Steiner D. H.
Steiner S.
Sugarman Abe
Sugarman Hyman
Sugarman M.
Sugarman R.
Sugarman S.

Magid Samuel M.
Maglin Samuel
Mamis Samuel I.
Manes Harry
Marcus Ira
Marcus Mr. & Mrs. Ira
Marcus Israel
Marcus Julius
Marcus Lyon
Marcus Philip V.
Markensohn Frank
Markoff Charles A.
Markoff Ed.
Markoff Fred
Markowitz Benjamin
Marks Bert I.
Marks Mrs. Isaac
Marks Mrs. Martha
Marshak Jacob L.
Matzner Henry
Mayberg K.
Mellion Bros.
Mellion M.
Meyer Leo S.
Misch Mrs. Marion L.
Misch Walter P.
Mistofsky Abraham
Morgan Michael
Mushnick James L.
Marcowitz I.
Marcus Joseph
Margulies Moses
Mark H.
Markenson R. G.
Marks M.
Mayrberg B. C.
Motzner Hannah
Meklen Rebecca
Meller A. Co.
Meshnik N.
Michaelson Samuel
Milman Joseph
Miller Chales
Miller M.
Minkoff Harry
Mistovsky Rose
Mittelman H.
Monschein J.
Morgan L.
Morris Clothes Co.
Naro Wholesale Grocery
Nathanson Samson
Neuberger Samuel
New England Glass Co.
Narva Morris
Nathanson Max
Nicoll A.
Norman Ed.
Novogroski Mrs. S. B.
Nutman J.
Oelbaum Benj.
Orenstein Mendel
Oken Isadore J.
Olevson Mrs. J.
Olevson J. B.
Oppenheimer Jomes H.
Orenstein Samuel H.
Orliansky D.
Oster Abraham
Pachar Samuel D.
Palofsky L.
Parvey H. Dr.
Perelman S.
Perler I.
Perlman D. & Sons
Perlow Morris
Pibirs Dr. A. I.
Pockar Samuel B.
Pollack J.
Popkin
Pullman Max M.
Press S.
Pressel Bros.
Palotnick Ida
Papernow L.
Paris Paul B.
Parness A.
Parness Frank
Parnas Maurice J.
Paster Irving D.
Paster Herman
Pearlman I. Preston
Pepper L.
Perlow Nathan
Perry Marsden J.
Pick Mrs. Sophia
Pincus Joel J.
Pollock Mrs. B.
Posner J.
Presser Isadore
Priest Mrs. Samuel
Primack Max
Pulver B.
Presser I.
Robin B.
Rabinovitz B.
Rabinowitz William
Rakutansky B.
Reiter Louis
Resnick I.
Resnick J. M.
Reuter R.
Reuter Wm.
Richter Max
Robinson David
Robinson J. A.
Robinson S.
Robinson Robinson
Rose Isaac
Rose P.
Rosen Harry S.
Rosen B.
Rosen Sigmund
Rosenbaum H.
Rosenberg Nathan
Rosenberg Abner
Rosenfeld J. J.
Rosenfield Frank
Rosenstein Morris
Rabinowitz Sidney
Rabinowitz Sophia
